STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06227

DI GESHIKHTE FUN DER YIDISHER KOLONIZATSYE IN ERETS-YISROEL

Alex Bein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בײַן

די געשיכטע

פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל

«יסודות» — אַרויסגעגעבן פון דער «מחלקת החלוץ»
ביי דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל

יידיש: יחיאל מנקר

כל הזכויות שמורות
נדפס בישראל
Printed in Israel
דפוס „דבר", תל־אביב

די קאפיטלען פון בוך

דער אָנהייב פון דער יידישער קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל . 5

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אויפן וועג צו פראקטישער
ארבעט אין ארץ־ישראל . 25

ארץ ישראל אין דער וועלט־מלחמה (1914—1918) 58

די איבערגאנגס־צייט (1918—1921) 66

די דריטע עליה 79

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע אין דער איבערגאנגס־צייט . . 95

די קאָלאָניזאציע אין די יאָרן 1921—1924 105

די פערטע עליה (1924—1929) 119

די פינפטע עליה (1929—1936) 152

די תרצ״ו־געשעענישן און די נייע קאָלאָניזאציע (1936—1939) . 178

די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין ארץ ישראל בשעת און נאָך
דער צווייטער וועלט־מלחמה . 195

מסקנות 198

דער אנהייב פון דער יידישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל

ארץ־ישראל און יידן אין פארלויף פון דורות

דאָס יידישע פאָלק האָט קיין מאָל אין זיין לאנגער גלות־געשיכטע ניט מוותר געווען אויף זיין לאנד. ניט נאָר אין געדאנק האָבן די יידן אין גלות קיין מאָל זיך ניט אָפּגעזאָגט פון ארץ־ישראל; ניט נאָר אין די ימים־טובים, אין די מנהגים און אין דער טראדיציע איז ארץ־ישראל געבליבן די נשמה פון פאָלק און דער מקור פון זיינע טרוימען און בענקענישן; פאקטיש האָט די פארבינדונג צווישן די יידן און ארץ־ישראל זיך קיין מאָל ניט איבער־געריסן.

דאָס לאנד האָט געביטן זיינע דעראָבערער. נאָך די רוימער זיינען געקומען די אראבער (אין יאָר 636), שפּעטער — די סעלדזשוקן (1071), די „נוסעי־הצלב״ (1099), די מצריש־סירישע דינאַסטיע פון די בני איוב (1187), די מאמעלוקן (1291), די טערקן (1517). אָבער תמיד האָבן עקזיסטירט יידישע ישובים אין ארץ־ישראל. אין גליל העליון האָבן די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים אויסגעהאלטן ביז צום סוף פון מיטל־אַלטער. אין דעם קליינעם אראבישן דאָרף פּקיעין, צפון־מערב פון צפת, האָבן ביז די אומרועז פון יאָר 1936 געוווינט 14 משפחות יידישע פויערים. און ס׳איז פאַראַן אַ באַגרינדעטע מיינונג, אַז זייערע אבות האָבן קיין מאָל ניט פארלאָזן דאָס לאַנד און זייער ערד.

אין יעדן דור האָבן יידן פון די גלות־לענדער געפּרוווט צוריקקערן אין זייער אלטער היים. אָנהויבנדיק פון 16־טן יאָרהונדערט זיינען עליה־שטראָמען, איינער נאָכן צווייטן, געגאנגען קיין ארץ־ישראל.

נאָכן גירוש ספרד (1492) זיינען אייניקע פון די ארויסגעטריבענע יידן אריבערגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, און מיט זייער קומען איז אנטשטאנען דער ספרדישער ישוב. אין מיטן פון 16־טן יאָרהונדערט האָבן זיך יידן פון

דאָס ניי באַזעצט אין טבריה, וועלכע דון יוסף הנשיא האָט אין יאָר 1560 באַקומען אַלס נחלה פון סולטאַן סולייִמאַן. אין 17־טן יאָרהונדערט, נאָך די שחיטות פון חמעלניצקי און דעם חורבן פון די יידישע קהילות אין אוקראַינע און פוילן (גזירות ת״ח ות״ט), האָבן אָנגעהויבן צו קומען יידן פון מזרח־אייראָפּע. אין 18־טן יאָרהונדערט זיינען פאָרגעקומען די עליות פון די חסידים, און אין משך פון 19־טן יאָרהונדערט זיינען עולה געווען יידן פון ליטע, עסטרייך, רוסלאַנד, פוילן, צפון־אפריקע און פון מזרח־לענדער. איינע און די זעלבע שטרעבונג האָט זיי אַלע געבראַכט אין לאַנד אַריין: צו לעבן אין הייליקן לאַנד און דינען דעם רבונו של עולם מיט גלויבן און דבקות, און דורך דער באַנייונג פון זייער פאַרבינדונג מיטן לאַנד פון די אבות פאַרטיפן זיך אין די געהיימניסן פון דער תורה, זוכה זיי צו עולם הבא דורך מעשים טובים און צוגרייטן דאָס פאָלק צו שיבת־ציון.

דער אלטער ישוב

אין יאָר 1882, ביים אָנהויב פון דער מאָדערנער קאָלאָניזאַציע, האָבן שוין אין לאַנד געלעבט בערך 25000 יידן, וואָס זיינען אין זייער איבער־וויגנדער מערהייט געזעסן אין די „פיר הייליקע שטעט״: ירושלים, טבריה, צפת און חברון. מער ווי אַ העלפט פון אַלע יידן זיינען געווען קאָנצענטרירט אין ירושלים. אַ קליינער יידישער ישוב איז געווען אויך אין דער האַפן־שטאָט יפו.

די עקזיסטענץ פון דעם אַלטן ישוב האָט זיך אין אַ גאָר גרויסער מאָס באַזירט אויף דער „חלוקה״. דאָס איז אַ נדבות־זאַמלונג פאַר די פרומע יידן אין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט אין די גלות־לענדער. אַ דאַנק דעם איז אַנטשטאַנען אַ נעץ פון „כּוללים״ אין ארץ־ישראל לויטן פּרינציפּ פון לאַנדסמאַנשאַפטן. אַ טייל פון זיי האָבן געוויזן צונויפזאַמלען באַדייטנדע געלט־סומען, פון וועלכע ס׳האָט געלעבט דער גרעסטער טייל פון די ארץ־ישראלדיקע יידן.

די שפּעטערדיקע עולים האָבן שאַרף קריטיקירט דעם „אַלטן ישוב״, די „חלוקה יידן״. זיי האָבן געטאַדלט דעם לעבנס־שטייגער פון זיינע אָנפירער, וואָס זיינען געווען ווייט פון פיזישער אַרבעט און האָבן זיך באַשעפטיקט מיט זאַמלען נדבות. זיי האָבן באַקעמפט זייערע באַגרענעצטע און פאַרגליווערטע אָנשויונגען, דעם סעקטאַנטישן געטאָ־גייסט, וואָס האָט געהערשט אין די שמאָלע און קרומע געסלעך, די פאַרשטענדנישלאָזיקייט און אַפילו שנאה, וואָס פיל פון דעם אַלטן ישוב האָבן אָפּן אַרויסגעוויזן צו די נייע עולים.

עס שטעקט זיכער פיל אמת אין דער דאָזיקער קריטיק, אָבער מ׳מוז

מודה זיין, אז די עולים פון די פריערדיקע דורות האָבן א גרויסן פארדינסט: זיי האָבן דערהאלטן די ממשותדיקע פארבינדונג צווישן ארץ־ישראל און דעם גלות, און ס'איז אַ ספק, צי ס'וואָלט אָן דעם געקאָנט אַנטשטיין די מאָדערנע חיבת־ציון. אָן דער דאָזיקער פארבינדונג וואָלט די לאַגע פון די נייע עולים, וואָס זיינען געקומען אין לאנד אריין אין די אכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, געווען פיל, פיל שווערער, ווי זי איז געווען אין דער ווירקלעכקייט.

די ערשטע פרווון פון לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאַציע

אין דעם „אַלטן ישוב" האָבן זיך אויך געפונען עלעמענטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו באנייען זייער לעבן אויפן יסוד פון לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט. אזוי, למשל, האָט דער פרומער ייד, משה זאקש, וואָס האָט עולה געווען פון דייטשלאנד אין 1835, געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאר גרינדן לאנד־ווירטשאפטלעכע ישובים אין ארץ־ישראל.

משה מאָנטעפיאָרע האָט שוין געפונען אין געוויסע קרייזן פון אלטן ישוב פארשטענדניש און גרייטשאפט זיך צו באזעצן אויף לאנדווירט־שאַפטלעכן באָדן און אָנהויבן אַ ניי לעבן דורך ערדאַרבעט. שוין אין יאר 1855 האָבן די ירושלימער יידן (אונטער דער אנפירונג פון יהושע יעלין) געקויפט ערד אין אראבישן דאָרף קאָלאָניא, אין שכנות פון ירושלים, אויף וועלכער ס'איז נאָך דעם (אין יאָר 1894) געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניע מוצא. און ענדלעך האָבן אין יאָר 1878 משה־יואל סאלאמאן פון ירושלים צוזאמען מיט צוויי אונגארישע יידן, יהושע שטאמפער און דוד גוטמאן געמאכט דעם ערשטן ערנסטן פרווו אויפן געביט פון לאנד־ווירטשאפלעכער קאָלאָניזאציע. לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער לייטונג פון סאלאמאן האָט זיך אַ גרופּע יידן באזעצט אויף אַ זומפּיקן שטח ביים ברעג פון ירקון און געגרינדעט די קאָלאָניע פּ ת ח ־ ת ק ו ה.

טראָץ דער העלדישער עקשנות פון די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געליטן פון קראַנקייטן און געהאט אויסצושטיין שווערע אנגריפן פון זייערע אראבישע שכנים, איז דער ערשטער פרווו ניט געלונגען. (אין יאָר 1883 האָבן עולים פון רוסלאנד באנייט די שטרעבונגען פון זייערע פאָרגייער, און פון דעמאָלט הייבט זיך אָן דער פאַקטישער אויפבוי פון פתח־תקוה)

די לאנדווירטשאפטלעכע שול אין מקוה־ישראל

אָבער פתח־תקוה איז ניט דער ערשטער לאנדווירטשאפטלעכער אויפטו אין ארץ־ישראל. פאר פתח־תקוה איז געווען מקוה־ישראל. שוין אין יאר 1870 — דאסמאל ניט דורך ארץ־ישראלדיקע יידן — זיינען געלייגט

געוואָרן די יסודות פאַר דער אָרגאַניזירטער לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה פון די קאָלאָניסטן. קארל נעטער האָט אַלס דעלעגירטער פון דער „אַליאַנס" (געזעלשאפט „כל ישראל חברים" אין פאריז) געגרינדעט די לאַנדווירט־שאַפטלעכע שול אין מקוה־ישראל, ניט ווייט פון יפו.

אין אנהויב איז אויף דער שול, גלייך ווי אויף אַלע אנדערע וועלט־לעכע שולן, אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ חרם, אונטערן איינפלוס פון דער הערשנדיקער אָרטאָדאָקסיע. אַ חוץ דעם איז די שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאר לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה און נאַציאָנאַלער באַנייונג, פאַרוואַנדלט געוואָרן נאָך נעטערס טויט אין אַ ריין פילאַנטראָפּישע אינ־סטיטוציע. צוליב די דערמאנטע טעמים האָט מקוה־ישראל אין איר אנהויב ניט געהאט די ממשותדיקע השפעה אויף דער אנטוויקלונג פון דעם נייעם יידישן ארץ־ישראל, ווי עס איז געווען געפלאַנט דורך אירע גרינדער.

די קאָלאָניזאַציע פון די „חובבי ציון"

דער זכות פון דעם ממשותדיקן אָנהויב פון דער לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאַציע געהערט דער „חובבי ציון"־באוועגונג, וואָס איז אנטשטאנען אין מזרח־אייראָפּע נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאנד, איז פרילינג 1881 יאָר. די דאָזיקע באַוועגונג האָט אין די יאָרן 1882־84 און 1890־91 געשיקט צוויי שטראָמען עולים קיין ארץ־ישראל, און זיי האָבן געלייגט דעם יסוד פאר די שפּעטערדיקע אויפטוען אין לאַנד. געוויינטלעך באַצייכנט מען די דאָזיקע צוויי עליה־שטראָמען מיטן באגריף: „ערשטע עליה". פאקטיש אָבער אונטערשיידן זיך די ביידע שטראָמען איינער פון צווייטן דורך זייער אינער־לעכער שטויס־קראַפט און זייער צוזאמענשטעל.

די עליה אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן (1882־4)

די עליה פון די אַכציקער יאָרן האָט געשעפּט איר גייסט פון דער ביל"ו־באוועגונג (ביל"ו זיינען די ראשי־תיבות פון דעם לאָזונג: „בית יעקב לכו ונלכה"). דאָס איז געווען אַ באוועגונג פון שטודירנדער יוגנט, וואָס האָט געוואָלט דורכן צוריקקער צו ערדארבעט און דורכן פּערזענ־לעכן אָנטייל אין דער אויפבוי־טעטיקייט לייגן די יסודות פאר דער אויפלע־בונג פונעם פאָלק אין זיין לאנד.

די ביל"ויים האָבן געשטרעבט צו בויען ישובים אויף קאָלעקטיוויס־טישע יסודות, וואָס וועלן זיין אַ מוסטער פאר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז אין 1882 געקומען קיין ארץ־ישראל און איז בייגעשטאנען דעם נסיון. אין א פארצווייפלטן געראנגל מיט אומצייליקע שטערונגען האָבן זיי אין יאָר 1884 געגרינדעט די קאָלאָניע גדרה. אָבער

אויך דער רוב פון אלע אַנדערע עולים פון יענער צייט, און צווישן זיי אַ געוויסע צאָל פאַרמעגלעכע מענטשן, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט די זעלבע געדאַנקען, וואָס האָבן געפונען זייער בולטן אויסדרוק אין דער ביל"ו־באַוועגונג: זיי האָבן זיך באַטראַכט אַלס די חלוצים פון פאָלק, און זיינען געווען זיכער, אַז ס'וועט גענוג זיין אַ מוסטער־טאַט און אַ התחלה פון זייער זייט, כדי צוציען דאָס גאַנצע פאָלק; אַז פון די ווייניק פאַרזייטע קערנדלעך וועט אין אַ קורצער צייט אויסוואַקסן אַ גרויס ווערק; אַז ארץ־ישראל וועט ווידער אויפגעלעבט ווערן און וועט ווערן דאָס פאָטערלאַנד פאַרן צעזייטן און צעשפּרייטן פאָלק, און זיינע קינדער וועלן זיך ווידער פילן זיכער אויף זייער ערד, „איש תחת גפנו ותאנתו" („יעדער אונטער זיין וויינשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים"), ווי אין די אַמאָליקע צייטן.

אָבער די ביטערע ווירקלעכקייט האָט צונישט געמאַכט זייערע האָפענונגען. זייער דערהויבענער ציל, שטאַרקער ווילן און אומבייגזאַמער גייסט האָבן ניט באַוויזן גובר צו זיין די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן אויף זייער וועג, דעם מאַנגל אין דערפאַרונג און אין לאַנדווירטשאַפטלעכע קענטנישן. מיט גרויס התלהבות און גרענעצלאָזער מסירות־נפש, אָבער אָן וועלכע ס'איז פאַרברייטונג האָבן די דאָזיקע רוסישע, פּוילישע און רומעניש עולים אין 1882 געגרינדעט ראשון־לציון אין דעם נידערלאַנד פון יהודה, זכרון־יעקב אין שומרון, ראש־פּינה אין גליל, און אין יאָר 1883 — יסוד־המעלה אין עמק החולה. אין דעם זעלבן יאָר האָבן זיי פון דאָס ניי אויפגעבויט פּתח־תּקוה, וואָס איז פאַרלאָזן געוואָרן פון אירע ערשטע בויער.

די הילף פון באַראָן ראָטשילד

די דאָזיקע יונגע ישובים וואָלטן צוליב דער אומדערפאַרנקייט פון די קאָלאָניסטן, מאַנגל פון געלט־מיטלען, אָנפאַלן פון זייערע שכנים און דער קעגנערשאַפט פון דער טערקישער רעגירונג, זיך צוזאַמענגעבראָכן גלייך נאָך זייער גרינדונג, ווען ניט די הילף פון באַראָן עדמונד ראָטשילד („דער באַוווסטער נדיב").

אַ דאַנק זיין הילף זיינען די דאָזיקע קאָלאָניעס פאַרוואַנדלט געוואָרן מיט דער צייט אין שטיץ־פּונקטן פאַר דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. מיט רעכט האָט מען אים צוליב דעם אַ נאָמען געגעבן: „דער פאָטער פון דעם ישוב". ער האָט די יונגע קאָלאָניעס גענומען אונטער זיין שוץ, זיי געשטיצט מיט ריזיקע געלט־מיטלען, געשיקט פאַכלייט, וואָס האָבן געלערנט די קאָלאָניסטן פלאַנצן וויינגערטנער, און אַדמיניסטראַטאָרן וואָס האָבן פאַרוואַלטעט אין די קאָלאָניעס.

די הילף פון באַראָן האָט אָבער געבראַכט אויך נעגאַטיווע רעזולטאַטן: עס האָט זיך אויף פילע יאָרן איינגעפּעסטיקט אין ישוב די פילאַנטראָפּישע שיטה אין דער קאָלאָניזאַציע. די יונגע יידישע קאָלאָניזאַציע, וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס אַ נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג, באַפליגלט דורך אַ גרויסער וויזיע, איז דורך דער פילאַנטראָפּישער שיטה מאָראַליש און גייסטיק דערנידעריקט געוואָרן.

די אידעאַליסטישע חלוצים פון די קאָלאָניעס, וואָס זיינען אונטערגע־שטיצט געוואָרן דורך ראָטשילדן, זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער אַנפי־רונג פון באאמטע, וואָס האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען און וואָס האָבן זיך אריינ־געמישט אין אַלע איינצעלהייטן פון זייער לעבן. די קאָלאָניסטן האָבן לאַנגע יאָרן באַקומען אונטערשטיצונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ניט לויט דער אַרבעטס־לייסטונג, נאָר לויט דער צאָל פון זייערע משפחה־מיטגלידער, און זייער אַפּט לויט דער מאָס פון דער אונטערטעניקייט, וואָס זיי האָבן אַרויס־געוויזן לגבי די תקיפים פון דער פּאַריזער פאַרוואַלטונג. אין דער ווירט־שאַפטלעכער לייטונג פון די קאָלאָניעס זיינען זיי ניט געווען מיטבאַטייליקט, די ווירטשאַפטס־פּלענער האָט מען זיי אָנגעוואָרפן פון אויבן, ניט פרעגענדיק ביי זיי קיין דעה, און וועגן די געלטער, וואָס זיינען אינוועסטירט געוואָרן אין די ווירטשאַפטן האָבן זיי ניט באַקומען קיין שום ידיעה. זייער פליכט איז געווען אויסצופירן געוויסע אַרבעטן, און דערפאַר זיינען זיי געווען באַ־רעכטיקט צו באַקומען אונטערשטיצונג. ווייניקער האָבן געליטן די קאָלאָ־ניעס — ווי למשל די ביל״ו־קאָלאָניע גדרה — וואָס פלעגן באַקומען אונטער־שטיצונג פון די חובבי־ציון אין רוסלאַנד, אָבער דאָקעגן זיינען די געלט־מיטלען, וואָס זיינען געשטאַנען צו זייער פאַרפיגונג, געווען באַדייטענד קלענער, און די קליינלעכע קאָנטראָל אין ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלע־כע און רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן האָט זיי שטאַרק דערנידעריקט.

ביסלעכווייז איז צעבראָכן געוואָרן דער מאָראַלישער ווידערשטאַנד פון די הערואישע קאָלאָניסטן. די גרויסע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז אָפּגע־שטויסן געוואָרן אין אַ זייט, און איר אָרט האָט פאַרנומען אַ קליינע קאָלאָניזיר־אַרבעט פון אַ פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער. די קאָלאָניסטן האָבן אַלץ מער און מער פאַרלוירן זייער זעלבסטשטענדיקייט און איניציאַטיוו און ביסלעכווייז אויפגעהערט צו פאַרשטיין זייערע אייגענע אידעאַלן, זיי האָבן זיי פאַרגעסן, אָדער — פון גרויס פאַרצווייפלונג זיך אָפּגעטרייסלט פון זיי.

די עליה אין אָנהויב פון די נײַנציקער יאָרן (1890־91)

כמעט צען יאָר נאָך דעם, ווי ס׳זײַנען אויף אַ הערא‏ישן אופן געלייגט געוואָרן די יסודות פון דער נײַער קאָלאָניזאַציע, האָט אויף דאָס ניי, אויף אַ קורצער צײַט, אויפגעפלאַקערט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג. אַ טייל פון די קאָלאָניעס האָט שוין דעמאָלט געהאַט א גרויסע הכנסה פון די ווײַנ־טרויבן, וואָס פלעגן אָפּגעקויפט ווערן דורך די מאָדערנע ווײַן־קעלערס פון באַראָן ראָטשילד אין ראשון־לציון און זכרון־יעקב, און באַקומען פרייזן וואָס האָבן איבערגעשטיגן די מאַרק־פּרייזן. דערצו איז צוגעקומען אַן אויסער־לעכער פאַקטאָר: דאָס גרויזאַמע אַרויסטרײַבן די יידן פון מאָסקווע. אין דער זעלבער צײַט בערך (1890) האָט די רוסישע רעגירונג דערלויבט צו שאַפן אַ מרכז פאַר די „חובבי־ציון״־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן ביז דעמאָלט געפירט זייער אַרבעט אומלעגאַל. דער מרכז, וועלכער האָט זיך געפונען אין אָדעס (באַקאַנט אונטערן נאָמען „אָדעסער קאָמיטעט״) האָט געגרינדעט אַן אויספיר־קאָמיטעט אין יפו אונטער דער לייטונג פון ז א ב ט יאָ מ ק י ן.

אין משך פון עטלעכע חדשים האָבן געשטראָמט קיין ארץ־ישראל טויזנטער יידן פון פאַרשידענע שיכטן: קליינהענדלער, מיטלשטאַנד און אויך אַרבעטער — די ערשטע באַדייטנדע יידישע אַרבעטער־עליה. ס׳זײַנען געגרינדעט געוואָרן א ריי קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן, וואָס האָבן געשיקט זייערע פאַרטרעטער קיין ארץ־ישראל צו קויפן באָדן. ס׳זײַנען אַרויפגע־שווומען גרויסע קאָלאָניזאַציע־פּלענער, און גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן אַ באָדן־ספּעקולאַציע; מ׳האָט געהאָפט, אז די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט וועט זיך פון איצט אָן שנעל אַנטוויקלען און זי וועט אַרײַנברענגען גרויסע ריוָחים (ספּעציעל פון די ווײַנגערטנער). אָבער די טערקישע רעגירונג האָט פלוצים פאַרבאָטן דעם באָדן־קויף און האָט אויף אַ שאַרפן אופן באַנײַט דעם אײַנוואַנ־דערונגס־פאַרבאָט פאַר די רוסישע יידן. ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט — און די גרויסע פּלענער זײַנען צונישט געוואָרן. עס איז אויסגעבראָכן אַ קריזיס, וואָס האָט ווי אַ שווערער שטיין לאַנגע יאָרן געלאַסטעט אויפן יונגן ישוב. פונדעסטוועגן זײַנען צוויי גרויסע און וויכטיקע קאָלאָניעס, געשטיצט אויפן פּרינציפּ פון פּריוואַטער ווירטשאַפט, אַנשטאַנען אין דער דאָזיקער תקופה: רחובות און חדרה. די ערשטע איז געגרינדעט געוואָרן אויף א פּלאַנמעסיקן אופן דורך דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „מנוחה ונחלה״, וואָס האָט זיך אונטערן איינפלוס פון אחד העם געשטעלט פאַר א ציל די קאָלאָניע ווירט־שאַפטלעך גוט צו פאַרפעסטיקן, זי זאָל ניט זײַן אָפּהענגיק פון פילאַנ־טראָפּישער שטיצע. די צווייטע קאָלאָניע, חדרה, איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ זומפּיקן באָדן, אַ דאַנק הערא‏ישע אָנשטרענגונגען פון אירע גרינדער,

פון וועלכע צענדליקער זיינען געפאלן פון דער מאַלאַריע און שוואַרצ־וואסערפיבער (קדחת צהובה).

די לאגע אין דער ארץ־ישראל־קאָלאָניזאציע אין יאָר 1897

יעדענפאלס האָבן שוין אין יאָר 1897 (בשעת דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס) עקזיסטירט אין ארץ־ישראל 19 קאָלאָניעס א חוץ דער לאנד־ווירטשאַפטלעכער שולע מקוה־ישראל. אין דעם נידערלאַנד (שפלה), דרום פון יפו, האָבן זיך א חוץ די דערמאָנטע קאָלאָניעס: ראשון־לציון (געגרינדעט 1892), רחובות (1890) און גדרה (1884) אויך געפונען: וואדי־חאנין (נס־ציונה 1882), וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען זייער קליין; עקרון (מזכרת בתיה), געגרינדעט אין 1884 דורך באראָן ראָטשילד און באר־טוביה (קאסטיניה 1896), וואָס האָט לויטן פּלאַן פון אירע גרינדער געדארפט זיין אן ארבעטער־ישוב.

אין די בערג פון יהודה זיינען געווען: הר־טוב (ארטוף), וואָס איז נאָך א ניט־געלונגענעם פרווו פון ענגלישע מיסיאָנערן אין יאָר 1895 באנייט געוואָרן דורך בולגארישע יידן, און מוצא, א קליינער ישוב אין דער געגנט פון ירושלים, וואָס איז אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די ירושלימער „בני ברית".

אין שרון, צפון פון יפו, איז געווען די שוין־דערמאָנטע פתח־תקוה (געגרינדעט אין 1878 און באַנייט אין 1883). אין שומרון, דרום פון חיפה: חדרה (1891), זכרון יעקב (1882) און אירע צוויי קליינע „טעכטער": שפיה (1891) און בת שלמה (1889). אין גליל: ראש פינה (1882), יסוד המעלה (1883) — אויך עין זיתים (1892), משמר הירדן (1890) און די קליינע קאָלאָניע מתולה (אין דער צפון־גרענעץ פונם לאנד), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן באראָן ראָטשילד אין יאָר 1896 פאר ארבעטער און קאָלאָניסטן, פאר וועלכע עס איז ניט געפונען געוואָרן גענוג באָדן אין די אלטע קאָלאָניעס.

נאָך עטלעכע פון די דאָזיקע קאָלאָניעס, און קודם־כל רחובות, האָבן געקאָנט אַדורכקומען מיט אייגענע מיטלען. אַ טייל פון זיי האָט באַקומען שטיצע פון די רוסישע „חובבי ציון" אָדער פון אנדערע געזעלשאפטן, וואָס האָבן זיך באשעפטיקט מיט דער קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל. די מערהייט פון די קאָלאָניעס איז געווען אין גאנצן אָפּהענגיק פון דעם באראָנס פאַר־וואַלטונג, וואָס איז געוואָרן אַן איינפלוסרייכער פאַקטאָר אין יונגן ישוב, ניט אין קיין קליינער מאָס אויך צוליב דעם, וואָס די וויין־קעלערס אין ראשון לציון און אין זכרון יעקב ווי אויך דער גאַנצער וויין־פאַרקויף האָט זיך געפונען אין אירע הענט.

אויסער דעם האָט אלע קאָלאָניעס געפעלט א געזעצלעכער באזיס, לויט די געזעצן פון דער טערקישער מאכט. יעדער טריט און שריט איז צוליב דעם געווען פארבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן: כדי צו באקומען אַ דערלויבניש צו בויען הייזער, אָדער צו קויפן ערד האָט מען געמוזט אונטערקויפן די רעגירונגס־באַאַמטע אָדער אויסמיידן דאָס געזעץ.

ס'אונטערליגט ניט קיין שום ספק, אז די חלוצים פון דער נייער קאָלאָניזאציע, אין דער תקופה פון דער ערשטער עליה, וואָס האָבן געמוזט ארבעטן אין זייער שווערע באדינגונגען, האָבן דאָך זייער פיל אויפ־געטאָן, זיי האָבן געלייגט דעם יסוד פאר דער ארבעט פון די קומענדיקע דורות. אָבער פאר ערנסטע ציוניסטישע דענקער איז שוין לאנג קלאָר געווען, אז דער דאָזיקער קאָלאָניזאציע־וועג וועט ניט פירן צום ציל. שוין אין די יאָרן 1891 און 1893 האָט אחד־העם פארעפנטלעכט זיין „אמת פון ארץ־ישראל", אין וועלכן ער האָט שארף קריטיקירט די הערשנדיקע קאָלאָניזאציע־שיטה און האָט אויפגעדעקט און געשטעמפלט אירע פעלערהאפטע יסודות: דאָס זיין אָפּהענגיק אינם באראָנס אדמיניסטראציע וואָס דערשטיקט יעדע איניציאטיוו, דאָס פעלן פון א געזעצלעכן באזיס און די פילאנטראָפּישע אונטערשטיצונג. אויך הערצל און די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, וואָס איז דורך אים געגרינדעט געוואָרן, האָבן די דאָזיקע קריטיק ווייטער געפירט און זי געשטארקט דורך נייע אַרגומענטן. אונ־טערן איינפלוס פון דער דאָזיקער קריטיק, וואָס איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער, זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער לאַגע, אין דער סטרוקטור און אין פאַרנעם פון קאָלאָניזאַציע־ווערק אין ארץ־ישראל.

יק"א נעמט איבער די לייטונג פון די קאָלאָניעס.

די אַנטשיידנדיקע ענדערונג איז ערשט פאָרגעקומען צוויי יאָר נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער באַראָן ראָטשילד האָט זיך מתיאש געווען פון פירן ווייטער זיין ווערק לויטן ביזאיצטיקן שטייגער און האָט דעריבער באַשלאָסן איבערצוגעבן די לייטונג פון זיינע קאָלאָניעס אין רשות פון יק"א, (1900). די לעצטע האָט געדארפט אויפן יסוד פון אירע ביזאיצטיקע דערפארונגען אויפן קאָלאָניזאציע־געביט איינפירן אַ מער ראַציאָנעלן סיסטעם און אין פארלויף פון עטלעכע יאָרן דערפירן די קאָלאָניעס צו ווירטשאַפטלעכער זעלבסטשטענדיקייט.

יק"א (ראשי תיבות פון Jewish Colonisation Association — יידישע קאָלאָניזאציע־געזעלשאפט), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1893 דורכן באראָן הירש מיט א קאפיטאל פון צוויי מיליאָן פונט, האָט ביז דעמאָלט קאָנצענטרירט איר קאָלאָניזאציע־טעטיקייט אין ארגענטינע

און האָט גרינגגעשעצט דעם ווערט פון ארץ־ישראל אלס קאָלאָניזאַציע־לאנד. אָבער אַ דאנק איר טעטיקייט אין ארגענטינע און אין אנדערע לענדער, האָט זי זיך איינגעשאפן אַ גרויסע דערפארונג, וועלכע זי האָט פון איצט אָן אָנגעהויבן אויסצונוצן פאר די באדערפנישן פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאציע.

די ענדערונג פון דער שיטה.

אין צוויי הינזיכטן האָט די טעטיקייט פון יק״א זיך ארויסגעוויזן נוצלעכער אלס די אַדמיניסטראציע פון באַראָן. דער ערשטער און וויכ־טעקסטער שריט איז באשטאנען אין דעם, וואָס זי האָט אוועקגעשטעלט די קאָלאָניעס אויף א געזונטערן ווירטשאפטלעכן באזיס. זי האָט אויפ־געהערט צו געבן אונטערשטיצונג און אָנגעהויבן צו געבן הלואות וואָס האָבן געדארפט צוריקגעצאָלט ווערן מיט אַ צוגאָב פון פראָצענטער, אמת, אין גאנץ לייכטע באדינגונגען. זי האָט געהאָלפן צו באקומען אָן אָפּזאץ־מארק פארן ווייך און צום סוף האָט זי איבערגעגעבן די ווייך־קעלערס און דעם פארקויף פון דער פראָדוקציע אין רשות פון די קאָלאָניסטן אַליין. זי האָט צוגעקויפט נייע ערד־שטחים און האָט אויף דעם אופן געפרוווט לינדערן די נויט פון אייניקע קאָלאָניעס, וואָס האָבן געהאט ווייניק באָדן. בדרך כלל האָט יק״א געשטרעבט צו קויפן פלחה־באָדן, ד. ה. באָדן, וואָס איז געאייגנט פאר תבואה־פעלדער. די תבואה־קולטורן האָבן געדארפט פארביליקערן דעם קיום פון די קאָלאָניסטן און פאר־קלענערן זייער אָפּהענגיקייט פון די פרייז־וואַקלענישן אויפן וועלט־מארק. יק״א האָט זיך באמיט ווייניקער אריינמישן אין די אינערלעכע באַציונגען פון די קאָלאָניעס און דערמונטערן די איניציאַטיוו פון די קאָלאָניסטן, וואָס איז דערשטיקט געוואָרן דורך דעם פילאנטראָפּישן סיסטעם פון ראָטשילדס אַדמיניסטראַציע.

די נייע קאָלאָניזאציע פון יק״א.

גלייכצייטיק האָט יק״א אָנגעהויבן אַ נייע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט. אויך דאָ איז זי געגאנגען אויף נייע וועגן. אויפן אָרט פון דער פלאַנ־צונגס־ווירטשאפט איז געקומען די פלחה־ווירטשאפט (תבואה־פעלדער). אלס געביט פאר דער דאָזיקער קאָלאָניזאציע האָט זי אויסגעוויילט דעם גליל התחתון, און אזוי ארום האָט זי געעפנט זיינע טויערן פאר דער יידישער לאנדווירטשאפט. דורך דער גרינדונג פון דער לערן־פארמע אין סעדזשערא (1899—1900) אין גליל התחתון האָט זי א סוף געמאכט צו דער שיטה פון קאָלאָניזירן מענטשן, וואָס האָבן גאָר ניט פארשטאנען אין

לאנדווירטשאפטלעכע ענינים. פון איצט אָן האָבן געהאט דאָס רעכט קאָלאָניזירט צו ווערן נאָר דערפּאַרענע לאַנדווירטן.

קאַנדידאַטן אויף קאָלאָניסטן האָבן געדאַרפט אַ פּאָר יאָר אַרבעטן אַלס פּעכטער (אַרענדאַרן) און נאָכדעם האָבן זיי געקאָנט באַקומען דעם קאָלאָניסטן־קאָנטראַקט. אין סוף פון 1901 האָט יק"א אָנגעהויבן צו באַזעצן לאַנדווירטשאַפטלעך אויסגעבילדעטע אַרבעטער, ווי אויך קאָלאָניסטן און זייערע זין פון די עלטערע קאָלאָניעס. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין סעדזשערא אליין. אין 1902 איז צוגעקומען מסחה (כפר תבור), מלחמיה (מנחמיה) און יעמא (יבנאל), און אין 1904 — בית־גן. גרויסע פאַרדינסטן אויפן דאָזיקן געביט האָט אָרגאַנאָם חיים קאַלוואַריסקי, וואָס האָט לאַנגע יאָרן אָנגעפירט מיט דער יק"א־אַרבעט אין גליל התחתון.

אין פאַרגלייך מיט דעם באַראָנס אדמיניסטראַציע באַדייט די טעטיקייט פון יק"א א וועזנטלעכן פאָרשריט, א דאַנק איר גרעסערער פּלאַנמעסיקייט.

יק"א האָט ווירטשאַפטלעך געזונט געמאַכט די אַלטע פּלאַנצונגס־קאָלאָניעס אין יהודה און אין שומרון; פאַר די פלחה־קאָלאָניעס האָט זי דערצויגן אַ נייעם דור פון פלייסיקע פּעכטער און קאָלאָניסטן. אָבער אַ וועג פאַר דער צוקונפטיקער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע האָט זי דער־מיט ניט אויסגעראָטן. אַלס ניט־ציוניסטישע, פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט איז זי אויך ניט געווען פאַראינטערעסירט אין דעם. די נייע קאָלאָניעס זיינען געווען, אזוי ווי די אַלטע, איינזייטיק אין זייער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור: די אַלטע קאָלאָניעס זיינען געווען געבויט בלויז אויף פּלאַנצונגען, און די נייע — בלויז אויף תבואה־פעלדער. אמת, די נייע קאָלאָניעס זיינען ניט געווען אָפּהענגיק פון אויסערלעכן מאַרק אין דער זעלבער מאָס ווי די פּלאַנצונגס־ווירטשאַפטן אין יהודה. דאַקעגן האָבן די זייער אָפטע טריקענישן ניט איינמאָל געשטעלט זייער גאַנצע עקזיס־טענץ אין אַ גרויסער סכנה. טראָץ די גרויסע ערד־שטחים וואָס די יק"א האָט איבערגעגעבן אין רשות פון יעדן קאָלאָניסט — פון 200 ביז 300 דונאם — זיינען די קאָלאָניסטן געווען געצווונגען צו לעבן לויט אַ גאַנץ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט. די ביידע סיסטעמען — סיי די אינטענסיווע פּלאַנצונגס־ווירטשאַפט און סיי די עקסטענסיווע פלחה — האָבן געבראַכט דערצו, אז די קאָלאָניסטן צוזאַמען מיט זייערע משפחות האָבן ניט באַוויזן אַליין צו באַאַרבעטן די ווירטשאַפטן און האָבן באַשעפטיקט לוין־אַרבעטער.

ביי יעדער קאָלאָניזאַציע פון ניט־אייראָפּעאישע לענדער פלעגט אַרויפשווימען די פראגע, וואָסערע ארבעטס־כוחות דאַרף מען באשעפטיקן, כדי די ארבעט זאָל אַריינברענגען דעם גרעסטן ריוח. כמעט תמיד האָט מען זיך דערצו באַנוצט מיט איינגעבוירענע ארבעטער, וועמענס לעבנס־ניווֹאָ איז אַ נידעריקער. קיין צפון־אַמעריקע, ווו די איינגעבוירענע אינ־דיאַנער האָבן ניט געוואָלט דינען אלס קנעכט־ארבעטער, האָט מען גע־בראַכט נעגערס פון אפריקע. ס׳האָט קיינמאָל ניט פאסירט, אז די קאָלאָ־ניסטן זאָלן ביי פשוטע ארבעטן באשעפטיקן אייגענע מענטשן. אויך דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט געדראָט די סכנה, אז זי זאָל גיין אויפן די זעלבע וועגן, ווייל מען האָט זיך ניט אריינגעטראַכט מלכתחילה אין דער געהעריקער מאָס, אין דעם עיקרדיקן פּרינציפּיעלן אונטערשיד צווישן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל און צווישן דער געוויינטלעכער אימפעריאַליסטישער קאָלאָניזאַציע פון פרעמדע לענדער.

אַרום די נייע יידישע ישובים האָבן זיך געפונען אַראַבישע דער־פער מיט אַ פרימיטיווער פעלאַכישער באפעלקערונג. זיי זיינען געווען באַרייט אויסצופירן יעדע ארבעט פאַר אַ קליינער באַלוינונג; זיי זיינען געווען בעסער צוגעוווינט צום קלימאַט ווי די נייע עולים און האָבן איבער־געשטיגן די לעצטע מיט זייער דערפאַרונג אין לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט און מיט אַ לאַנגער אַרבעטס־טראַדיציע. די קאָלאָניסטן האָבן דערפאַר ניט געצווייפלט צוציען די אַראַבישע פעלאַכן צו דער ארבעט און זיי צו באשעפטיקן ביים גראָבן ברונעמס, ביים אויסבעסערן דעם באָדן, ביים פלאַנצן וויינגערטנער, ווי אויך אלס שומרים קעגן גנבות און רויבערישע אָנפאַלן. גלייכצייטיק האָבן זיי געדינט אלס וועג־וויזער אויף פאַרשידענע אנדערע געביטן פאַר די נייע אומדערפאַרענע עולים.

מען דאַרף אויך נעמען אין אכט, אז יידישע ארבעטער זיינען דאַן געווען ווייניק אין לאַנד, און קיינער האָט זיך ניט באַמיט צו פאַרגרעסערן זייער צאָל דורך עליה. ס׳האָבן ניט געזאָרגט דערפאַר ניט די קאָלאָניסטן און נאָך ווייניקער די אַדמיניסטראַטאָרן און די פראַנצויזישע פאַרוואַלטערס. אומגעקערט, די לעצטע האָבן געמאַכט גרויסע שוועריקייטן אויך די ווייניקע אַרבעטער, וואָס האָבן עולה געווען אין די אַכציקער יאָרן.

די ערשטע גרויסע עליה פון יידישע ארבעטער איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין די ניינציקער יאָרן. פון אָנהויב האָבן זיי געפונען ארבעט אָן באַזונדערע שוועריקייטן, ספּעציעל ביים אויפבוי פון רחובות. אין 1893 האָבן זיך געפונען אין די קאָלאָניעס פון יהודה און גליל אַרום 500

יידישע אַרבעטער. אָבער מיט דער פאַרענדיקונג פון די ערשטע אויפבוי־אַרבעטן און נאָכן אויסברוך פון קריזיס אין יאָר 1891 איז פאַר די יידישע אַרבעטער געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער צו געפינען באַשעפטיקונג אין דער לאַנדווירטשאַפט.

דער אונטערשיד צווישן אַרבעטס־לוין פון די יידישע און אַראַבישע אַרבעטער איז געוואָרן אַלע מאָל בולטער. דער דאָזיקער אונטערשיד איז געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך. דער אַראַבישער אַרבעטער־פעלאַך האָט געהאַט אין שכנותדיקן דאָרף זיין אייגענע ווירטשאַפט. דער באַ־קומענער לוין פון יידישן קאָלאָניסט איז פאַר אים געווען אַ צוגאָב־ריוח, אין וועלכן ער האָט זיך על־פּי־רוב ניט גענייטיקט פאַר זיין קיום. גאָר אַנדערש איז געווען די לאַגע פון יידישן אַרבעטער. ער האָט געהאַט פיל גרעסערע באַדערפענישן ווי דער אַראַבער און האָט געמוזט אַרויסציען פון זיין אַרבעט די גאַנצע פּרנסה. די קאָלאָניסטן ווידער, וואָס האָבן פון אָנהויב איבערהויפּט ניט געפונען זייער חיונה אין דער ווירטשאַפט און שפּעטער נאָר אין אַ באַגרענעצטער מאָס, זיינען נאַטירלעך געווען גענייגט צו באַשעפטיקן ביליקע אַרבעטער, וועלכע זיינען זייער אָפט געווען אויך די מער דערפאַרענע.

די לאַגע פון די יידישע אַרבעטער איז געוואָרן שווערער און שווע־רער. זייער צאָל אין די קאָלאָניעס האָט זיך פון מאָל צו מאָל פאַרקלע־נערט, און אין דער זעלבער מאָס איז געוואַקסן די צאָל פון די אַראַבישע אַרבעטער. די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט זיך נאָך מער פאַרשנעלערט נאָך דעם ווי דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק איז איבערגעגאַנגען אין די הענט פון יק״א, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ מאַנגל פון פאַרשטאַנד כלפּי דער אַר־בעטער־פראַגע. ווען אין אָקטאָבער 1901 איז דערשינען פאַר דער יק״א־לייטונג אין פּאַריז אַ דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל׳דיקע אַרבעטער, וואָס איז אויך אונטערגעשטיצט געוואָרן דורכן „אָדעסער קאָמיטעט״ פון די חובֿ־בֿי־ציון, כּדי צו פאַרלאַנגען מאַטעריעלע הילף, האָט מען איר דער־קלערט — און אין דעם זין האָט די יק״א אויך שפּעטער געהאַנדלט — אַז די יק״א איז בארייט צו געבן די יידישע אַרבעטער אַנטשפּרעכענדע מיט־לען אויף אויסצוּוואַנדערן פון ארץ־ישראל אין אַנדערע לענדער, אָבער ניט כּדי צו געפינען אַ „קינסטלעכן אָנהאַלט״ אין ארץ־ישראל.

היינט איז שוין אַלעמען קלאָר: וואָלט די אַנטוויקלונג געגאַנגען אויך ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג, וואָלט דער עצם קיום פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל געשטאַנען אונטער אַ גרויסן פראַ־גע־צייכן. אַ קליינע הערן־שיכט פון יידישע קאָלאָניזאַטאָרן וואָלט גע־הערשט איבער אַ פיל גרעסערער און שטאַרקערער פון איר מחנה — אַראַ־

בישע ארבעטער — און ווי לאנג? אויב דאָס איז ניט געשען — איז עס א גרויסער פאַרדינסט פון דער צווייטער עליה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1904, און וואָס האָט אויפגעפאַסט די דאָזיקע פּראָבלעם אין איר גאַנצער שאַרפקייט און איז צוגעטראָטן צו איר לייזונג.

דער צוזאמענשטעל פון דער צווייטער עליה

די צווייטע עליה, פּונקט ווי דער רוב פון דער ערשטער עליה, איז געקומען בעיקר פון רוסלאַנד, ליטע און רוסיש־פּוילן. מערסטנטייל האָבן די עולים געשטאַמט פון דעם פאַראָרעמטן מיטלשטאַנד, וואָס האָט זיך געשטיקט אין תחום־המושב אין רוסלאַנד. צווישן זיי זיינען געווען: קליי־נע בעלי־מלאכה'עס, האַנדלס־אָנגעשטעלטע, גימנאַזיסטן, סטודענטן און ישיבה־בחורים.

אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אויף דער קריסטאַליזירונג פון זייער אויפפאַסונג וועגן דעם לעבן און ארבעט אין ארץ־ישראל האָבן געהאַט די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין יידישן לעבן אין רוסלאַנד און אין ארץ־ישראל. דער פּאָליטישער ציוניזם פון הערצל, פון איין זייט, און דער יידישער סאָציאַליזם, פון דער צווייטער זייט, וועלכע האָבן גלייכצייטיק, אין יאָר 1897 באַקומען זייער ערשטן אויסדרוק אין דער שאַפונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אין דער גרינדונג פון „בונד", האָבן אויפגעוועקט די יידישע גאַס פון איר טיפן שלאָף און זי גערופן זיך צו באַטייליקן אין די נייע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. ביז צו יענער צייט זיינען די יידן געווויינט געווען אָנצונעמען זייער נויט און אָרעמקייט און זייער אומנאָרמאַלע עקאָנאָמישע סטרוקטור אַלס אַ גזירה מן השמים. איצטער האָט אַריינגעדרונגען אין זייערע הערצער די שטרעבונג צו זעלבסטהילף דורך פּראָדוקטיווער אַרבעט, אָרגאַניזירונג און קאַמף פאַר גרויסע צילן.

די יוגנט האָט אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג די אידייען פון ציוניזם און סאָציאַליזם. ברייטע קרייזן האָבן זיך אָנגעשלאָסן — ווער אין איינער, ווער אין דער אנדערער באַוועגונג. געוויסע גרופּן ווידער האָבן געפּרוווט צו געפינען אַ סינטעז צווישן דיביידע אידעאָלאָגיעס. אזוי ארום זיינען אנשטאַנען, פון אָנהויב אלס איינצעלנע פאַריינען און נאָכדעם מיט אַ בשותפותדיקן פּראָגראַם, גרופּן פון „פּועלי ציון" וואָס האָבן געוואָלט פאַראייניקן ביידע אידייען, ציוניזם און סאָציאַליזם, און צוזאַ־מען זיי פאַרווירקלעכן. די יוגנטלעכע, וואָס האָבן אָנגעהערט דער דאָזי־קער באַוועגונג, האָבן אומזיסט געוואַרט אויף אַן אויפרוף צו מעשים, אַן אויפרוף, וועלכן הערצל האָט צוליב זיין אחריות־געפיל ניט געוואָלט און

צוליב זייערע אנשויונגען אויף דער ציוניסטישער פאליטיק ניט געקאנט ארויסלאזן.

אבער אין די הערשנדיקע באדינגונגען איז שווער געווען צו האלטן אונטער דער ציוניסטישער פאן מענטשן, וואס האבן זיך געריסן צו מע־שים, ווען קיין ממשותדיקע טאטן זיינען ניטא. א גרויסער טייל פון דער יידישער יוגנט איז ארייגעצויגן געווארן אין די רייען פון דער רוסישער רעוואלוציאנערער באוועגונג, וואס האט געפאדערט קרבנות און געשטעלט פאר זיך פראקטישע צילן. זיי האבן געקעמפט פאר דער באפרייונג פון רוס־לאנד, וואס האט, לויט זייער גלויבן, אויך געדארפט ברענגען פרייהייט פאר די רוסישע יידן. צוזאמען מיט די רוסישע רעוואלוציאנערן זיינען זיי געשטא־נען אויף די באריקאדן און צוזאמען מיט זיי באזיגט געווארן.

די גורמים פון דער צווייטער עליה

אין דעם דאזיקן רעוואלוציאנערן קאמף פון דער יידישער יוגנט קעגן דעם צאריסטישן רוסלאנד איז אין דער טראגישסטער פארם בולט גע־ווארן זייער גורל אלס יידן, צוליב דער פאגראם־כוואליע, וואס איז אויס־געבראכן אין יאר 1903 (צוערשט אין קישינעוו און שפעטער אין האמעל) און האט דערגרייכט איר קולמינאציע־פונקט אין די גרויזאמע פאגראמען אין אקטאבער 1905. אבער דא האט זיך שוין אנטפלעקט א נייע שטעלונג און באציונג פון דער יידישער יוגנט. אין קישיניעוו זיינען נאך די יידן ניט געווען גרייט צו זעלבסטשוץ, און פיל יידן זיינען געפאלן ניט פרו־ווענדיק זיך צו פארטיידיקן. אין האמעל איז שוין דורך די „פועלי־ציון" ארגאניזירט געווארן א זעלבסטשוץ, וואס האט מיט געווער אין דער האנט העלדיש פארטיידיקט דאס לעבן און כבוד פון די יידישע מאסן. אזעלכע זעלבסטשוץ־ארגאניזאציעס זיינען פון איצט אן דערשינען אומע־טום, ווו ס'זיינען אויסגעבראכן אומרוען קעגן יידן.

די ערשטע 14 עולים פון דער צווייטער עליה זיינען געווען חברים פון דער האמעלער זעלבסטשוץ־ארגאניזאציע. אויך א סך אנדערע וואס האבן נאך זיי אין די נאענסטע יארן עולה געווען, האבן אנגעהערט צו די זעלבסטשוץ־ארגאניזאציעס אין די פארשידענע פונקטן פון רוסלאנד. די טיפע אנטוישונג צוליבן דורכפאל פון דער רעוואלוציע און די פארפאל־גונגען מצד דער צאריסטישער רעגירונג, ווי אויך די דערקענטניש, אז יעדער קאמף אין גלות איז זינלאז — די אלע האבן זיי געשטויסן צו פארלאזן רוסלאנד און צו וואנדערן מעבר לים.

צו די דערמאנטע סיבות זיינען צוגעקומען נאך אנדערע פאקטארן, און ערשט א דאנק זיי איז דאס אנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט געווענ־

דעם געוואָרן אין איר אַנטשיידנדער ריכטונג — צום אויפבוי פון ארץ־ישראל. דער ערשטער פאַקטאָר איז געווען דער אוגאַנדע־פּראָיעקט. עס אונטערליגט שוין היינט ניט קיין שום ספק, אַז הערצל האָט ניט געמיינט צו רעזיגנירן פון ארץ־ישראל בשעת ער האָט געבראַכט פאַרן 6־טן ציוניסטישן קאָנגרעס (אין יאָר 1903) דעם פאָרשלאַג פון דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַ יידישן אויטאָנאָמען ישוב אין אוגאַנדע, אין מזרח־אַפריקע. אָבער די ציוניסטישע פירער און די יידישע מאַסן האָבן געזען אין דעם שריט אַ פאַרראַט לגבי ארץ־ישראל, און אונטערן איינפלוס פון די „ביין־זאַגערס" פון צווישן די קאָנגרעס־דעלעגאַטן, די אַזוי גערופענע „ציוני־ציון", איז אויסגעוואקסן אַן אָפּאָזיציע־באַוועגונג וואָס האָט געקעמפט פאַר ארץ־ישראל.

ביי די בעלי־בתישע עלעמענטן פון דער דאָזיקער שטרעמונג האָט די קעגנערשאפט צום אוגאנדע־פלאַן זיך אויסגעדריקט אין ווערטער. זיי האָבן זיך באַגנוגנט, ווי פריער, מיט זייערע פאָדערונגען אויף די קאָנגרעסן אַנצוהייבן תיכף־ומיד פראַקטישע ארבעט אין ארץ־ישראל. אנדערש האָבן רעאַגירט די יונגע עלעמענטן פון צווישן די „ביין־זאָגער", וואָס האָבן געלערנט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד, אז די הילף וועט ניט קומען דורך ווערטער און לאַנגע דיסקוסיעס, נאָר דורך מעשים און דורך פערזענלעכער אָפּפערוויליקייט פון יעדן פרט. צווישן זיי האָט די קעגנערשאפט צו אוגאנדע געבוירן דעם ווילן תיכף עולה זיין קיין ארץ־ישראל, כדי צו ראַטעווען דאָס לאַנד, וועלכן ס'האָט געדראָט אַ געפאַר פאַרלאָזט צו ווערן און כדי דאָרט צו שאַפן ממשותדיקע ווערטן. די דאָזיקע באַרייטשאַפט צו מעשים איז געשטאַרקט געוואָרן דורך דער בראָשור פון אוסישקין „אונזער פּראָגראַם" (1904) און דורכן פלאַמעדיקן אויפרוף פון יוסף ויתקין (מערץ 1905) „צו די יידישע יוגנטלעכע, וואָס זייער הארץ איז מיטן פאָלק און ציון".

דער אויפרוף פון ויתקין

יוסף ויתקין, אַ לערער אין כפר תבור, פאַרצווייפלט צוליבן מאַראַלישן דורכפאַל פון דער ערשטער עליה און דער ירידה פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, האָט גערופן צו אַ נייער עליה און צו נייע און גרעסערע אָנשטרענגונגען. דער חידוש פון זיין אויפרוף איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס צום ערשטן מאָל איז געפאָדערט געוואָרן אַן עליה, ניט צוליב נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק און ניט נאָר פאַר דער דערלייזונג פון גלות־יידנטום, נאָר אויפן יסוד פון די באַדערפענישן פון לאַנד, כדי צו ראַטעווען דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פון אונטערגאַנג. די נויט פון יידנטום אין גלות

האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט דער נויט פון ארץ־ישראל. „וואַכט אויף, שטייט אויף, יידישע יוגנטלעכע, קומט צו הילף דעם פאָלק! אונזער פאָלק גייט אויס, אונזער לאַנד קען זיך אויסגליטשן פון אונזערע הענט אויף אייביק, איילט זיך! איר זייט ניט איבעריק, אַזוי ווי מ׳האָט אייך צוגעוווינט צו דענקען. איר זייט נויטיק פארן פאָלק און לאנד ווי לופט צום אָטעמען — — — איילט זיך, יידישע העלדן, באנייט די טעג פון ביל״ו מיט מער כוח און אויסדויער, ווייל נאָך אביסל — און מיר זיינען פאַרלוירן!".

„אונזער פראָגראַם" פון אוסישקין

מ. מ. אוסישקין, דער אָנפירער פון די „ציוני ציון", האָט אונטערגעשטראָכן דאָס זעלבע אין זיין בראָשור „אונזער פראָגראַם". ער האָט אויפגעוויזן, אז די קאָלאָניעס זיינען איבערפולט מיט אראבישע ארבעטער און אז מ׳דאַרף זיי אומבאדינגט פארבייטן אויף יידישע ארבעטער — אנדערש „ווועט דאָס גאנצע קאָלאָניזאציע־ווערק זיין געבויט אויף זאמד, אָדער בעסער געזאָגט, אויף אַ ווולקאַן". ער האָט געפאָדערט צו שאַפן אַ יידישע אַלוועלטלעכע ארבעטער־געזעלשאפט, וועמענס מיטגלידער וועלן זיך דארפן פאַרפליכטן צו ארבעטן דריי יאָר אין ארץ־ישראל.

די ערשטע חלוצים

אָט אזוי, פון דער אויסזיכטסלאָזיקייט פון גלות, פון דער קאָלאָניזאציע־נויט אין ארץ־ישראל, פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן באגער צו מעשים — פון אָט די אלע שטרעמונגען און טענדענצן, וואָס האָבן זיך אדורכגעקרייצט, האָט — אָנהויבענדיק פון 1904 — געשטראָמט אַ נייע עליה, פון אָנפאנג פאַמעלעך און שפּעטער אלע מאָל שטארקער (ביז 1907 יאָר, ווען דער שטראָם איז ווידער געוואָרן שוואַכער).

אומזיסט האָבן ציוניסטישע קרייזן געוואָרנט און אָפּגעהאַלטן, אומנוצלעך זיינען געווען די קאָנגרעס־דיסקוסיעס וועגן דער מעגלעכקייט אָדער אוממעגלעכקייט פון דער עליה — די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די וואָרענישן און ניט געוואַרט אויף די רעזולטאטן פון די דיסקוסיעס; זיי האָבן פון זיך אָפּגעשאָקלט דעם גלות־שטויב און זיינען געגאַנגען ראַטעווען דאָס פאָלק און לאנד, אויסלייזן און אויסגעלייזט ווערן; זיי האָבן עולה געווען.

ס׳זיינען אויך געווען צווישן זיי נאָכשלעפּערס, וואָס זיינען אנטלאָפן פון מיליטער־דינסט אין רוסלאנד אָדער אויס מורא מאָביליזירט צו ווערן צום רוסיש־יאפּאנישן קריג, אָדער וואָס האָבן געהאָפט צו געפינען אַ לייכטע פרנסה אין ארץ־ישראל. א סך פון זיי זיינען ניט בייגעשטאנען

דעם נסיון פון דער שווערער ווירקלעכקייט. ניט מער ווי אַ צענטל פון דער דאָזיקער עליה — האָט פעסטגעשטעלט דוד בן־גוריון — זיינען פאַקטיש געבליבן אין לאַנד. אָבער די וואָס זיינען פאַרבליבן — זיינען געווען אַן ערשטראַנגיקער מענטשן־מאַטעריאַל. געווען צווישן זיי פאָלקס־מענטשן, אַדורכגעדרונגען מיט גלויבן אין די אייגענע כוחות און אין כוח פון פאָלק; אינטעלעקטועלע און טרוימער, וואָס האָבן אומ־ברחמנות׳דיק געזען די ביטערע ווירקלעכקייט מיט אַלע אירע שוועריקייטן און האָבן געקעמפט מיט מוט פון פאַרצווייפלטע אַלס „לעצטע אויף דער מויער" (ברענער). זיי זיינען אַלע געווען דורכגעדרונגען מיט זעלבסט־באַוווּסטזיין, איבערגעגעבנקייט און גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַרן גרויסן ציל, און געווען באַגייסטערט פון איין געדאַנק: צו לייגן די יסודות פאַר אַ ניי ארץ־ישראל, געשטיצט אויף גערעכטיקייט און אויף אייגענער אַרבעט.

כיבוש עבודה.

ווען זיי זיינען געקומען אין לאַנד אַריין, זיינען זייערע באַגריפן וועגן ארץ־ישראל און זייער אויפגאַבע ניט געווען גענוג קלאָר. ערשט זייענדיק אין לאַנד, אונטערן דרוק פון דער ווירקלעכקייט, וואָס זיי האָבן אין איר געפונען, איז זיי דער ציל געוואָרן וואָס אַ מאָל בולטער. זיי האָבן אין די קאָלאָניעס געפונען טויזנטער אַראַבישע אַרבעטער. די קאָלאָניסטן פון יהודה און שומרון האָבן צומיינסטן אַליין ניט געאַרבעט, נאָר האָבן זיך באַגנוגנט מיט דער ראָל פון אויפזעער און אונטערטרייבער פון זייערע אַרבעטער. זייערע זין האָבן אָדער פאַרלאָזט די קאָלאָניע און זיך אַריבערגעטראָגן אין שטאָט אַריין, אָדער אויסגעוואַנדערט קיין אויסלאַנד; זייערע טעכטער האָבן געפירט אַ לעבנס־שטייגער פון אויסגעצערטלטע דאַמען. בעסער איז געווען די לאַגע אין די נייע קאָלאָניעס אין גליל. דאָרט, לכל הפחות, האָבן די קאָלאָניסטן אַליין אויך געאַרבעט, אָבער אויך דאָרט האָבן זיך אין אַלע קאָלאָניעס געפונען אַראַבישע אַרבעטער, און זייער צאָל האָט כסדר געשטיגן. אָבער מער ווי די פּאָליטישע און ווירט־שאַפטלעכע געפאַלנקייט, האָט די נייע עולים דערשיטערט די מאָראַלישע פאַרדאָרבנקייט, וואָס איז מיט דעם געווען פאַרבונדן. אַ מאָראַליש רעכט אויף ארץ־ישראל — האָבן די עולים געטענה׳ט — וועט זיך דאָס יידישע פאָלק נאָר דאַמאָלס דערווערבן, אויב עס וועט אַליין זיין ערד באַאַרבעטן. „אַ געפיל פון בושה דאַרף אַרומכאַפּן יעדן פון אונז, ווען ער קוקט זיך צו, ווי אונזער ערד, וואָס קומט אונז אָן אַזוי שווער, ווערט באַאַרבעט דורך פרעמדע. אויב מיר שעמען זיך ניט דאַמיט — איז אַ סימן, אַז מיר

זיינען נאָך ווייט פון אמתער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג". אזוי האָט א. ד. גאָרדאָן געשריבן אין 1904, און זיין לערע וועגן דעם דערלייזנדיקן כוח פון דער ארבעט איז געוואָרן אַן „אַני מאמין" פון ברייטע קרייזן. „כיבוש העבודה" (די דעראָבערונג פון דער אַרבעט) איז געוואָרן דער לאָזונג פון דער עליה.

„די דעראָבערונג פון אלע ארבעטס־צווייגן אין לאנד דורך די יידן" — איז געווען דער ערשטער און וויכטיקסטער פראָגראַם־פּונקט פון דער נייער ארבעטער־פּארטיי „הפועל הצעיר", וואָס איז אנטשטאַנען אין סוף יאָר 1905. די פיזישע ארבעט האָט אין די אויגן פון פיל מענטשן פון דער צווייטער עליה אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ רעליגיעזן געבאָט. עס האָט זיך אזוי ווי אויסגעבילדעט אַ מין „רעליגיע פון ארבעט" („דת העבודה"). כדי זיך דערציען צו אַרבעט און זי צו דעראָבערן, באַזונדערס אין דאָרף, האָבן זיי אויף זיך גוטוויליק גענומען צו ליידן הונגער און נויט. זיי האָבן געקעמפט פאַר אַרבעט, און זייער אָפט האָבן זיי געאַרבעט אונטער די זעלבע באַדינגונגען, וואָס די אראבישע פעלאכן. דאָס באקומען אַ העכערן לוין דערפאַר וואָס זיי זיינען יידן — האָט ביי אַ טייל פון זיי אויסגעזען ווי אַ נייע פאָרם פון „אונטערשטיצונג", וועלכע האָט פאַרדאָרבן דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פון זייערע פאָרגייער.

טראָץ זייער גרייטקייט צו קרבנות איז זיי שווער געווען צו דעראָבערן ארבעטס־פּאָזיציעס אין די קאָלאָניעס. דער רוב פון די קאָלאָניסטן האָט געקוקט אויף די נייע עולים מיט א קרום אויג, ווי אויף א ניט־געווונשענעם עלעמענט. א חוץ די אונטערשידן אין ארבעטס־לוין האָבן די קאָלאָניסטן געהאט נאָך אַנדערע אַרגומענטן כדי זיי ניט צו באַשעפטיקן. די פרייע אויפפירונג פון אַ טייל אַרבעטער, דאָס ניט־אָפּהיטן די רעליגיעזע טראַדיציעס, זייער רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע וועלט־אָנשויונג, זייערע אָנשטרענגונגען צו פארוואנדלען העברעאיש אין דער אומגאנגסשפּראַך פון ישוב — דאָס אַלץ איז געשטאַנען אין קעגנזאַץ צו דער וועלט־אויפפאַסונג פון די קאָלאָניסטן, וואָס זיינען צוריק מיט צענטליקער יאָרן געקומען אין לאנד אריין מיטן זעלביקן גלויבן, און אויף וועלכע די נייע עולים האָבן איצט געקוקט ווי אויף אונטערשטיצונג־נעמער און ליידיקגייער. דערצו האָבן די ארבעטער נאָך געפאָדערט די רעכט צו באאיינפלוסן דאָס געזעלשאפטלעכע לעבן אין די קאָלאָניעס און זיך באטייליקן אין זייער פארוואלטונג. צוליב די דאָזיקע קעגנזאַצן האָט דער ועד פון פתח־תקוה, די גרעסטע פון די קאָלאָניעס, ארויסגעלייגט אין 1906 א חרם אויף די יידישע אַרבעטער.

אין די יאָרן 8—1907 זיינען די אַרבעטער געקומען צו דער איבער־

ציִיגונג, אַז דער וועג פון איינצעלנעם אַריינדרינגען אין דער לאַנדווירט־שאַפט וועט ניט ברענגען צו קיין אַנטשיידנדיקן פאַרשריט. די צאָל פון די יידישע אַרבעטער איז געווען צו קליין, כּדי צו דעראָבערן די גאַנצע אַרבעט אין די קאָלאָניעס. איינזאַם זיינען זיי געשטאַנען צווישן די מאַסן אַראַבישע אַרבעטער, און נאָך איינזאַמער — אַלס שומרים, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן די שמירה דאָ און דאָרט דעראָבערט. זייער אָפט זיינען זיי געווען אַרבעטסלאָז.

דערווייל האָבן צווישן די אַרבעטער אָנגעהויבן אַרויפשווימען קאָנ־סטרוקטיווע פּלענער. מ'האָט געזוכט נייע וועגן. יוסף וויטקין, וועלכער איז אויך איצט געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזען די לאַגע מיט ניכטערע אויגן און האָט פון דעם אַרויסגעצויגן די אַנטשפּרעכנדע מסקנות, איז אויפ־געטראָטן אויף דער קאָנפערענץ פון „הפּועל הצעיר" אין 1908 מיט אַ פאָרשלאַג צו גרינדן אַרבעטער־ישובים אַרום די קאָלאָניעס. און ווירקלעך, צו יענער צייט איז מען צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון דעם ערשטן אַרבעטער־ישוב „עין־גנים", מיט דער אונטערשטיצונג פון „אָדעסער קאָמיטעט" פון די חובבי ציון און דעם קרן־הקיימת.

אויך איז רייף געוואָרן דער געדאַנק פון „השומר", די סיסטעמאַ־טישע דעראָבערונג פון דער שמירה דורך אַ שטרענג־דיסציפּלינירטע אָרגאַ־ניזאַציע. אַנשטאָט דער דעראָבערונג פון איינצעלנע אַרבעטס־פּלעצער האָט זיך ביי אַ סך דערוועקט די שטרעבונג צו דעראָבערן באָדן, די גרויסע תבואה־פעלדער אין גליל און אין חורן. אין אָנהויב פון יאָר 1908 איז אין דער פערמע סעדזשעראַ דורך אַ גרופּע אַרבעטער געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו בשותּפותדיק, אויף אייגענער אחריות, צו באַאַרבעטן די ערד. אָט די גרופּע אַרבעטער האָט אין דער געשיכטע פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג באַקומען דעם נאָמען „קאָלעקטיוו". דער „קאָלעקטיוו" האָט געשטאַרקט דעם גלויבן פון די אַרבעטער אין די אייגענע כּוחות, צו קענען פירן אַ ווירטשאַפט אַליין, אָן אַן אַדמיניסטראַ־טאָר איבער זיי, מיטן כּוח פון קאָלעקטיווער אָרגאַניזאַציע.

אין יענע טעג, ווען די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען פאַרצווייפלט צוליב דער לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניזאַציע און האָבן געזוכט נייע וועגן, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט אין ארץ־ישראל.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפֿן וועג צו פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישׂראל

עס איז זיכער, אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט זייט איר גרינדונג (1897) גייסטיק באַאיינפלוסט די ארץ־ישׂראלדיקע קאָלאָניזאַציע, אָבער אַקטיוו האָט זי זיך אין איר אָנגעהויבן צו באַטייליקן ערשט נאָך די ערשטע צען יאָר פון איר עקזיסטענץ, דהיינו: אין יאָר 1907.

די סיבה פון דעם ליגט אין דער נייער אויפפאַסונג פון ציל און וועג, וועלכע הערצל האָט אָנגעצייכנט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג; אין דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַנטשפּרעכנדיקע אינסטרומענטן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון ציל, און שליסלעך — אין דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע זייט הערצלס אויפטריט.

הערצלס אויפבוי־פּלאַן

הערצלס שטעלונג אין דער פראגע פון דער ארץ־ישׂראלדיקער קאָלאָניזאַציע קען מען נאָר דאַן ריכטיק פאַרשטיין, ווען מ׳אַנאַליזירט זי אַלס טייל פון זיין אויפפאַסונג וועגן די צילן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אחד־העם האָט ניט געגלויבט, אַז דער ציוניזם קען לייזן די יידנ־פראגע, ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָס לאָזט זיך פאַרווירקלעכן איז: צו ראַטעווען „די יידישקייט", און אַז דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך אַ סיסטעמאַטישער דערציונג פון פאָלק. אין ארץ־ישׂראל דאַרף מער אַכט געלייגט ווערן אויף קוואַליטעט ווי אויף קוואַנטיטעט: איין קאָלאָניע געבויט אויף פעסטע יסודות, איין העברעאישע שול איז וויכטיקער ווי צוואַנציק שלעכטע קאָלאָניעס. אין ארץ־ישׂראל וועט געשאַפן ווערן אַ „גייסטיקער צענטער", וועלכער וועט העלפן אויפהאַלטן דעם קיום און די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון די יידן אין גאָר דער וועלט.

הערצלס ציל איז געווען צו געפינען אַ לייזונג פאַר דער יידנ־נויט, פאַר דער נויט פון די ליידנדע און געדרודפטע יידישע מאַסן. פאַר

אים האָט די קאָלאָניזאַציע נאָר דאַן געהאַט אַ זין, ווען זי וואָלט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן אין אַזאַ מאַסשטאַב און לויט אַזעלכע פּלענער, וואָס וואָלטן אין אַ קורצער צייט געקאָנט דערמעגלעכן אַריבערצופירן, לכל הפחות, אַ באַדייטענדן טייל פון יידישן פאָלק קיין ארץ־ישראל. היות ווי דאָס איז אין די געגעבענע באַדינגונגען אוממעגלעך, האָט הערצל געפאָדערט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וואָס איז דורך אים געגרינדעט געוואָרן, זאָל זיך באַגרענעצן צום שאַפן פּאָליטיש־רעכטלעכע פּאָרויסזעצונגען פאַרן אויפבוי פון אַ יידישן אויטאָנאָמען ישוב, און ערשט דאַן אָנהויבן אַ קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, ווען די דאָזיקע פּאָרויסזעצונגען וועלן דערגרייכט ווערן.

אויך די בילויים האָבן פון אָנהויב געפּרוווט צו באַקומען פון דער טערקישער רעגירונג אַ דערלויבניש צו קאָלאָניזירן זייערע מיטגלידער; אָבער נאָך דעם, ווי ס׳איז זיי קלאָר געוואָרן, אַז זיי וועלן אַזאַ דערלויבעניש ניט באַקומען, האָבן זיי באַשלאָסן תיכף צוצוטרעטן צו דער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט אויך אָן פריערדיקער רעכטלעכער זיכערונג. הערצל האָט ניט מסכים געווען צו גיין אין דעם דאָזיקן וועג. ביז ס׳וועט ניט דערגרייכט ווערן דער פּאָליטישער ציל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דער „טשאַרטער", וואָס זאָל געבן די רעכטלעכע דערלויבניש פאַר אַ פרייער עליה, זעלבסטשוץ, אויטאָנאָמיע פון די קאָלאָניסטן, און פאַר אַ קאָלאָניזאַציע, לויט אַ פאָרויס דורכגעטראַכטן פּלאַן — טאָר קיין נייע עליה ניט פאָרקומען, און מ׳דאַרף נאָר זאָרגן פאַר די שוין עקזיסטירענדיקע קאָלאָניעס און זיי פאַרשטאַרקן דורך יידן, וואָס געפינען זיך שוין אין לאַנד. אויך נאָכן שאַפן פון די פּאָליטיש־רעכטלעכע באַדינגונגען דאַרף די אַרבעט ניט געפירט ווערן ווי ביז איצט. אַנשטאָט דער פּלאַנלאָזער קליין־קאָלאָניזאַציע דאַרף קומען אַ ראַציאָנעל־געריכטעטע מאַסן־איינוואַנדערונג, אַ סיסטעמאַטישער אויפבוי פון לאַנד לויט אַ געניטעם, פון־פאָרויס פעסטגעשטעלטן פּלאַן. די פילאַנטראָפּישע שיטה וואָס באַרויבט ביי די מענטשן דאָס טייערסטע וואָס זיי פאַרמאָגן — זייער פרייהייט און זעלבשטענדיקייט — דאַרף ליקווידירט ווערן, און אויף איר אָרט דאַרף הערשן דער פּרינציפּ פוןווירטשאַפטלעכקייט, דורך שאַפן די נויטיקע קרעדיטן. עס דאַרף אויפגעשטעלט ווערן אַ צענטראַלע „יידישע געזעלשאַפט", וואָס זאָל זיין די טרעגערין פון אויפבוי־ווערק. זי וועט דערווערבן דעם באָדן און פאַרפאַכטן אים די קאָלאָניסטן אויף 50 יאָר. די אַנטוויקלונג פון לאַנד דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן דורך אַן אַרבעטס־מיליטער. די קאָלאָניזאַציע וועט נאָר דעמאָלט קענען געלינגען, אויב זי וועט זיך באַנוצן מיט אַלע מיטלען פון טעכניק

און וויסנשאפט. מיט זייער הילף דאַרף מען אויפלעבן דאָס לאַנד, בויען שאָסייען און קודם־כל ליפערן דער וויסטער ערד דאָס נויטיקע וואַסער, וואָס איז דער וויכטיקסטער פאָרבאדינג פאַר דער ווידערגעבורט פון לאַנד. „די אמתע גרינדער פון „אַלטנײַלאַנד״ — לעזן מיר אין הערצלס פראָגראַם־ראָמאַן — זיינען געווען די וואַסערבוי־טעכניקער. אויסטריי־קענען זומפן, באַוואַסערן טרוקענע ערד־שטחים ווי אויך בויען קראפט־סטאציעס פאַרן עלעקטרישן שטראָם — דאָס איז דער יסוד פון אַלעמען״.

די אָנווענדונג פון דער מאָדערנער טעכניק אויף אַלע געביטן דערמעגלעכט און פארפליכטעט אפילו, לויט הערצלס מיינונג, איינפירן מער מאָדערנע און גערעכטע ווירטשאַפטס־און געזעלשאַפטס־פאָרמען. „דוקא די צווישן אונז — זאָגט הערצל אין זיינע דערעפנונגס־רעדע אויפן צווייטן ציוניסטישן קאָנגרעס — וואָס זיינען היינט באַרייט זיך אינגאנצן דער זאַך איבערצוגעבן, וואָלטן זייער באַדויערט, ווען ס׳וואָלט זיי געלונגען צו גרינדן נאָר אַ נייע געזעלשאפט און ניט אַ מער גערעכטע״.

אין דער מוסטער־מדינה, וואָס האָט געשוועבט פאר זיינע אויגן, וועט כמעט דאָס גאנצע ווירטשאפטלעכע לעבן אין שטאָט און אין דאָרף זיין אָרגאניזירט אויף קאָאָפעראַטיווע יסודות, אלס מיטל־פאָרם צווישן אינדיווידואליזם און קאָלעקטיוויזם. באַזונדערס האָט הערצל געפלאַנט די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים צו אָרגאַניזירן אין דער פאָרם פון פראָדו־ציר־קאָאָפעראטיוון לויט די פאָרשלאַגן פון פראַנץ אָפענהיימער; זיי וועלן זיך ניט דאַרפן באַשרענקן, ווי דער רוב פון די ראָטשילדישע קאָלאָניעס, אויף דער פלאַנצונגס־קולטור, נאָר זיי וועלן זיין באַזירט אויף די פרינ־ציפּן פון געמישטער ווירטשאַפט און קודם־כל פראָדוצירן פאַרן אייגענעם געברויך און נאָר דעם רעשט — פארן מארק, ווו זיי וועלן עס פארקויפן אין אַ קאָאָפעראַטיווער פאָרם.

הערצלס אויפבוי־פראָגראַם, וועלכע ער האָט פונאַנדערגעוויקלט אין „יידנשטאַט״ און אין רעדעס, אין איינצלנע אַרטיקלען און אין ראָמאַן „אַלטנײַלאַנד״, האָט — טראָץ עטלעכע אוטאָפּישע פרטים — געווירקט איבערצייגענד. דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ביז דעמאָלט געפעלט אַן אומפאסנדער, אַלגעמיינער פלאַן פאַרן אויפבוי פון לאַנד. די „חובבי ציון״ האָבן אין אָנהויב דערוועקט גרויסע האָפנונגען, אָבער האָבן זיך נאָכדעם באַשרענקט אויף דער גרינדונג פון עטלעכע קאָלאָניעס. דער באַראָן ראָטשילד האָט אקצעפּטירט זייער פלאַן און האָט מיט גרויסע סומען געהאָלפן אים צו פאַרווירקלעכן. הערצל האָט דער ערשטער פאָרגע־שלאָגן אַ פלאַן פון סיסטעמאטישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז אין זיין פאַר־נעם געווען צוגעפאסט צום ציוניסטישן ציל און צום גרויסן פאַרנעם פון

דער יידישער נויט. ער האָט אויך געוויזן די וועגן פון זיין פאַר־ווירקלעכונג.

מיט דער דרייסטער לאָגיק און גרויסן שווונג פון זיין סיסטעמאַ־טישן געדאַנקען־גאַנג; מיטן ווילן צו סאָציאַלער באַנייאונג, וואָס איז ווי אַ רויטער שנור איינגעפלאָכטן אין אַלע פּרטים פון זיינע פּלענער; מיט זיין אַנטשיידענער קעגנערשאַפט צו פילאַנטראָפּיע און דורך דער איינ־גלידערונג פון ארץ־ישראל־אויפבוי אין דער וועלט פון דער מאָדערנער טעכניק — האָט הערצל אויסגעלייגט אַ נייעם וועג פאַר דער צוקונפטיקער קאָלאָניזאַציע, טראָץ דעם וואָס איר ווירקלעכער פאַרלויף איז אין אַ סך פונקטן געווען אַנדערש, ווי הערצל האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט. ערשט נאָך לאַנגע יאָרן פון שווערער אַרבעט האָט זיך די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל דערנענטערט צו יענער ברייטער ראַם, אין וועלכער הערצל האָט געשטרעבט זי צו פאַרווירקלעכן.

די גרינדונג פון דער יידישער „קאָלאָניאַל־באַנק"

מיט דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז הערצלס פּראָגראַם מיט געוויסע ענדערונגען געוואָרן די אָפיציעלע פּראָגראַם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ ניט אריינגעמישט אין דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל. זי האָט זיך קאָנצענטרירט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן אין אירע ראַמען די ברייטע קרייזן פון יידישן פאָלק, און האָט זיך געווידמעט דער שאַפונג פון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן פאַר דער צוקונפטיקער קאָלאָ־ניזאַציע פון לאַנד. דער ערשטער פון די אינסטרומענטן איז געווען — „די יידישע קאָלאָניאַל־באַנק", געגרינדעט אין יאָר 1899. לויט הערצלס פּלאַן האָט זי געדאַרפט דינען אַלס פינאַנציעלער הויפּט־אינ־סטרומענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זי האָט עס געדאַרפט דערמעגלעכן דאָס באַקומען פון „טשאַרטער" פאַר דער גרויסער קאָלאָ־ניזאַציע־טעטיקייט, ד. ה. די שאַפונג פון רעכטלעכן באַזיס פאַרן ארץ־ישראל־אויפבוי, וועלכן די קאָלאָניאַל־באַנק האָט נאָך דעם געדאַרפט פינאַנסירן מיט דער הילף פון אירע „טאָכטער־געזעלשאַפטן". אָבער צוליב דעם, וואָס ס'איז ניט געלונגען צונויפצוזאַמלען מער ווי 250 טויזנט פונט, דאָס הייסט, אַן אַכטל פון דעם אַקציע־קאַפּיטאַל, וואָס איז פאַרויסגעזען געווען אויף צוויי מיליאָן פונט, האָט די קאָלאָניאַל־באַנק ניט געקאָנט האָבן אַ ממשותדיקע דירעקטע השפעה אויף דער ארץ־ישראלדיקער

קאָלאָניזאַציע. דאַקעגן האָט די „טאָכטער־געזעלשאַפט" פון דער קאָלאָניאַל־באַנק, די „אַנגלאָ־פּאַלעסטינאַ־באַנק", וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין 1903, זיך בהדרגה'דיק אַנטוויקלט צו דער שטופּע פון דער גרעסטער און וויכטיקסטער באַנק פון דעם וואַקסנדיקן יידישן ישוב.

דער קרן קיימת לישראל

נאָך דער גרינדונג פון דער באַנק איז מען צוגעטראָטן צו גרינדן דעם קרן קיימת לישראל, דעם פאָנד פאַר דער אויסלייזונג פון באָדן. שוין אין יאָר 1884 האָט פּראָפעסאָר הערמאַן שפּירא פאָרגעשלאָגן אַזאַ פּלאַן אויף דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ פון די „חובבי ציון", און אין 1897 האָט ער דעם דאָזיקן פּלאַן אויף דאָס ניי פאָרגעלייגט די פאָרטרעטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. לויט דער איניציאַטיוו פון יונה קאַמענעצקי האָט דער פערטער ציוניסטישער קאָנגרעס (1900) באַשלאָסן צו גרינדן דעם קרן קיימת, און אויפן פינפטן קאָנגרעס (1901) איז אונטער הערצלס דרוק דער באַשלוס פאַרווירקלעכט געוואָרן, הגם נאָך נישט אין דער אַנטגילטיקער יורידישער פאָרם, וועלכע ער האָט באַקומען ערשט אין יאָר 1907. לויט זיין ערשטן פּלאַן האָט דער קרן קיימת געדאַרפט זיין „אַן אייביקער פאָנד פון יידישן פאָלק, און ער האָט געדאַרפט אָנהויבן זיין טעטיקייט צו קויפן ערד אין ארץ־ישראל און סיריע ערשט דאַן ווען ער וועט דערגרייכן די סומע וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן ציוניסטישן קאָנגרעס" (בערך 200 טויזנט פונט).

אָט אַזוי זיינען געשאַפן געוואָרן דער קאָנגרעס און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, די קאָלאָניאַל־באַנק און דער קרן קיימת, און הערצל האָט מיט רעכט דערקלערט אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס: „מיר האָבן אונזער ערשטער אויפגאַבע דערפילט". אמת, די אינסטיטוציעס זיינען דערווייל אָנגעמערקט געוואָרן אין גאַנץ אַלגעמיינע שטריכן, אָבער זיי זיינען שוין געווען עקזיסטירנדע פאַקטן. דער מעכאַניזם איז געשאַפן געוואָרן, די גרויס פון כוח, וואָס האָט געדאַרפט באַוועגן די מאַשין, איז אָפּהענגיק פונם רצון פון יידישן פאָלק.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפן וועג צו פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל

אין דער זעלבער צייט, ווען די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרישע אויפבוי־אַרבעט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך געענדיקט, האָט הערצל זיך אָנגעשטויסן אין זיינע באַמיאונגען ביים דערגרייכן פּאָליטישע באַדינגונגען פאַר סיסטעמאַטישער קאָלאָניזאַציע — אין פאַרשלאָסענע

טויערן. דאָ איז ניט וויכטיק פעסטצושטעלן די סיבות פון דעם דורכפאַל פון די פאַרהאַנדלונגען מיט טערקיי — איינע פון די הויפּט־סיבות איז זיכער געווען די ניט־אַנטפּלעקונג פונם פאָלקס־ווילן, לויט הערצלס פאָדערונג, דער מאַנגל אין געלט־מיטלען, מיט וועלכע הערצל האָט געקלערט צו דערגרייכן דעם „טשאַרטער". יעדנפאַלס איז צערונען געוואָרן די האָפענונג אויף אַ שנעלן פּאָליטישן דערפאָלג און אויף אַ באַלדיקן אָנהויב פון דער גרויסער פּראַקטישער אַרבעט. ווער האָט עס געקאָנט פאָרויסזען, ווען וועט קומען די מפּלה פון דער טערקישער רעגירונג! פון טאָג צו טאָג איז ברענענדיקער געוואָרן די פראַגע, וואָס צו טון ביז די שעה וועט קומען, ווען טערקיי וועט ענדערן איר באַציאונג צו דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

פון שטענדיק אָן האָבן פיל ציוניסטן געפאָדערט אַז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע זאָל תיכף ומיד אָנהויבן איר קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ־ישראל. דער רוב מנין פון דער יונגער אָרגאַניזאַציע זיינען דאָך געווען די רוסישע „חובבי־ציון". אַ סך פון זיי האָבן נאָך אויפן ערשטן קאָנגרעס געפאָדערט דעם המשך פון דער „פּראַקטישער אַרבעט" אין ארץ־ישראל. איצט, ווען ס׳זיינען קלענער געוואָרן די אויסזיכטן תיכף צו באַקומען דעם „טשאַרטער", האָט אין דער באַוועגונג געשטיגן דער איינפלוס פון דער ריכטונג, וואָס האָט מיט אַלע כוחות געפאָדערט „פּראַקטישע אַרבעט". הערצל אַליין האָט אין יאָר 1902 אָנגעהויבן צו אונטערשטיצן געוויסע פאָרבאַרייטונגען אויף דעם געביט. ער האָט מיטן גאַנצן האַרץ אונטערגעשטיצט די פיליע פון דער „קאָלאָניאַל־באַנק" אין ארץ־ישראל, וועלכע איז צוליב פּאָליטישע טעמים אין 1903 געגרינדעט געוואָרן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע („אַנגלאָ־פּאַלעסטינאַ־באַנק"). דעם די־רעקטאָר פון באַנק, לעוואָנטין, האָט הרצל אָנגעהויבן באַטראַכטן אַלס דעם אָפיציעלן פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל און ער פלעגט פרעגן זיין מיינונג איבער די צאָלרייכע פּראָיעקטן פאַר פאַרשיידענע אַרבעטן אין ארץ־ישראל, וואָס זיינען אים פאָרגעלייגט געוואָרן.

אַ קאָמיסיע צו פאָרשן די לאַגע אין ארץ ישראל

אַ וויכטיקן שריט פאָרויס אויף דעם געביט פון פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל האָט געמאַכט דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אויף וועלכן ס׳איז געוואַקסן די צאָל אונטערשטיצער פאַר באַלדיקער קאָלאָני־זאַציע־אַרבעט, אַלס קעגנווירקונג צום אוגאַנדע־פּראָיעקט. אַנשטאָט דער „ארץ־ישראל־קאָמיסיע", וואָס פלעגט אויסגעוויילט ווערן אויף יעדן קאָנ־

גרעס, אָבער פּאַקטיש ניט געווען טעטיק, האָט דער קאָנגרעס אויס־געוויילט אַן „אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פאַר ארץ־ישראל". אָט די אויס־פאָרשונגס־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דריי פּאַכלייט: אָטאָ וואַרבורג, זעליג סאָסקין און פראַנץ אָפּענהיימער. פאַר דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן, אמת, א ניט־גרויסער, אבער א זיכערער בודזשעט (15 טויזנט פראַנק).

פון גרויס חשיבות איז אויך געווען דער באַשלוס פון זעקסטן קאָנגרעס, אַז דער קרן קיימת האָט דאָס רעכט — אין קעגנזאַץ צום באַשלוס פון פינפטן קאָנגרעס — אָנצוהויבן קויפן ערד אין ארץ־ישראל, ניט וואַרטנדיק ביז ס'וועט געשאַפן ווערן דער סכום פון 200 טויזנט פונט, אויב דער רוב אין דירעקטאָרן־ראַט וועט דערצו איינשטימען. אין דעם פאַל איז דערלויבט געוואָרן אויסצוגעבן דריי פערטל פון גאַנצן קאַפּיטאַל פאַרן דערמאָנטן צוועק, און דער רעשט דאַרף בלייבן ניט־גערירט, ביז מ'וועט קענען צוטרעטן צו א גרויסער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט. שטיצנדיק זיך אויף דעם באַשלוס האָט הערצל געגעבן אַן אויפטראַג דעם דירעקטאָר פון „אַנגלאָ־פּאַלעסטינע־באַנק" צו קויפן אייניקע שטחים באַדן פאַרן קק"ל.

אויף דעם דאָזיקן באַדן האָט הערצל געוואָלט רעאַליזירן צוויי פּראָיעקטן: אויפשטעלן א קאָאָפּעראַטיווע פערמע, כדי אויסצופּרובירן די קאָלאָניזאַציע־שיטה פון פראַנץ אָפּענהיימער, און גרינדן א לערן־פערמע פאַר די יתומים פון קישעניעווער פּאָגראָם. אין 1904 איז לויטן פאָרשלאַג פון דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע צוגעקומען א נייע אינסטיטוציע: „די אייל־בירט־בוים־שפּענדונגען" (תרומות עצי זית). דער דאָזיקער פאָנד האָט געדאַרפט שאַפן מיטלען כדי צו פלאַנצן אויף דער קרן־קיימת־ערד אייל־בירט־ביימער אלס פאָלקס־אייגנטום.

די שטעלונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו דער אַרבעט אין ארץ־ישראל נאָך הערצלס טויט.

די דאָזיקע טענדענץ פון פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל האָט זיך נאָך הערצלס טויט נאָך שטאַרקער אַנטוויקלט. ווען ניט אָט די ווענ־דונג צו פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, וואָלט אפשר די באַוועגונג נאָכן אוגאַנדע־קריזיס ניט לאַנג אויסגעהאַלטן. זייט דעם זיבעצנטן קאָנ־גרעס (1905), וואָס האָט ליקווידירט דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט, האָט זיך ביסלעכווייז קריסטאַליזירט א נייע אידעאָלאָגיע, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַראייניקן די פּאָליטישע טעטיקייט מיט דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

מנחם אוסישקין, דער אָנפירער פון דער אָפּאָזיציע קעגן דעם

אוגאַנדע־פּראָיעקט און זייט 1906 דער פּאָרזיצער פון „אָדעסער קאָמי־טעט" פון די חובבי־ציון, שטעלט פעסט אין זיין בראָשור „אונזער פּראָ־גראַם", וואָס ער האָט פאַרעפענטלעכט א קורצע צייט פאַרן זיבעטן קאָנגרעס, אַז צום „טשאַרטער" דאַרף מען שטרעבן, סיי דורך באַלדיקער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל און סיי דורך דער פאָרזעצונג פון דער פּאָליטישער טעטיקייט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אָבער וויכטיקער איז, לויט זיין מיינונג, די אַרבעט אין ארץ־ישראל גופא. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אויסגעפּערטיקט א גענויעם פּלאַן, וואָס האָט צווישן אַנדערע פאָרגעזען: די גרינדונג פון לערן־פירמעס מיט די מיטלען פון קק"ל און יק"א, דאָס באַשעפטיקן יידישע אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, און דאָס אויפשטעלן אַ מין פריוויליקע יידישע אַרבעטס־אַרמיי מיט אַ דריי־יעריקער דינסט־פליכט.

פּראָפעסאָר אָ ט אָ וואַרבורג, וועלכן הערצל האָט מקרב געווען צו דער ציוניסטישער אידיי און וועלכער האָט זיך אינגאַנצן געשטעלט צו איר רשות ערשט נאָך דעם, ווי די אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן ערנסט צו פאַרנעמען מיט דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, האָט אויפן זיבעטן קאָנגרעס אויפגעוויזן די מעגלעכקייט אָנצוהויבן מינדעסטענס מיט פאַר־בארייטונגס־אַרבעט אויפן קאָלאָניזאַציע־געביט, וואָס וועט אונז קענען בייהילפיק זיין אין אונזער פּאָליטישער טעטיקייט. גלייכצייטיק האָט ער פאַרפאַסט א קאָלאָניזאַציע־פּראָגראַם, אין וועלכער ער האָט געפּרוווט צו פאַראייניקן פאָרשונגס־אַרבעטן מיט אַנטוויקל־פּלענער אויפן געביט פון אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע.

אין א שאַרפערער פאָרם איז חיים וויצמאַן אויפגעטרעטן אויפן אַכטן קאָנגרעס (1907). ער האָט באַהויפּטעט, אַז מ'דאַרף טאַקע שטרעבן צום „טשאַרטער", אָבער מען דאַרף אים זען אַלס אַן אויסדרוק פון אונזערע אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען אין לאַנד; „אויב די רע־גירונגען וועלן אונז היינט דעם טשאַרטער געבן, וועט דאָס זיין נאָר א שטיקל פּאַפּיר; אַנדערש וועט אָבער זיין, אויב מיר וועלן אין ארץ־ישראל פּראַקטיש אַרבעטן: דאַן וועט דער טשאַרטער געשריבן ווערן מיט בלוט און שוויס און באַהעפט ווערן מיט א צעמענט, וואָס וועט זיך קיינמאָל ניט צעברעקלען". גלייכצייטיק האָט זיך אין יענע יאָרן, ווי אויבן דערמאָנט, אָנגעהויבן א נייע עליה־באַוועגונג, די צווייטע עליה, וואָס האָט געצויגן די ממשותדיקע מסקנות פון די פּאָזיטיווע אָנשויאונגען איבער דער פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל.

אין איינקלאַנג מיט דער דאָזיקער אַנטוויקלונג האָט זיך אויך קריסטאַליזירט די טעטיקייט פון דער „ארץ־ישראל־קאָמיסיע". אויפן

זעקסטן קאָנגרעס האָט מען אויף איר ארויפגעלייגט בלויז אויספאָרשונגס־אויפגאבן. דער זיבעטער קאָנגרעס האָט פארברייטערט איר ארבעטס־געביט דורך דעם, וואָס ער האָט זי באַאויפטראגט „זאָרגן פאר דער אנטוויקלונג פון דער לאנדווירטשאפט און אינדוסטריע, אין א ווי ווייט מעגלעך דעמאָקראטישן גייסט, און צו העלפן אָרגאניזירן קולטורעל און ווירטשאפטלעך דעם ישוב און הייבן זיין ניוואָ דורכן אריינציען פון נייע אינטעלעקטועלע כוחות״; דערביי איז קלאָר אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז יעדע „ניט־סיסטעמאטישע און פילאנטראָפּישע קליין־קאָלאָניזאציע״ דארף אויסגעשלאָסן ווערן, ווייל זי שטייט אין א סתירה צו דער באזעלער פּראָגראם. דער אכטער קאָנגרעס (האג 1907) האָט, אנשטאט דער עקזיפּ־טירנדיקער ארץ־ישראל־קאָמיסיע, באַשטימט אַ זעלבסטשטענדיקע „פּאַלעס־טינא־אָפּטיילונג״ ביי דער עקזעקוטיווע, מיטן זיץ־אָרט אין בערלין און אונטער דער לייטונג פון אָטאָ וואַרבורג. צו איר דיספּאָזיציע איז גע־שטעלט געוואָרן א פּערטל פון אלע הכנסות פון דער עקזעקוטיווע. אויף דעם אופן איז געשאפן געוואָרן א ממשותדיקע אינסטאנץ פאר קאָלאָ־ניזאַציע־ענינים ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

פאקטיש איז דער קק״ל־באָדן געווען די גרעסטע שטויס־קראפט צו ממשותדיקער קאָלאָניזאציע־ארבעט. אין דער צייט צווישן 1903 און 1907 זיינען דערוואָרבן געוואָרן דריי גרויסע באָדן־שטחים: חטין אין צפון־מערב פון טבריה, 4000 דונאם צעשפּליטערטער באָדן, וועלכן מ׳האָט געדארפט קאָנצענטרירן; דאלייקה — אום־דזשוני, אויפן ברעג פון כנרת (וווּ ס׳געפינען זיך היינט כנרת און דגניה) — 6400 דונאם; בית־עריף ביי לוד (היינט בן־שמן), איבער 2000 דונאם. צו די דערמאָנטע שטחים איז אין זומער 1908 צוגעקומען 1975 דונאם פון חולדה־באָדן, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורך דער „אנגלאָ־פּאלעסטינא־באנק״ און איז איבער־געגעבן געוואָרן דעם קק״ל.

נאָך יעדער באָדן־קניה האָט זיך אלע מאָל מער פארשארפט די פראגע, וואָס צו טון מיטן באָדן. לאָזן אים ליגן ניט־באארבעט — איז געווען אוממעגלעך, ווייל לויטן טערקישן געזעץ האָט די רעגירונג געקאָנט קאָנפיסקירן ערד, וואָס איז אין משך פון דריי יאָר נאָכאנאנד ניט באַ־אַרבעט געוואָרן; דאָס איבערגעבן דעם באָדן אין דויערנדיקער פאר־פּאכטונג צו אראבער האָט געקאָנט ברענגען צו דעם, עס זאָלן אנטשטיין באזיץ־פּאָדערונגען מצד די פּעכטער; יידישע פּעכטער איז שווער געווען צו געפינען פאר דעם ניט־אנטוויקלטן באָדן, מיט רעכט האָט באמערקט דער דעלעגאט פאסמאניק אויפן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס בשעת׳ן ויכוח איבער דער פארווענדונג פון די קרן־קיימת־געלטער, אז באָדן־קויף

אין ארץ־ישראל הייסט: באלדיקע קאָלאָניזאַציע. מער ווי דער ווילן פון דער קאָנגרעס־מאַיאָריטעט אָנצוהויבן פּראַקטישע אַרבעט, האָבן די אויסערלעכע באַדינגונגען געצווונגען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ערנסט זיך צו באַציען צו דער פּראַקטישער ארבעט, נאָך דעם ווי זי האָט באַשלאָסן אָנהויבן צו קויפן ערד אין ארץ־ישראל.

דער „פּאַלעסטינא־אמט״

אָבער מיט דער דאָזיקער ארבעט האָט מען ניט געקאָנט אָנפירן פון גרינעם זיצונגס־טיש ערגעץ־ווו אין אייראָפּע, ווייט פון ארץ־ישראל.

לויטן פאַרשלאַג פון דער „ארץ־ישראל־אָפּטיילונג״, האָט דער אַכטער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ „פּאַלעסטינא־אַמט״ ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיטן זיץ־אָרט אין יפו. אין אָנהייב 1908 איז דער „פּאַלעסטינא־אַמט״ שוין צוגעטראָטן צו זיין ארבעט.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויף אזא אופן — אין קעגנזאַץ צו הערצלס פאָדערונגען — אָנגעהויבן איר פּראַקטישע ארבעט אין ארץ־ישראל אין די זעלבע יורידישע באַדינגונגען, אין וועלכע ס'האָבן אָנגעהויבן די „חובבי־ציון״ מיט 25 יאָר צוריק. אָבער זי האָט זיך שוין געקאָנט שטיצן אויף אַ עקזיסטירנדיקן קאָלאָניזאַציע־ווערק און אויף דער דערפאַרונג פון אירע פאָרגייער.

ד״ר ארתור רופּין

אלס לייטער פון נייעם „פּאַלעסטינא־אמט״ האָט דער „ענגערער אקציאָנס־קאָמיטעט״ (די ציוניסטישע עקזעקוטיווע) נאָמינירט דעם ד״ר ארתור רופּין. רופּין איז געווען, ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן פּלאַץ. אין אַ זעלטענער מאָס האָבן זיך אין אים פאַראייניקט דאָס פאַרשטענדניש פאַר פּראַקטישע מעשים און אַ טאַלאַנט פון אַ וויסנשאַפטסמאַן. ער האָט אַליין אַמאָל אויף זיך געזאָגט, אַז לויט זיין אינערלעכער נייגונג „וואַקלט ער זיך צווישן פּראַקטישער אַרבעט און וויסנשאַפטלעכער״. רופּין, וואָס האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אַלס 32־יעריקער יונגערמאַן, איז געווען פון דער נאַטור אויס אַ גוטהאַרציקער מענטש, מיט אַ טיפער געדולד און גרויסן אויסדויער און תמיד באַרייט צו לערנען פון דער ווירקלעכקייט. ער האָט פאַרשטאַנען צו געפינען די ריכטיקע שפּראַך צו די יונגע ארבעטער פון דער צווייטער עליה און אויסטרעטן פאַר זיי און פאַר דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע נייע וועגן.

די אויפגאַבע פון „פּאַלעסטינא־אמט״ איז געווען זייער אַ שווערע,

ווייל אין תוך געגומען זיינען ניט געווען קיין שום מיטלען פאַר קאָלאָ־ניזאַציע־צוועקען. מיט די נישטיקע הכנסות פון קרן קיימת אין יענע יאָרן איז דערלויבט געווען, לויט זיינע סטאַטוטן, זיך צו באַנוצן נאָר פאַרן באָדן־אויפקויף. די קאָלאָניאַל־באַנק, וואָס האָט לויט הערצלס פּלענער געדאַרפט דינען אַלס פינאַנציעלער הויפּט־אינסטרומענט פאַרן לאַנד־אויפבוי, האָט זיך ניט אַנטוויקלט צו דער מדרגה פון אַ צענטראַל־באַנק, און איר פיליע, די אַנגלאָ־פּאַלעסטינאַ־באַנק, איז נאָך דערווייל געווען אַ קליינע קרעדיט־אינסטיטוציע, וואָס האָט נאָך ניט געקאָנט אינוועס־טירן אירע געלטער אין ניט־זיכערע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען. אויף אַזאַ אופן זיינען ביים אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע איר צו פאַרפיגונג געשטאַנען בלויז די הכנסות פון „די איילבירטבוים־שפּענדונגען". מיט זייער הילף האָט מען געקלערט צו פלאַנצן אויפן באָדן פון קק"ל וועלדער פון איילבירט־ביימער אַלס לעבעדיקן דענקמאָל פאַר הערצלען. די הכנ־סות פון די וועלדער האָבן געדאַרפט דינען אַלס פאָנד פאַר גרינדן און דערהאַלטן קולטור־אינסטיטוציעס.

„חברת הכשרת הישוב"

כדי צו צוציען פּריוואַטע געלט־מיטלען צום אויפבוי פון לאַנד, איז לויטן פאָרשלאָג פון ד"ר רופּין געגרינדעט געוואָרן די „חברת הכשרת הישוב", אַ פּריוואַטע געזעלשאַפט פאַרן באָדן־אויפקויף. איר אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין: קויפן ערד, זי פאַרצעלירן און צוגרייטן פאַר פּריי־וואַטע קאָלאָניסטן. אחוץ דעם האָט זי געדאַרפט אין דער ניי־געגרינדעטער פערמע אין דלייקה־אום־דזשוני לאַנדווירטשאַפטלעך אויסבילדן יידישע אַרבעטער און נאָך דעם זיי באַזעצן אַלס פּעכטער און קאָלאָניסטן. צוליב דעם, וואָס די געזעלשאַפט האָט פאַרמאָגט אַ קליינעם קאַפּיטאַל, האָט איר דער קק"ל געדאַרפט דורך קרעדיט־ערטיילונג העלפן בייצוקומען די שוועריקייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן אָנהייב פון איר טעטיקייט.

די אויסרעכענונגען איבער דער רענטאַביליטעט פון די „איילבירט־ביימער־שפּענדונגען" און וועגן דער פערמע פון „חברת הכשרת הישוב" האָבן זיך זייער שנעל אַרויסגעוויזן אַלס פאַלשע. אָבער איין מעלה האָבן זיי געהאַט: דער „פּאַלעסטינאַ־אַמט", וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די דאָ־זיקע אויסרעכענונגען, האָט געוואַגט — לויט דער שפּעטערדיקער באַטאָ־נונג פון זיין לייטער, ד"ר רופּין — אָנצוהייבן די אַרבעט, און טראָץ דעם וואָס די דאָזיקע אַרבעט איז ניט געקרוינט געוואָרן מיט קיין פינאַנציע־לער הצלחה, האָט זי דאָך געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער ווייטער־דיקער אַנטוויקלונג פון קאָלאָניזאַציע־ווערק.

אויף דריי געביטן האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פאַרגעשריטן און איר ארץ־ישׂראל־אַרבעט אין דער פאַרבאַרייטונגס־תּקופה צווישן 1908 און 1914: אין דער פראַגע פון באָדן־אויפקויף, אין דער סאָציאַלער פאָרם פון די ישובֿים און אין זייער ווירטשאַפטלעכן אויפבוי. גלייכצייטיק איז איר, אין די דערמאָנטע 6 יאָר, געלונגען אַזוי טיף אַריינצודרינגען אין אַלע קרייזן און צווייגן פון ארץ־ישׂראל־אויפבוי, אַז זי האָט שוין פאַרנומען אַ צענטראַלן אָרט, נאָך איידער די באַלפור־דעקלאַראַציע און דער מאַנ־דאַט איבער ארץ־ישׂראל האָבן איר די דאָזיקע ראָל רעכטלעך פאַרזיכערט.

באָדן־קויף

דער באָדן־קויף אין ארץ־ישׂראל איז געווען פאַרן קריג (און איז נאָך היינט) פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. ביז צו דער לעצטער צייט האָבן געפעלט גענויע מאַפּעס; נאָך זיינען ניט אויפגעפאָרשט גע־וואָרן די אייגנשאַפטן פון באָדן פאַר באַשטימטע לאַנדווירטשאַפטלעכע געוויקסן; דער לאַנדווירטשאַפטלעכער באָדן, אויב ער האָט ניט געהערט צו גרויסע גרונט־באַזיצערס, — האָט מייסטענס געהערט צום גאַנצן דאָרף, וועמעס איינוווינער האָבן יעדע צוויי יאָר באַקומען, לויטן גורל, אַ שטיק ערד צו באַאַרבעטן. אויב די ערד איז אָפּגעקויפט געוואָרן ביי גרויסע גרונט־באַזיצערס, אַזוי ווי ס׳איז פאַקטיש געשען אין גרעסטן טייל קניות, האָבן מיר געהאַט צו טון מיט גרויסע ערד־שטחים, וואָס דערוווערבן זיי האָט געפאָדערט גאָר באַדייטנדע געלט־סומען, און וואָס זיינען געאייגנט פאַר קאָלאָניזאַציע ערשט נאָך דעם, ווי זיי זיינען געהעריק אויסגע־מאָסטן, אָפּגעגרענעצט, פאַרצעלירט און צו דער באַאַרבעטונג צוגעגרייט געוואָרן. אויב מ׳קויפט די ערד פון פעלאַכן, דאַרף מען אַריינגיין אין לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צו באַקומען די צושטימונג צום פאַרקויף פון אַלע דאָרפסלייט, נאָך דעם מוז מען אָפּגרענעצן דעם געקויפטן באָדן פון דעם איבעריקן, און צום סוף — פאַראייניקן די צעשפּרייטע פאַרצעלן אין איין געשלאָסענעם באָדן־קאָמפּלעקס.

יעדע טראַנזאַקציע איז פאַרבונדן מיט אַ לאַנגדויערנדיקן משׂא־ומתּן מיט די רעגירונגס־אַמטן, וואָס איז באַזונדערס שווער געווען אין די טערקישע צייטן, ווייל דאַמאָלט איז דער באָדן־פאַרקויף צו יידן געווען געזעצלעך פאַרבאָטן.

די גרויסע באַדייטונג פון דער „חבֿרת הכשרת הישוב״ איז באַשטאַ־נען אין דעם, וואָס זי האָט איינגעפירט אַנטשפּרעכענדע מעטאָדן פאַר באָדן־דערוווערבונג און האָט באַפרייט דעם קרן קימת, ווי אויך פריי־וואַטע קונים פון אַ פאַרוויקלטער פראָצעדור, וואָס איז געווען פאַרבונדן

מיטן באָדן־קויף. כמעט די גאַנצע ערד, וואָס דער קק"ל האָט געקויפט איז דערוואָרבן געוואָרן דורך דער פארמיטלונג פון דער „חברת הכשרת הישוב". דאָסגלייכן איז געשען מיט אַ חשובן טייל פון די פריוואטע קניות.

יהושע חנקין

פון גרויס וויכטיקייט פאר דער טעטיקייט פון דער „חברת הכשרת הישוב" איז געווען דער פאַקט, וואָס זייט 1910 איז צו איר דיספּאָזיציע געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט באַטראַכט אַלס ציל פון זיין לעבן די אויסלייזונג פון דער ארץ־ישראל ערד פארן יידישן פאָלק. דאָס איז געווען יהושע חאנקין. כמעט אלע גרעסערע באָדן־קניות פון חברת הכשרת הישוב און פון קק"ל זיינען דורך אים אויסגעפירט, אָדער, לכל הפחות, אָנגעהויבן געוואָרן. אים איז אין 1910 געלונגען צו פארענדיקן די ערשטע באָדן־קניה אין עמק־יזרעאל (מרחביה), און נאָך איר זיינען באַלד געקומען אנדערע ערד־קניות אין עמק. אַ דאַנק די דאָזיקע קניות האָט די חברת הכשרת הישוב גענומען אויף זיך אויך קאָלאָניזאציע־אויפגאבן, ביז ס'איז קלאָר געוואָרן, אז אַזעלכע אויפגאַבן, לכל הפחות אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער קאָלאָניזאציע, קענען דורך פריוואַטע באָדן־קויף־געזעלשאַפטן ניט פאַרווירקלעכט ווערן.

די גרינדונג פון דגניה

אין יאַר 1908 איז די חברת הכשרת הישוב נאָך געווען ווייט פון דער דאָזיקער מסקנה. האָט טאַקע די חברת הכשרת הישוב, אין איינקלאנג מיט איר ערשטער פּראָגראַם, געגרינדעט אַ פערמע אין דלייקה־אום־דזשוני, אין וועלכער ס'האָבן יידישע אַרבעטער, אונטער דער לייטונג פון אַן אַגראָנאָם, געדאַרפט לערנען לאַנדווירטשאפטלעכע ארבעט און צוגלייך באַאַרבעטן די קק"ל־ערד, וואָס די חברת הכשרת הישוב האָט פון איר צו דעם צוועק געפאכטעט. אָבער שוין נאָכן ערשטן יאַר איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן די ארבעטער און דעם פערמע־לייטער דערפאר, וואָס ער האָט זיי ניט דערלויבט זיך צו באטייליקן אין דער לייטונג פון דער פערמע, און צוליב דעם וואָס ער האָט געפּרוּווט צו באַשעפטיקן אראבער אין סעזאָן־ארבעטן. דער לייטער האָט געטענה'עט, אז אין קעגנזאַץ צו זיינע אויסרעכענונגען האָט די פערמע געבראַכט אַ דעפיציט, און אַז אָן ביליקער אראבישער אַרבעט וועט זי ניט געבן קיין ריוח. די ארבעטער האָבן געפאָדערט אָפּצוזאָגן דעם אומפעאיקן לייטער פון זיין פּאָסטן, און אַז די לייטונג זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון די אַרבעטער. אָבער, ווייל די לאַנדווירטשאפטלעכע ארבעטער זיינען נאָך ניט געווען

גענוג דערפאַרן אין פירן אַ ווירטשאַפט אויף אייגענער אחריות, אַ חוץ דעם איינציקן נסיון אין דער יק״א־פערמע אין סעדזשערע (דער „קאָ־לעקטיוו״), האָט ד״ר רופין באַשלאָסן נאָר טיילוויז צו דערפילן זייערע פאָדערונגען, דהיינו, ניט לגבי דעם גאַנצן שטח פון דער פערמע, נאָר לגבי איין טייל, — דאָס איז די ערד פון אום־דזשוני, וואָס געפינט זיך אויפן רעכטן ברעג פון ירדן. דעם 1־טן דעצעמבער 1909 האָט אַ גרופּע פון 6 אַרבעטער אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן דעם באָדן, און ווייל דער פּרווו איז געלונגען האָט אין דעצעמבער 1910 אויך א צווייטע גרופּע פאַרגע־זעצט די אַרבעט אויף די זעלבע באַדינגונגען. די דאָזיקע גרופּע האָט שוין פריער געאַרבעט אויף קאָלעקטיווע יסודות אין פּתח־תקוה, כנרת און חדרה. זי האָט זיך איצט געשטעלט אלס ציל צו גרינדן אַ שטענדיקן ישוב אויפן באָדן וואָס זי האָט איבערגענומען צו באַארבעטן. דעם נייעם ישוב האָט זי שפּעטער אַ נאָמען געגעבן: דגניה.

די קבוצה דגניה. אידעאָלאָגיע און ווירקלעכקייט

פאַרשידענע פאַקטאָרן האָבן געבראַכט דערצו, וואָס דער באָדן פון אום־דזשוני (דגניה) איז איבערגעגעבן געוואָרן אַן אַרבעטער־גרופּע. קודם־כל די דערקענטניש פון די אַרבעטער, אז די דעראָבערונג פון איינ־צעלנע אַרבעטס־פּלעצער אין די קאָלאָניעס וועט זיי וועזנטלעך ניט דערנענטערן צו זייער ציל, צו דער דעראָבערונג פון פאָלק און לאַנד דורך זעלבסט־אַרבעט. די אַרבעטער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן גע־דאַנק, אז נאָר דורך שותפות, דורך צוזאַמענשלוס פון אַלע כוחות וועט דער יחיד קענען דערהאַלטן יענע קראַפט, וועלכע האָט אים דערמעג־לעכט גובר צו זיין די שוועריקייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די איבערגאַנגס־ליידן פון שטאָטישער צו לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט. דערצו איז צוגעקומען די איבערצייגונג, אז די באַשעפטיקונג פון אַ הויכבאַצאָלטן פאַרוואַלטער פאַרטייערט צו פיל די ווירטשאַפט און צוליב דעם קען זי ניט ברענגען קיין ריוח; אז אַ ריין־פאַכמענישע פאַר־וואַלטונג איז גענייגט צו באַשעפטיקן אַראַבישע אַרבעטער, כדי צו פאַר־ביליקן די הוצאות פון דער ווירטשאַפט; פון דער צווייטער זייט — דער־מעגלעכט ניט די פאַרוואַלטונג דעם אַרבעטער די פולע אַנטוויקלונג פון זיינע כוחות און, פאַרשטייט זיך, אז דער אַרבעטער קען צוליב דעם ניט אַרויסווייזן זיין פולע איבערגעגעבנקייט. די אַלע דערשיינונגען וועלן פאַרשווינדען, אויב די אחריות פאַרן גורל פון דער ווירטשאַפט וועט איבערגעטראָגן ווערן אויף די אַרבעטער אַליין.

דער „פּאַלעסטינאַ־אַמט״ ווידער האָט געפאַסט זיין באַשלוס ניט

נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט גוט אויסניצן די אום־דזשוני־ערד, נאָר אויך כדי צו פּרווון נייע וועגן אין זיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט. דער לייטער פון פּאַלעסטינא־אַמט איז געווען אדורכגעדרונגען מיט דער איבערצייגונג, אז מ׳טאָר ניט נוצלאָז פאַרשווענדן די קרבנות־גרייטשאַפט און התלהבות פון די ארבעטער, דעם גרעסטן אקטיוו וואָס דער ציוניזם פאַרמאָגט אין דעם אויפבוי־ווערק. מ׳דאַרף זיי צוליב דעם דערמעגלעכן צו זוכן און צו גיין אין אייגענע וועגן, אויף וויפיל דאָס וועט ניט שע־דיקן די אינטערעסן פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ברייטע ציוניסטישע קרייזן האָבן שוין פון לאַנג געפאָדערט צו גיין אין דער ריכטונג פון קאָאָפּעראַטיווע ישובים, וועלכע הערצל האָט בשעתו אונטערגעשטיצט און וועמענס אַנטשיידענע חשיבות פראַנץ אָפּנהיימער האָט אלע מאָל מער אונטערגעשטראָכן. אלס „קאָאָפּע־ראַטיווער ישוב לויט אָפּענהיימערס פּלאַן" האָט רופין פאַרגעשטעלט פאַר דער קק״ל־לייטונג אויך דעם נייעם פּרווו אין דגניה. דער פאַקט, אז פון דעם נייעם פּרווו איז ווירקלעך ארויסגעוואקסן און זיך אנטוויקלט אַ נייע פאָרם פון אַ קאָלעקטיוון ישוב, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „קבוצה" — איז בעיקר דער פאַרדינסט פון יענער ארבעטער־גרופּע, וואָס האָט אויף זיך דעמאָלט גענומען די אַרבעט אין אום־דזשוני.

ד קבוצה־אָרדנונג אין איר אָנהייב

די דאָזיקע מענטשן זיינען צו זייער ארבעט ניט צוגעטראָטן מיט קיין שום באַשטימטער פּראָגראַם, וואָס זאָל געבוי פעסטשטעלן זייער נייעם לעבנס־וועג. נאָר ווייניקע פּרינציפּן זיינען פאַר זיי קלאָר געווען. דער ערשטער און חשובסטער איז געווען: בשותפותדיקע, זעלבסטשטענדיקע און אויף אייגענער אחריות אויסגעפירטע ארבעט. די דאָזיקע מענטשן זיינען געקומען אין לאַנד אריין אויס אחריות־געפיל פאַר זיין אויפבוי, די דאָזיקע אחריות האָבן זיי אויף זיך געוואָלט נעמען פאַר יעדער ארבעט. וואָס איז דער חלק פון יחיד אין דער געמיינזאַמער ארבעט, ווי אזוי זי צו פאַר־טיילן און אויספירן — די אלע פראַגן דאַרפן געלייזט ווערן אויף בשותפותדיקע באַראַטונגען. אזוי ווי אלע, וואָס שטרעבן צו אמתער פריי־הייט, האָבן אויך זיי געזען זייער פרייהייט אין אונטערוואַרפן זיך אונטער געזעצן, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן. אַזוי האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן די שטרעבונג צו פרייער זעלבסטאַרבעט אויף אייגענער אחריות מיטן שטרעבן צו גלייכהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, — אַ שטרעבן, וואָס האָט געצויגן זיין יניקה סיי פון דער נאָענטער פאַר־גאַנגענהייט, פון דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם רוסישן פאָלקס־

סאָציאַליזם, סיי פון זייער ווייטער נאַציאָנאַלער פארגאנגענהייט, פון דער וויזיע פון די יידישע נביאים.

ווי ווייט די ארבעטער האָבן זיך ניט געשטיצט אויף טעאָרעטישע אויסרעכנונגען באווייזט דער קאָנטראַקט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין יאָר 1909 צווישן דער ערשטער גרופע ארבעטער און דער „חברת הכשרת הישוב" און וואָס איז אין 1910 באנייט געוואָרן מיט דער צווייטער גרופע. לויט דעם קאָנטראַקט זיינען זיי געווען לוין־אַרבעטער ביי דער חברת הכשרת הישוב, זייער מאָנאַט־געהאלט איז געווען 45 פראנק; אַ דירה האָבן זיי באקומען אין אַן אראבישער „חושה" (אַ הייזל אויס ליים) און אין באראַקן, וועלכע זיי האָבן אליין אָנגעהויבן אויפשטעלן, און אין הייזער, וואָס קרן קיימת האָט אָנגעהויבן בויען נאָך דעם ווי די צאָל ארבעטער האָט זיך פארגרעסערט. אַ חוץ דעם האָבן זיי געדארפט באקומען אַ העלפט פון דער נעטאָ־הכנסה פון דער ווירטשאַפט. די צווייטע העלפט האָט גע־הערט צו דער חברת הכשרת הישוב. אויך די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער קבוצה איז נאָך אַ לאנגע צייט געווען ווייט פון אַן אויסגע־האַלטענעם קאָלעקטיוויזם, לויט ווי מיר זעען אים שפּעטער, באַזונדערס נאָך דער מלחמה. אמת, די חברים פון דער קבוצה האָבן געגעסן אין אַ בשותפותדיקן עס־צימער, און וועגן ארבעטס־פארטיילונג און אנדערע ווירטשאפטס־פראַגן פלעגן זיי באשליסן אויף אלגעמיינע פארזאמלונגען, אויף וועלכע אַלע חברים האָבן געהאַט גלייכע שטימרעכט. אָבער פאָרמעל האָט יעדער חבר געהאַט אַ באזונדערן חשבון, אין וועלכן מ׳פלעגט יעדן חודש פארשרייבן זיין געהאלט און זיין חלק אין די ריוחים, נאָכן אַראָפּ־ציען די קאָסטן פארן עסן און אנדערע בשותפותדיקע הוצאות. נאָר דער ענגער קרייז פון די קבוצה־גרינדער האָט פולשטענדיק געלעבט פון אַ בשותפותדיקער קאָסע. אָבער איין הויפּט־פּרינציפּ האָט געגאָלטן פאר אלע: אלע ארבעטער האָבן באקומען דעם זעלבן לוין, אומאפהענגיק פון דער ארבעט, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט, אויב זיי האָבן נאָר אָנגע־שטרענגט אלע זייערע כוחות פאַרן געמיינזאַמען ווערק — דאָס איז געווען דער הויפּט־באַדינג פאר זייער פארבלייבן אין דער ווירטשאַפט.

אין דער דאָזיקער פראַגע — גלייכער אָדער ניט־גלייכער ארבעטס־לוין — איז באַלד געקומען צו א שארפן קעגנזאַץ צווישן זיי און אַן אנ־דערן פארזוך פון קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע, מיט וועלכן מ׳האָט זיך דאַן אין לאנד באַשעפטיקט, און דוקא אין דעם צוזאַמענשטויס זיינען צום ערשטן מאָל בולט געוואָרן די הויפּט־ליניעס פון דער אנטשטייענ־דיקער קבוצה־פאָרם.

קורץ נאָך דעם, וואָס אין אום־דזשוני איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו פון אַן ארבעטער־ווירטשאפט — וועלכן די ציוניסטישע עפענטלעכקייט האָט נאָך ניט באוויזן רעכט צו דערקענען — האָט דער ביינטער קאָנגרעס (דעצעמבער 1909) איינשטימיק באשלאָסן צו גרינדן אַ פּראָבע־ישוב לויטן פּלאַן פון עקאָנאָמיסט פּראָפעסאָר פראַנץ אָפּענהיימער. קק״ל האָט געדארפט זאָרגן פארן אַנטשפּרעכנדיקן ערד־שטח, און די פינאנסירונג האָט אויף זיך גענומען א ספּעציעל פאר דעם צוועק געשאפענער „קאָאָפּעראַטיווער פאָנד״.

דער דאָזיקער באַשלוס, מיט וועלכן ס׳האָט זיך באַזונדערס פאַר־אינטערעסירט די „פּועלי ציון״־פראקציע אונטער דער אָנפירונג פון ש. קאפּלאנסקי, איז אויפגענומען געוואָרן מיט אלגעמיינער באפרידיקונג, ווייל ניט קיין קליינע זאך האָט אָפּענהיימער צוגעזאָגט אין זיין פּראָגראַם. „דאָס שאפן פון אַ שטאנדהאפטן קרעדיט־באזיס פאר קאָלאָניזירן יידישע פרייע לאַנדווירטן אין ארץ־ישראל — איז געזאָגט געוואָרן אין אויפרוף פון קאָאָפּעראַטיוון פאָנד — דאָס איז די כוונה פון דער דאָזיקער אונטער־נעמונג. די גרינדער שטרעבן דורך קליין־קאָלאָניזאציע צו דערגרייכן די גרויס־קאָלאָניזאציע און ניט נאָר פאַר לאַנדווירטן. ווייל ווער ס׳שאפט דערפאר — דער בויט אויך שטעט, אין וועלכע ס׳וועלן קענען לעבן צענדליגער און אפשר הונדערטער טויזנטער פרייע און שטאָלצע בירגער״.

אָפּענהיימער האָט געפּרוווט דורך דער שאפונג פון א גרויסער קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאפט צו פארבינדן מיטאיינאַנדער די מעלות פון אַ גרויסער ווירטשאַפט — מער ראַציאָנעלע און מאָדערנע אַרבעטס־מעטאָדן, קלענערע אויסגאבן פאר געביידעס און פאר געזעלשאפטלעכע באדערפנישן — מיט די מעלות פון א קליינווירטשאפט, וואָס שטיצט זיך אויף אינדיווידועלער ארבעט („דער אינטערעס פון אייגנטימער, דער הייליקער זעלבסט־אינטערעס פון ליבעראליזם״). די אנטוויקלונג פון ישוב האָט געדאַרפט אַדורכגיין דריי שטופן: אין אָנהייב וועט געשאַפן ווערן א גרויסע ווירטשאפט, וואָס וועט זיך געפינען אונטער דער לייטונג פון אַן אַגראָנאָם. ער וועט די ארבעטער צאָלן א סטאַבילן געהאלט, גראדירט לויט זייערע אַרבעטס־מעגלעכקייטן און לייסטונגען. די אַרבעטער איז אויך פארזיכערט אַ הויכע באטייליקונג אין די ריוחים פון דער ווירטשאפט, מיט געוויסע אונטערשיידן לויטן אויבנדערמאָנטן פּרינציפּ. נאָך דעם ווי די ווירטשאפט און די ארבעטער וועלן אדורכמאכן די אָנהייב־סטאדיע און די אַרבעטער וועלן האָבן אין דער צוגרייטונגס־צייט געמאַכט גענוג־

געגנדע אָפּשפּאָרונגען, וועלן זיי אלס „לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעטער־פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו" איבערנעמען די פאַרוואַלטונג פון דער ווירטשאַפט אויף אייגענער אחריות. צו דעם צוועק וועלן זיי דאַרפן דעם „קאָאָפּעראַטיוון פאָנד" באַצאָלן אין מזומן אָדער אין ראַטן דעם ווערט פון אינווענטאַר, וואָס וועט איבערגיין אין זייער רשות. דער קק"ל, אלס באָדן־אייגנטימער, וועט באַקומען א יערלעכן פאַכטצינז פאַרן באָדן. נאָר „דער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו" אליין וועט געניסן פון די ריווחים אָדער וועט טראָגן די היזקות, וואָס וועלן זיין פאַרבונדן מיט דער ווירטשאַפט. די דריטע אנטוויקלונגס־שטופע וועט זיין דער „קאָאָפּעראַטיווער ישוב". דער ישוב וועט געבויט ווערן אויף אזא אופן, אז אויך ניט־לאַנדווירטשאַפטלעכע עלעמענטן, ווי בעלי־מלאכה׳עס, סוחרים, פרייע באַרופן א"א וועלן זיך דאָרט קענען באַזעצן. אַ חוץ אַנדערע מעלות וועט דאָס האָבן נאָך אַ וויכטיקע מעלה: ס׳וועט פאַרגרינגערן דעם עול פון די געזעלשאַפטלעכע באַלאַסטונגען אין דעם ישוב. די מיטגלידער פון „קאָאָפּעראַטיוו ישוב" וועלן האָבן דאָס רעכט אויסצוויילן פאַר זיך די לעבנס־און־ווירטשאַפטס־פאָרם, וואָס וועט פאַר יעדן פון זיי זיין אמפּאַסיקסטן: זיי וועלן קענען בלייבן מיטגלידער פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוו און וווינען אין קאָאָפּעראַטיוון הויז, אָדער אין א באַזונדערן פאַמיליע־הויז; יעדער פון זיי וועט האָבן אַ רעכט צו באַקומען אַ הלוואה פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאַסע און מיט דעם געלט זיך אויפבויען אַן אייגן הויז און פאַכטן צען דונאַם באָדן, וועלכע ער וועט קענען אין זיין פרייער צייט באַאַרבעטן. מ׳וועט אויך מעגן פאַרלאָזן דעם קאָאָפּעראַטיוו און זיך גרינדן אַן אייגענע ווירטשאַפט אויף א שטח, וואָס מ׳וועט קענען פאַכטן פון קאָאָפּעראַטיוון ישוב.

אויב ס׳וועט געלינגען צו דערפירן דעם פּרווו ביז צו דער דאָזיקער מדרגה און אים צו פאַרברייטערן ביז דער גרענעץ פון זיין אויפנאַמס־פעאיקייט, דאַן וועט דער גרויס־קאַפּיטאַל זיין באַרייט צו פינאַנסירן אַזעלכע נייע ישובים און דערמיט עפענען אַ וועג פאַר דער פינאַנסירונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און די קבוצה.

אין דער זעלבער צייט (1910) איז דער „חברת הכשרת הישוב" נאָך גרויסע שוועריקייטן, געלונגען צו דערווערבן אין האַרץ פון עמק־יזרעאל, אין צפון פון עפולה, א שטח פון 10 טויזנט דונאַם. אויפן פאָרשלאָג פון „פּאַלעסטינאַ־אַמט" האָט דער קק"ל באַשלאָסן צו קויפן ביי דער חברת הכשרת הישוב 3.500 דונאַם פון דאָזיקן שטח, כדי אויפן דאָזיקן

אָרט מאכן דעם פּרווו פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע לויט אָפּענהיימערס פּלאַן.

אין מערץ 1911 האָט מען שוין געקאָנט אָנהייבן ארבעטן. אָבער נאָך דעם ווי ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די ערד איז פיל ערגער ווי מ׳האָט אין אָנהויב געמיינט, און אז די פיינטשאַפט פון די אראבישע שכנים מאכט שווער די ראַציאָנעלע ארבעט, און ווייל מ׳האָט א לענגערע צייט ניט געקענט באקומען קיין דערלויבניש אויפצושטעלן די נויטיקע געביי־דעס — איז אין נאָוועמבער 1911 באַשלאָסן געוואָרן איבערצוטראָגן די פּראָבע־ווירטשאפט אויף א מער אויסגעפּרוּווטן באָדן: דער קק״ל האָט ווידער געדארפט איבערנעמען פון דער „חברת הכשרת הישוב״ כנרת און דגניה און דאָרט אויפשטעלן א קאָאָפּעראַטיוון ישוב לויט אָפּענהיימערס פּלאַן. אויף אזא אופן האָבן געדארפט צוויי ענינים מיט א מאָל דערלעדיקט ווערן, דהיינו: די חברת הכשרת הישוב זאָל זיך געזעגענען קענען ווידמען איר ריכטיקער אויפגאבע — דער באָדן־דערוואַרבונג, און ס׳זאָל געלייזט ווערן די פּראָבלעם פון דער פערמע אין כנרת, אין וועלכער א ניי־אויס־געבראָכענער סכסוך און ארבעטער־שטרייק האָבן געבראַכט צום אָפּזאָגן דעם ביזאיצטיקן לייטער פון זיין פּאָסטן. (נאָך עטלעכע פּרוּוון איז אויך די פערמע אין כנרת איבערגעגעבן געוואָרן אין 1913 אַן ארבעטער־קבוצה).

אָבער די קבוצה אין דגניה איז ניט געווען פאר דעם פּלאַן. זי האָט אים אקעגנגעשטעלט איר אייגענעם פּרווו אלס גלייכווערטיקן. אין אלגע־מיין זיינען די אויסזיכטן פון אָפּענהיימערס פּראָיעקט געווען בעסערע, ווייל זיי האָבן זיך דאָך באַזירט אויף טעאָרעטישע באטראכטונגען פון אַן אַנער־קענטן עקאָנאָמיסט. דאקעגן האָט זיך די קבוצה געקאָנט שטיצן נאָר אויפן גלויבן פון אירע חברים, אין וועמענס פעאיקייט צו פאַרווירקלעכונג האָט מען נאָך געקענט צווייפלען.

די קבוצה איז באַזונדערס שאַרף אויפגעטרעטן קעגן צוויי פּרינציפּן פון אָפּענהיימערס פּלאַן: 1) קעגן „דער אויבערשטער אָפיציעלער לייטונג פון אַן אדמיניסטראַטאָר איבער אַן ארבעטער־גרופּע, וואָס קען שוין זייט יאָרן די ארבעט״; 2) קעגן די אונטערשידן אין די ארבעטער־לוינען. אָט דער לעצטער פּרינציפּ, פאר וועלכן אָפּנהיימער האָט מיט עקשנות געקעמפט, האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדערס שטאַרקע קעגנערשאַפט. אָפּענהיימער האָט זיך געוואָלט באַדינען מיטן מענטשלעכן עגאָאיזם, אלס מיט א נאַטירלעכער שטויס־קראַפט, און מיט דער הילף פון די קאָאָפּעראַטיווע פּרינציפּן אים פאַרוואַנדלען אין א פּאָזיטיווער לייסטונג. די קבוצה־אָנהענגער האָבן אין דעם אייגן־אינטערעס פון יחיד געזען א נעגאַטיוון כוח און האָבן עס געהאלטן פאר זייער אויפגאבע ווי ווייט מעגלעך דעם עגאָאיזם פון זייער ווירט־

שאפטלעכן און געזעלשאפטלעכן קרייז צו דערוויטערן. זיי האָבן, ווי דערמאָנט, געזען די פּאַרווירקלעכונג פון דער גערעכטיקייט נאָר אין פאַל, ווען אַלע אַרבעטער וועלן גלייך באַלוינט ווערן. ניט די פעאיקייט, וואָס איז אַ געשענק פון דער נאַטור, דאַרף באַצאָלט ווערן, נאָר די אַרבעט, די מי, מיט וועלכער זי ווערט אָנגעווענדעט, כּדי צו דערגרייכן דעם אַלגעמיינעם ציל. דאָס שטרעבן זיך אויסצוצייכענען און איבערצושטייגן די אַנדערע וועט דווקא דערוועקן — האָבן די חברים מורא געהאַט — די נידעריקע אינסטינקטן אין מענטש, וועלן שטערן דעם שלום צווישן זיי און אויפרייסן די יסודות פון זייער בשותּפותדיקן לעבן. דעם אימפּולס, די שטויס־קראַפט פאַר דער כּוחות־אָנשטרענגונג, האָבן זיי געוואָלט זען אין דער גרויסער אויפגאַבע וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען, — אין דער שאַפונג פון אַ געזונטער ווירטשאַפט דורך אייגענער אַרבעט, בשותּפותדיקער טעטיקייט און זעלבסט־דערציאונג צו אַ נייעם טיפּ פון באַפרייטע און מיט דער ערד פאַרבונדענע ייִדן. זיי זיינען געווען גרייט, אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן פאַר נויטיק, צו פאַרלאָזן דגניה און צו פאָרזעצן זייער פּרווו אין אַן אַנדער אָרט. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנטיילצונעמען אין אויפבוי פון אַ ווירטשאַפט, וואָס וועט דאַרפן פאַרוואַלטעט ווערן דורך אַן אַדמיניסטראַטאָר — אַן אַגראָנאָם און וועמענס פּרינציפּן שטייען אין אַ סתירה צו זייערע.

דער רעזולטאַט פון זייער שטעלונג איז געווען, אַז די קבוצה איז געבליבן אין דגניה און דער קאָאָפּעראַטיוו — אין מרחביה; דאָס הייסט, אַז ביידע פּרוון זיינען פאַרגעזעצט געוואָרן. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון מרחביה און דגניה האָבן באַרעכטיקט די שטעלונג פון דער קבוצה. אויך אין מרחביה האָבן זיך שנעל אַרויסגעוויזן ערנסטע מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן דעם אַדמיניסטראַטאָר־אַגראָנאָם און די אַרבעטער. צוליב די קעגנזאַצן איז אויך דאָ די ווירטשאַפט איבערגעגאַנגען (אין יאָר 1914) צו דער זעלבסטשטענדיקער פאַרוואַלטונג פון די אַרבעטער, אין אָנהויב לויטן לוין־פּרינציפּ פון קאָאָפּעראַטיוו און נאָך דער וועלט־מלחמה — לויט דער קבוצה־סיטעם.

די אַרבעט פון דער קבוצה האָט זיך נאָך אַ קורצער צייט אַרויסגעוויזן אַלס אַ געלונגענע. די ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען זיינען געווען בעסערע ווי אין די צייטן פון דער אַגראָנאָם־לייטונג, און אויך דאָס צוזאַמענלעבן פון די אַרבעטער איז געווען פריי פון דעם סאָרט סכסוכים, וואָס פלעגן שטערן אָדער אַלע מאָל איבעררייסן די אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט, בשעת מ'האָט געפּרוווט איינפירן אַן אַדמיניסטראַטיוון רעזשים אָדער באַשטימען אַ ניט־גלייכע באַלוינונג פאַר די אַרבעטער. און אַזוי איז

עס געשען, אז ס׳זיינען באלד — מייסטענס מיט דער הילף פון פּאלעסטינא־אמט — אנטשטאנען נייע קבוצות, א טייל פאר צייטווייליקע צוועקן, כדי צו פארזיכערן די נייע דערוואָרבענע ערד־שטחים, און א טייל פאר שטענדיקער קאָלאָניזאציע.

פון די דאָזיקע קבוצות איז א חוץ כנרת כדאי צו דערמאָנען גן־שמואל. זי איז געגרינדעט געוואָרן דורך די חובבי־ציון אין יאָר 1896 אלס א מאראנצן־ און אתרוגים־פּרדס, צום אנדענק פון ר׳ שמואל מאָהילעווער, און איז געשענקט געוואָרן (1909) דעם קק״ל. אין 1913 האָט דער קק״ל איבערגעגעבן די פערמע אַן ארבעטער־קבוצה צום באארבעטן. אזוי ארום איז אנטשטאנען די ערשטע קבוצה, וואָס האָט זיך באשעפטיקט מיט פלאנצונגס־ווירטשאפט.

די ווירטשאפטלעכע סטרוקטור פון די ישובים: בן־שמן.

צו יענער צייט זיינען אין די פערמעס פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פאָרגעקומען ענדערונגען אויך אין דער ווירטשאפטלעכער סטרוקטור פון די ישובים, אָדער גענויער געזאָגט: מ׳האָט זיך דערנענטערט צו דער לייזונג פון דער פראגע, ווי אזוי זייער סטרוקטור צו געשטאלטן.

אַלס עקספּערימענטאַל־סטאַנציע אין דער פראַגע האָט געדינט די קרן־קיימת־פערמע בן־שמן אין יהודה. דאָרט, ווי אויך אין חולדה — א יעדע פון זיי האָט געהאט 2.000 דונאם קק״ל־באָדן — האָט מען זייט 1908 אָנגעהויבן צו פלאנצן איילבירט־בוימער לויט די פריער־דערמאָנטע פּלענער פון דעם „שפּענדונגס־פאָנד". ס׳איז אָבער באלד קלאָר געוואָרן, אז די ווירטשאפט וועט ניט ברענגען קיין הכנסה, אויב זי וועט זיך באגרענעצן בלויז מיט פלאנצונגען. מ׳דארף פון איין זייט, ביז די איילבירט־בוימער וועלן געבן פירות (און דאָס וועט געשען ערשט נאָך 10 יאָר), פלאנצן שנעל־וואקסנדיקע צווישן־געוויקסן, און פון דער צווייטער זייט דארף מען, כדי צו פארקלענערן די הוצאות, איינפירן נייע ווירטשאפטס־צווייגן.

דער לייטער פון די קק״ל־פערמעס, חולדה און בן־שמן, דער אַגראָנאָם יצחק ווילקאנסקי, האָט אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט, כדי אָנצוהייבן סיסטעמאטישע עקספּערימענטן פאר דער ראציאָנעלער אָרגאַניזירונג פון געמישטע ווירטשאפטן.

צוויי פּרינציפּן האָט ער זיך געשטעלט ביים אָנהויב פון זיין טעטיקייט. דער ערשטער איז געווען, אז דאָס יידישע קאָלאָניזאציע־ווערק דארף זיין געבויט בלויז אויף יידישער ארבעט. יעדע אָפּווייכונג פון דעם פּרינציפּ, אפילו אין אויסנאַמס־פאלן, קען לייכט פירן באַרג־אַראָפּ, און דער סוף וועט זיין, אז דער פרעמדער עלעמענט וועט פריער אָדער שפּעטער

פאַרשטויסן דעם יידישן אַרבעטער. ביים שאַפן די יידישע ווירטשאַפט דאַרף מען זיך פירן — גלייך ווי קיין ניט־יידישע אַרבעטס־כוחות זיינען איבערהויפּט ניט בנמצא. אַזוי ווי מ׳איז געוווינט צו זען דעם באָדן אַלס אַ פון־פאָרויס־עקזיסטירענדיקע זאַך און מ׳טראַכט ווי אַזוי צו אים צופּאַסן די ווירטשאַפטס־מעטאָדן, פּונקט אַזוי דאַרף מען אויך דעם יידישן אַרבעטער זען אַלס אַ געגעבענע פאָרויסזעצונג. אויב ס׳וועט ניט געלינגען אים צופּאַסן צום נאַרמאַלן באַטריב פון דער ווירטשאַפט, טאָ וועט מען דאַרפן די ווירטשאַפט מיט איר־ע קולטורן און אָרגאַניזאַציע צופּאַסן צו זיינע באַדערפנישן.

ענג מיט דעם איז פאַרבונדן דער צווייטער פּרינציפּ. ווילקאַנסקי האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז ניט גענוג אויף אַ סכעמאַטישן אופן איבערצופירן קיין ארץ־ישראל די אייראָפּעאישע ווירטשאַפטס־מעטאָדן, און אַז דאָס איינפירן פון דער געמישטער ווירטשאַפט אַנשטאָט דער מאָנאָקולטור (ד. ה. אַ ווירטשאַפט וואָס באַזירט זיך בלויז אויף איין צווייג), קען ניט דינען אַלס לייזונג פאַר דער פּראָבלעם פון דער יידישער ווירטשאַפט. דאַקעגן איז זייער נייטיק סיסטעמאַטיש אויספּרובירן און געפינען דעם ווירטשאַפטס־טיפּ, וואָס זאָל מיט ריקזיכט אויף אַלע פאַראַנענע עלעמענטן, — צווישן וועלכע מ׳דאַרף אחוץ דעם באָדן און קלימאַט אין באַטראַכט נעמען אויך דעם מענטשן־מאַטעריאַל — זיין אַמפּאַסיקסטן און אַממייסטן פּרוכטבאַר פאַר די פאַרשידענע געגנטן פון לאַנד. אַזוי האָט ער אויפגעפאַסט די ראָל פון אַן אַגראָנאָם און לייטער פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פערמע אין ארץ־ישראל.

אַ פּריוואַטער מענטש, וואָס קוקט אַרויס אויף באַלדיקע רווחים, איז ניט בכוח דעם באָדן געהעריק פאַרצובערייטן, אים צו אַמעליאָרירן (אויסבעסערן) און סיסטעמאַטיש אויספּרובירן. דאָס איז די אויפגאַבע פון צענטראַלע עפנטלעכע אינסטיטוציעס, און נאָר נאָך דעם, ווען זיי וועלן האָבן זייער ראָל דערפילט, וועט די פּריוואַט־איניציאַטיוו קענען אַרבעטן מיט מער הצלחה און וועט זיין אַנגעוויזן אויף וויניקער דורכפאַלן, סיי פון פּערזענלעכער און סיי פון זאַכלעכער נאַטור.

אַלס פּועל־יוצא פון די דאָזיקע באַמיאונגען איז אין בן־שמן, נאָך עטלעכע יאָר, געוואָרן דאָס בעסטע גערעטעניש פון ווייץ אין גאַנצן לאַנד. פון גרויס באַדייטונג פאַר דער איינפירונג און סיסטעמאַטישער אַנטוויקלונג פון די פאַרשידענע ווירטשאַפטס־צווייגן איז געווען דער פאַקט, וואָס ווילקאַנסקי האָט, צום ערשטן מאָל, זיך באַנוצט מיט דער לאַנגיעריקער דערפאַרונג פון דער שכנותדיקער דייטשער בליענדיקער קאָלאָניע ווילהעלמאַ. דאָרט איז געווען אַ שיין־אַנטוויקלטער גאָרטן פון פאַרשידענע גרינסן, די מילך־ווירטשאַפט איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה, און

דאָרט האָט מען געוווסט אָפּצושאַצן די וויכטיקייט פון פּאַשע־צוכט. אויף דעם גרונט פון זייערע דערפאַרונגען, וועלכע ער האָט פאַרגעזעצט אויף די פעלדער פון בן־שמן, און דורך דער באַנוצונג פון קינסטלעכער באַ־מיסטיקונג, האָט ווילקאַנסקי געוואָלט געפינען די אַנטשפּרעכנדע זרעים־וועקסלונג פאַר די פאַרשידענע מינים באָדן, כדי אויף דעם אופן צו פאַר־גרעסערן זייער געראַטעניש. מען האָט צווישן די אייל־בירט־ביימער אָנגעה־הויבן צו קולטיווירן פּאַשע־פלאַנצן, און דאָס איז געווען באַזונדערס וויכטיק פאַר דער ווירטשאַפט. זייט 1910 האָט מען איינגעפירט אַ סיסטע־מאַטישע פי־צוכט. אויפן אָרט פון דער היימישער אַראַבישער קו, מיט וועלכער מ׳האָט זיך ביז איצט באַנוצט אין די יידישע ווירטשאַפטן, און וואָס האָט געגעבן אַ נישטיקן מילך־קוואַנטום, האָט ווילקאַנסקי, לויטן מוסטער פון ווילהעלמאַ, באַשלאָסן אויסצוהאָדעווען אַ פי־ראַסע, וואָס זאָל זיין ענלעך צו דער אַראַבישער קו לויט איר ווידערשטאַנד־פעאיקייט, צוגעפּאַסט צו די קלימאַטישע באַדינגונגען פון לאַנד, און צו די אייראָפּעאישע קי — לויט איר מילך־פּראָדוקציע. דער דאָזיקער נסיון, וואָס איז געווען דער ערשטער פון דעם מין אין דער יידישער ווירטשאַפט, איז זייער געלונגען און האָט געבראַכט ווייט־גייענדיקע רעזולטאַטן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ווירטשאַפט. דאָס זעלבע האָט מען, אויפן יסוד פון אייגענע דערפאַרונגען, זייט 1913, זיך אָנגעהויבן צו ספּעציאַליזירן אין דער עופות־צוכט. אויב היינט איז אין דער יידישער ווירטשאַפט אין גאַנצן לאַנד איינגעפירט די ווייסע „לעגהאָרן"־הון איז עס אַ דאַנק די דערפאַרונגען, וואָס זיינען דאַמאָלס געמאַכט געוואָרן מיט פאַרשידענע הינער־ראַסן אין בן־שמן.

א חוץ די צוויי עיקרדיקע דערפאָלגן — די אַנטשטייונג פון דער קבוצה און דער פאָרשריט אין ווירטשאַפטלעכן אויפבוי פון די ישובים — האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אויפן קאָלאָניזאַציע־געביט אין דער תקופה פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה צו פאַרצייכנען נאָך צוויי וויכ־טיקע נסיונות: אין צוציען פּריוואַט־קאַפּיטאַל פאַר דער לאַנדווירטשאַפט־לעכער קאָלאָניזאַציע און אין דער באַפעסטיקונג פון יידישער אַרבעט אין די פּריוואַטע קאָלאָניעס.

די „אחוזות".

ביים צוציען פּריוואַט־קאַפּיטאַל איז פון פאָרויס קלאָר געווען, אַז לעת־עתה האַנדלט זיך וועגן אַ פּרווו, ווי אַזוי צו דערמעגלעכן מענטשן פון מיטלשטאַנד צו אינוועסטירן געלטער אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירטשאַפט אויף אַ זיכערן אופן, וואָס זאָל זיי אַריינטראָגן אַ מיטל־

מעסיקע הכנסה. דערביי האָט מען גענומען אין אכט, אז ס׳וועט אומ־מעגלעך זיין צו פאָדערן פון די דאָזיקע מענטשן, אז זיי זאָלן דורכמאכן די אַלע ליידן און מאַטערנישן, וואָס זיינען פארבונדן מיט דער פאָר־בארייטונג און אויפשטעלונג פון די ישובים. די פּאַסיקסטע פאָרם פאַרן צוציען אזא פריוואט קאפיטאל און פאר דער פערזענלעכער איינגלידערונג פון זיינע באזיצער אין קאָלאָניזאציע־ווערק, האָט מען געזען אין דער גרינדונג פון פלאנצונגס־געזעלשאפטן („אחוזות״). אייגענטימער פון קאפי־טאלן אָדער באזיצער פון באדייטנדע הכנסות, וואָס האָבן געפּלאַנט זיך צו באזעצן אין ארץ־ישראל, האָבן געדארפט זיך אָנשליסן אין אזעלכע „אחוזות״ און אין משך פון א באשטימטער צייט אריינטראָגן א געוויסע סומע אין דער קאסע פון דער געזעלשאפט. די איינצאָלער האָבן דערווייל געקענט ווייטער לעבן און פירן זייערע געשעפטן אין חוץ־לארץ, און אין דער צווישנצייט האָט מען פאר זיי געפלאנצט אין ארץ־ישראל מאנדל־ביימער, איילבירט־ביימער אָדער פרדסים פון ציטרוס־ביימער, און זיי קולטיווירט ביז זיי פלעגן אָנהייבן געבן פרוכט. ווען די פלאַנצונגען וועלן אין 6—7 יאָר ארום רייף ווערן, וועלן די אחוזה־אייגנטימער אָן שום ריזיקע קענען עולה זיין און זיך באזעצן אויפן באָדן, וואָס איז פאר זיי צוגעגרייט געוואָרן און ווו זיי וועלן גלייך געפינען זייער פרנסה.

לטובת דעם דאָזיקן געדאנק איז געוועזן אויך דער ארגומענט, אז די פלאנצונגס־קאָלאָניעס האָבן זיך פון יאָר צו יאָר מער אנטוויקלט, און לויט די אויסרעכנונגען פון דערפארענע קאָלאָניסטן האָבן זיי אריינ־געטראָגן א ריוח פון 6—10 פראָצענט אויפן אינוועסטירטן קאפיטאל. אזוי ארום האָט דער פלאן פון די „אחוזות״ באפרייט די קאפיטאליסטן פון דער זאָרג פאר דער אנטוויקלונג פון דערווירטשאפט אין די שווערע יאָר־ פון ווארטן אויף הכנסות.

דער פלאַן האָט באַלד געפונען צאָלרייכע אָנהענגער; אין אַמעריקע, ענגלאנד און רוסלאנד זיינען אנטשטאנען אזעלכע פלאנצונגס־געזעלשאפטן און א טייל פון זיי האָבן אויך געשלאָגן וואָרצלען אין ארץ־ישראל.

ביי דער געלעגנהייט דארף דערמאָנט ווערן, אז נאָך איידער מ׳האָט אָנגעהויבן צו פראָפּאַגירן דעם „אחוזה״־פראָיעקט אין דער ברייטער עפענט־לעכקייט, איז אין 1910 דורך די רוסישע ציוניסטן, מיט יחיאל טשלענאָוו בראש, אויף ענלעכע יסודות געגרינדעט געוואָרן די קאָלאָניע מגדל ביים ברעג פון ים כנרת.

לויטן „אחוזה״־פרינציפּ זיינען דורך אמעריקאנישע קאָלאָניזאציע־געזעלשאפטן אויפגעבויט געוואָרן 2 ישובים אין גליל התחתון: פוריה (1911) און שרונה (1914). בשעת דעם וועלט־קריג און צוליב אנדערע סיבות זיינען

ביידע חרוב געוואָרן. נאָך די דאָזיקע דערפאַרונגען איז מען אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן ניט צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון ישובים לויט די „אחוזה"־פּרינציפּן. ערשט שפּעטער, ווען די ארץ־ישראלדיקע קאָלאָני־זאַציע האָט זיך אין אַלגעמיין ווייטער אַנטוויקלט און איז געוואָרן באַזירט אויף פעסטערע יסודות, האָט מען די דאָזיקע נסיונות געקאָנט באַנייען.

אַזוי האָט זיך פון יאָר צו יאָר פאַרברייטערט דער אומפאַנג פון דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, וואָס איז דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויסגעפירט געוואָרן, אָדער וואָס איז אַ דאַנק איר איניציאַטיוו און איינ־פלוס צושטאַנד געקומען. אַ באַזונדער גרויסן שוווּנג האָט דורך דעם באַקומען דער אַרבעטער־ציבור, וועלכער האָט איצט געהאַט די מעגלעכ־קייט צו דערגענצן זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע ידיעות אין די פערמעס און ווירטשאַפטן פון קק"ל. דער אַרבעטער־ציבור האָט פאַר זיך געזען אַלץ מער גרעסערע אויפגאַבן און וואַקסנדיקע אַרבעטס־מעגלעכקייטן. אין זומער 1913 האָבן שוין עקזיסטירט 10 פערמעס און ווירטשאַפטן, וואָס האָבן שטענדיק באַשעפטיקט איבער 400 אַרבעטער. זייער ווירקונג האָט זיך ניט באַשרענקט בלויז אויף די אַרבעטער. אויך די קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנות פון די נייע אַרבעטער־ישובים, האָבן ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צו לערנען די נייע אַרבעטס־מעטאָדן, צו וועלכע זיי האָבן זיך פריער באַצויגן מיט גרינגשעצונג; אַ טייל פון זיי זיינען אויך מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון נייעם אַרבעטס־מאָראַל און דורך דער פאָלקאָמענהייט פון נייעם לעבן. אָבער כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינפלוס אויף די אַלטע קאָלאָניעס, האָט מען געדאַרפט פּרוּוון זיי אויפלעבן און פון אינעווייניק נאַציאָנאַליזירן, ד. ה. וויניקסטענס אַ באַ־דייטנדן טייל פון אַראַבישע אַרבעטער פאַרבייטן אויף יידישע.

די יידישע אַרבעט אין די קאָלאָניעס.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן קאַמף פון די אַרבעטער פאַר דער אַרבעטס־דעראָבערונג אין די קאָלאָניעס און וועגן די שטערונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייער וועג. אין ברייטע קרייזן, און ניט נאָר אין דער אַרבעטערשאַפט, איז מען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס אַפּעלירן אַליין צו די נאַציאָנאַלע געפילן פון די קאָלאָניסטן איז ניט גענוג; מ'דאַרף שאַפן מיטלען, וואָס זאָלן העלפן דעם יידישן אַרבעטער, טראָץ זיין הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט, ביישטיין די קאָנקורענץ פון אַראַבישן פעלאַך, וואָס זיינען באַדערפנישן זיינען זייער קליין.

דער ערשטער חשובער פרווו אין דער ריכטונג איז געווען די גרינדונג פון דעם אַרבעטער־ישוב עין גנים (1908) ביי פּתח־תקוה

דורך א גרופע ארבעטער, אוטערשטיצט פון „אָדעסער קאָמיטעט״, קק״ל און אנגלאָ־פאַליסטינא־באַנק; די כוונה פון די גרינדער איז געווען, אַז דער דאָזיקער ישוב זאָל דינען אַלס וווינונגס־קוואַרטאַל מיט הילפס־ווירטשאַפטן פאַר לוין־אַרבעטער; 30 ארבעטער, פון וועלכע יעדער האָט זיך דערוואָרבן 15 דונאַם באָדן, האָבן געדאַרפט ארבעטן אין פּתח־תקוה, וויינקסטענס אין דער צייט ווען זייער ישוב האָט זיך געבויט, אויב מעגלעך — אויך שפּעטער. די אייגענע ווירטשאַפטן האָבן זיי געדאַרפט באַארבעטן אין זייער פרייער צייט נאָך דער ארבעט, מיט דער הילף פון די פרויען. אין אמתן האָט זיך דער דאָזיקער ארבעטער־ישוב, ווי אויך דער ארבעטער־ישוב נחלת־יהודה ביי ראשון־לציון, וואָס איז אנטשטאַנען אויף ענלעכע יסודות (1913), מיטן אויסבוי פון דער ווירטשאַפט אנטוויקלט צו דער מדרגה פון א זעלבסטשטענדיקן ישוב פון קליינפויערים, אויפן באַזיס פון אינטענסיווער ווירטשאַפט. אויף אַזא אופן האָבן די צוויי ישובים געבילדעט אַן עטאַפּ אויפן וועג צו דער זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, א ציל, צו וועלכן ס׳האָט אויך געשטרעבט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע מיט אירע קאָלעקטיוויסטישע פערמעס.

אבער כדי צו פאַרפעסטיקן די פּאָזיציע פון די יידישע ארבעטער אין די א ל ט ע ק אָ ל אָ נ י ע ס, האָט דאָס א סך ניט געהאָלפן; ערשטענס, צוליב דעם, וואָס ס׳האָבן זיך דאָמאָלט ניט געפונען גענוג אַרבעטער וואָס האָבן געהאַט די נויטיקע מיטלען פאַר אַזא קאָלאָניזאַציע, און צווייטנס, ווייל אומפאַרהייראַטע ארבעטער זיינען איבערהויפּט ניט געקומען אין באַטראַכט. דאָ האָט מען געמוזט זוכן פּשוטערע, און אויך ביליקערע וועגן, צוליב די קליינע געלט־מיטלען, וואָס זיינען געשטאַנען צו דיספּאָזיציע.

צוויי וועגן זיינען געקומען אין באַטראַכט: 1) געפינען יידישע אַרבעטס־כוחות מיט אַ נידעריקן לעבנס־סטאַנדאַרט וואָס זאָלן קענען אַרבעטן פאַר דעם זעלבן לוין וואָס די אַראַבישע פעלאַכן; 2) שאַפן פאַר ארבעטער מיט א העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט אַזעלכע איינריכטונגען, וואָס זאָלן זיי דערמעגלעכן צו עקזיסטירן אַן א באַדייטענדער לוין־העכערונג. מיט אַנדערע ווערטער, קודם־כל בויען פאַר זיי ביליקע דירות, הילפס־ווירטשאַפטן א. א. וו. אין די דאָזיקע צוויי ריכטונגען האָט אָנגעהויבן צו גיין דער „פּאַלעס־טינא־אַמט״ פאַר דער מלחמה.

די תימנים.

אלס לאַנדווירטשאַפטלעכע כוחות, געאייגנט צו קאָנקורירן מיט די אַראַבער, זיינען אין דער ערשטער ריי געקומען אין באַטראַכט די תימנים. נאָך אין די יאָרן 1882—87 זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל עטלעכע

טויזנטער עולים פון די אלטע יידישע ישובים אין תימן. זייערע פארדינסט־מעגלעכקייטן אין ארץ־ישראל זיינען געווען זייער באשרענקט. פאר זייערע פעאיקייטן אין מלאכה, און באזונדערס אין גאָלדשמידעריי, איז דאָ ניט געווען קיין פלאץ; די לאנדווירטשאפט האָט זיך נאָך געפונען אין סאמע אָנהויב פון איר אנטוויקלונג, און קיינער איז ניט געקומען צו הילף די פרעמדע עולים. זיי האָבן זיך צוליב דעם צענויפגעדרענגט אין יפו און ירושלים, און האָבן זיך דאָרט אויפגעבויט קליינע הייזלעך; פיל פון זיי האָבן פון נויט אָנגעהויבן צו בעטלען — און פון דעמאָלט אָן האָט מען זיי געקענט אין לאנד אלס בעטלער.

זינט ס׳איז געגרינדעט געוואָרן די קונסטגעווערב־שול „בצלאל״, האָט מען זיך באמיט איבערצופירן די תימנים צו פראָדוקטיווער ארבעט און זיי צוגרייטן צו קונסט־מלאכה. די באמיאונגען האָבן געהאַט א דערפאָלג. אין 1904 האָט מען זיי אָנגעהויבן צוציען צו סעזאָן־ארבעט אין די קאָ־לאָניעס פון יהודה. אונטערן איינפלוס פון גוטע בשורות פון ארץ־ישראל וואָס זיינען צופעליק אָדער מיט א כוונה דערגאנגען קיין תימן, איז אין 1908 אָנגעקומען אין יפו די ערשטע גרופע פון נייע תימנישע עולים, וואָס האָט געציילט 20 משפחות, נאָך איר האָבן אין א קורצער צייט נאָכגע־פאָלגט נאָך 40 משפחות. די גוטע דערפארונגען, וואָס זיינען מיט זיי געמאכט געוואָרן און די ידיעות וועגן דער שרעקלעכער לאגע פון די יידן אין תימן האָבן באוויגן דעם „פאלעסטינא־אַמט״ אנצוווענדן מיטלען כדי צו פארגרעסערן די עליה פון די תימנים.

אין דעצעמבער 1910 איז דער ארבעטער ש. י ב נ א ל י אָפּגעפאָרן אין שליחות פון פאלעסטינא־אַמט פון יפו קיין תימן. זיין טעטיקייט איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אין משך פון 1912 האָבן עולה געווען עטלעכע הונדערט משפחות, מער ווי מ׳האָט פון אָנהויב דערוואַרט און מער ווי ס׳איז געווען געוווּנשן; מ׳האָט זיך געמוזט ווענדן קיין תימן מיט א פאָדערונג פאַרצוזעצן די עליה נאָר נאָך דעם, ווי ס׳וועלן דערהאלטן ווערן נייע ידיעות פון ארץ־ישראל, ווייל דאָ איז מען ניט געווען צו־געגרייט פאַר אַזאַ „מאַסן־איינוואַנדערונג״ פון מיטללאָזע מענטשן. עס איז אמת געלונגען, באַזונדערס אַ דאַנק דער אַקטיווער מיטהילף פון „הפועל הצעיר״, צו געפינען פארן רוב עולים ארבעט אין די גרויסע קאָלאָניעס, אין די פערמעס פון קק״ל און אין די נייע פריוואטע פערמעס. אבער די וווין־באדינגונגען זיינען אין אָנהויב געווען אומדערטרעגלעך: אונטערן פרייען הימל, אין שטאַלן און אין פארוואַרפענע ווינקלען האָבן „געוווינט״ די אזוי אויך גענוג אויסגעמאטערטע און פון די לאנגע וואנדערונגען קראפטלאָזע מענטשן; קראנקייטן איבער קראנקייטן זיינען

זיי באפאלן, און צאַלרייך זיינען געווען די טויטפאלן צווישן זיי. דרינ־
גענדע הילף איז געווען זייער נויטיק.

ארבעטער־וווינונגען.

נאָך אין יאָר 1910 האָט דער קק״ל, לויטן פאָרשלאָג פון „פאַלעסטינאַ־
אַמט״, באַשלאָסן צו שאפן א ספעציעלן פאָנד פאר בויען ארבעטער־
וווינונגען. דער פאָנד האָט ביז סוף 1913 באטראָפן 11.200 פונט. צו דער
סומע זיינען נאָך צוגעקומען סובווענצן פון אנדערע אינסטיטוציעס. מיט
די דאָזיקע געלטער האָט מען אין די יאָרן 1912—13 אויסגעפירט, לויט
די דאַמאָלסדיקע באַדינגונגען, א גרויסע בוי־פראָגראַם: פאר די אשכנזישע
ארבעטער האָט מען אויפגעבויט אין פתח־תקוה און חדרה 17 איינצימער־
הייזער און צוויי היימען פאר אומפאַרהייראטע, און פאר די תימנער האָט
מען אויפגעבויט וווין־קווארטאלן: מחנה יהודה ביי פתח־תקוה, נחליאל ביי
חדרה, און שעריים ביי רחובות. ביי יעדן הויז איז אָפּגעטיילט געוואָרן
א קליינער שטח פון 1—2 דונאַם פאר א קליינער הילפס־ווירטשאפט. אמת,
דאָס אַלץ האָט נאָך ניט גענוגנט פאר דער לייזונג פון דער ארבעטער־
פראגע, אבער ס'איז דורך דעם אָנגעצייכנט געוואָרן א וועג אויף להבא.

די שטעטישע קאָלאָניזאַציע: די גרינדונג פון תל־אביב.

די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט קאָנצענטרירט איר הויפּט־
טעטיקייט אויפן געביט פון דער לאנדווירטשאפט, זי האָט אבער גלייכ־
צייטיק אויך געזאָרגט פאר דער אנטוויקלונג פון דער יידישער שטאָט.
אַ דאַנק איר, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַ דאַנק דער הילף פון קק״ל, איז
דערמעגלעכט געוואָרן די גרינדונג פון דער פאָרשטאָט פון יפו—תל־אביב,
וועלכע האָט זיך שנעל אנטוויקלט צו אַ זעלבסטשטענדיקער שטאָט.

די יידישע באפעלקערונג פון יפו, בערך 5,000 נפשות, וואָס האָט,
זייט דעם אָנהייב פון דער נייער עליה, געהאַלטן אין איין וואקסן, איז גע־
ווען צעשפּרייט אין ניט־יידישע קווארטלן אָדער אין אלטע, ענגע, שמוציקע
און ניט־געזונטע יידישע פאָרשטעט (זייער אויפבוי האָט זיך אָנגעהויבן אין
יאָר 1886). כדי די לאגע צו ענדערן, האָט א גרופּע פון 60 מאן פון מיטל־
שטאנד — אַממייסטן סוחרים און אויך לערער און מענטשן פון פרייע באַ־
רופן — געגרינדעט אין יאָר 1907 דעם פאראיין „אחוזת בית״. זיין ציל איז
געווען צו באזייטיקן די וווינונג־יקרות און די שלעכטע וווין־באַדינגונגען
דורך דער גרינדונג פון א נייעם שטאָטישן וווין קווארטאל אויסערהאלב יפו.
דער פאראיין האָט זיך געווענדעט צום קק״ל און מודיע געווען, אז ער האָט
בדעה אויפצובויען אויף אַ שטח, וואָס ער האָט צו דעם צוועק אויס־

געווײַלט, „60 הײַזער אין אַ געאָרדנעטער פאָרם, אין שײנע און ברײטע גאַסן, צו זאָרגן, װי װײַט מעגלעך, פאַר היגיענישע אײַנריכטונגען, װי קאַנאַליזאַציע, װאַסער־לײטונג אא״װ, און אויף אַזאַ אופן צו דינען אַלס מוסטער פאַר דער אַנטװיקלונג פון דער ײדישער שטאָטישער קאָלאָניזאַציע״. צוליב דעם, װאָס די פאַראײן־מיטגלידער נויטיקן זיך אין זײערע קאַפּיטאַלן כדי צו פירן זײערע געשעפטן און קענען דעריבער אײנ־װעסטירן נאָר א חלק פון זײערע געלטער אין הײַזערבוי, בעטן זײ דעם קק״ל ער זאָל שטעלן אין רשות פון דער אנגלאָ־פּאַלעסטינא־באַנק א דע־פּאָזיט פון 300 טויזנט פראַנק און זאָל זי באַפולמעכטיקן די דאָזיקע סומע אויסצולײַען דעם פאַראײן, װאָס האָט שוין דעמאָלט געהאַט 100 טויזנט פראַנק מזומן געלט. דאָס איז געװען אין דעם דאָזיקן זומער, װען ד״ר רופּין האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט ארץ־ישראל, כדי צו פאָרשן די קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקײטן. דער פאָרשטײער פון דער „אחוזת בית״, דער זײגערמאַכער עקיבא װײס, האָט זיך צו אים געװענדעט און אים געבעטן אונ־טערצושטיצן די בקשה פון דעם פאַראײן.

רופּין האָט באַזוכט דעם שטח װאָס איז געװען פאָרויסגעזען פאַרן נײַעם שטאָטישן ישוב — א זאַמדיקער, װיסטער און שװער־צוגענגלעכער שטח אין צפון פון יפו. ער איז געקומען צו דער מסקנה, אז דער פּלאַן איז ראוי אונטערשטיצט צו װערן און האָט זיך באַמיט לטובת דער הלואה. אַ פּאָר װאָכן שפּעטער, אויפן אכטן קאָנגרעס אין האַג, איז דער קק״ל באַפולמעכטיקט געװאָרן צו געבן די געבעטענע הלואה. אין יוני 1909 זײַנען שוין אַלע פראַגן אויף אַזוי װײַט קלאָר געװאָרן, אז מ׳האָט שוין גע־קאָנט אָנהויבן בויען. אין 1910 האָט שוין דער רוב פון די „אחוזת בית״־מיטגלידער זיך געקאָנט ארײַנציִען אין זײערע הײַזער. אַזוי ארום איז צום ערשטן מאָל אַנטשטאַנען אַ ײדישע פאָרשטאָט, װאָס האָט אַנטשפּראָכן אַלע פאָדערונגען פון עסטעטיק און היגיענע. בײַם עק פון דער גאַס איז אַ דאַנק דער שפּענדונג פון ענגלישן ציוניסט יעקב מאָזער אויפגעבויט גע־װאָרן אויף קק״ל־באָדן א פּראַכטפולע געבײדע פאַר דער העברעאישער גימנאַזיע „הרצליה״. אויך די גאַס, אויף װעלכער ס׳זײַנען געבויט געװאָרן די ערשטע הײַזער, איז אָנגערופן געװאָרן אויף הערצלס נאָמען. אין 1910 האָט דער גאַנצער נײַער ישוב באַקומען דעם נאָמען פון הערצלס שאַפונג „אַלט־נײַלאַנד״ — תל־אביב. (נ. סאָקאָלאָװ האָט דעם ראָמאַן איבערזעצט אין העברעאיש און אים אָנגערופן „תל־אביב״).

די הצלחה פון דער ערשטער בוי־געזעלשאַפט האָט גערײצט אַנדערע צו גײן אין אירע װעגן. גלײַך נאָך דער גרינדונג פון „אחוזת־בית״ האָט אַן אַנדערע גרופּע פון יפו׳ער ײדן, מײסטערס בעלי־מלאכה׳ס, ביוראַ און

האַנדלס־אָנגעשטעלטע, געגרינדעט דעם פאַריין „נחלת־בנימין", וואָס האָט פון אָנהייב זיך באַמיט צו באַקומען דאָס בויטיקע געלט ביי פּריוואַטע אינסטיטוציעס. אַזוי ווי דאָס איז אים נאָך צוויי־יעריקע באַמיאונגען ניט געלונגען, האָט אויך ער זיך געווענדעט צום קק"ל. דער קק"ל האָט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער באַנק די צוריקגעצאָלטע געלטער פון דעם פאַריין „אחוזת בית", אַלס קרעדיטן פאַר דעם פאַריין „נחלת בנימין". אויף אַזאַ אופן האָט דער קק"ל דערמעגלעכט דאָס אַנטשטיין פון אַ נייעם שטעטישן קוואַרטאַל אין דער שכנות פון דעם ערשטן. אין די קוואַרטאַלן האָבן זיך אָנגעשלאָסן נייע קוואַרטאַלן, וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן מיט פּריוואַטע מיטלען. אין 1914 זיינען שוין אין תל־אביב געווען 139 הייזער, אין וועלכע ס'האָבן געוווינט 1419 יידן. דאָס רויקע אָבער רירעוודיקע העברעאיש שטעטל מיט מאַיר דיזענהאָף אין דער שפּיץ, האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין דעם צענטער פון יידישן ישוב און האָט זיך געפונען אין דעם אָנהייב פון אַ גרויסער אַנטוויקלונג. דער עקספּערימענט פון „אחוזת בית" האָט באַלד געווירקט אויף אַנדערע ערטער אין לאַנד, אויסער יפו. אויך אין חיפה, וווּ ס'האָט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיטן בוי פון טעכניקום (1912) אָנגעהויבן צו וועקן אַ יידיש לעבן, איז אַנטשטאַנען אַ קאָאָפּעראַטיווע בוי־געזעלשאַפט, כדי צו גרינדן אַ שטאָטישן קוואַרטאַל „הרצליה", באַרג אַראָפּ פון כרמל. די געזעלשאַפט האָט צו דעם צוועק באַקומען אַ הלוואה פון קק"ל, אַ סכום פון 50.000 פראַנק. גלייכצייטיק האָבן פאַרשידענע באָדן־געזעלשאַפטן, ווי „חברת הכשרת הישוב", „חברת נכסי דלא ניידי ארץ־ישראל" (אַ געזעלשאַפט פאַר אומבאַוועגלעכע גיטער) — וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּראָפעסאָר וואַרבורג כדי צו דערווערבן שטאָטישן באָדן, און אויך די „אַנגלאָ־פּאַלעסטינע־באַנק" אָנגעהויבן זיך צו באַשעפטיקן מיט אויפקויף פון שטאָטישן באָדן און ביז 1914 איז זיי געלונגען צו דערווערבן גרויסע באָדן־שטחים אין תל־אביב, חיפה און ירושלים.

אַ דאַנק איר אַקטיוויטעט אויף די אַלע געביטן און באַזונדערס אויפן געביט פון לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע, איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעדרונגען אין די ענינים פון ישוב. נאָר אין שולוועזן איז איר השפּעה דערווייל נאָך געווען אַ קליינע. אין סוף 1913 האָט זי אויך אין דער ריכטונג געמאַכט אַן אַנטשיידענעם שריט פאָרויס.

דאָס שולוועזן

ביז די ניינציקער יאָרן פון נייַנצעטן יאָרהונדערט האָבן אין די שטעט עקזיסטירט נאָר רעליגיעזע שולן (תלמוד־תורה'עס און ישיבות),

וואָס האָבן זיך באַשרענקט אויף לערנען למודי־קודש לויט פּאַרעל־טערטע מעטאָדן. די ערשטע יידישע שול, אין וועלכער מ׳האָט אויך גע־לערנט וועלטלעכע למודים, איז געווען די לעמעל־שול אין ירושלים, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1855 דורכן עסטרייך־יידישן דיכטער פֿרענקעל. זייט דעם יאָר 1884 האָט די „חברת כל ישראל חברים" („אַליאַנס") אָנגעהויבן צו בויען אין די שטעט מיט א גרעסערער יידישער באַפעלקערונג וועלטלעכע שולן, געשטיצט אויף מאָדערנע לערן־און דער־ציונגס־פּרינציפּן. די לערן־שפּראַך פאַר אַלע למודים איז געווען פראַנצויזיש. דאָסגלייכן איז אין דער מיידל־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך עוועלינא ראָטשילד אין ירושלים, און איז אין יאָר 1898 איבערגע־גאַנגען אין רשות פון דער „אגודת אחים", איינגעפירט געוואָרן ענגליש אַלס לערן־שפּראַך.

אַ חוץ דער „אַליאַנס" איז זייט 1904 געווען טעטיק אויפן דער־ציונגס־געביט אויך די געזעלשאַפט „עזרה" („הילפספאַריין פון די דייטשע יידן"). די „עזרה" איז געגרינדעט געוואָרן אַלס קעגנגעוויכט צו דער פראַנצויזיש־אָריענטירטער „אַליאַנס". טראָץ דעם איז אין אָנהייב פון איר טעטיקייט ניט בולט געווען די גערמאַניזירנדע טענדענץ, אין דער זעלבער מאָס ווי די פראַנצויזישע טענדענץ אין די „אַליאַנס"־שולן. די ריכט־ליניע פון דער „עזרה" איז געווען צו אָרגאַניזירן אירע שולן „לויט די באַדערפענישן און ווונשן פון דער באַפעלקערונג, פאַר וועלכער זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן", און האָט צוליב דעם אין איר שולוועזן אָפּגעגעבן א יוזענטלעכן פּלאַץ פאַר דער העברעאישער שפּראַך.

די צוויי געזעלשאַפטן זיינען נאַטירלעך ניט געווען די איינציקע אויפן געביט פון וועלטלעכער דערציונג. ס׳האָבן שוין אויך דעמאָלט עק־זיסטירט א צאָל וועלטלעכע שולן מיט דער העברעאישער לערן־שפּראַך. זיי האָבן עקזיסטירט אין א טייל קאָלאָניעס און אין יפו און ירושלים. אין יפו האָבן די חובבי־ציון אין 1902 געגרינדעט א שולע פאַר מיידלעך. אין 1905 איז דאָרט דערעפנט געוואָרן די גימנאַזיע „הרצליה" (אין 1909 איז זי איבערגעטראָגן געוואָרן קיין תל־אביב), און אין 1909 האָט מען אין ירושלים אָנגעהויבן בויען די העברעאישע גימנאַזיע. די דאָזיקע שולן זיינען געווען א בולטער באַווייז, אַז די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך איז שוין דערגאַנגען צו אַזא מדרגה, אַז מ׳קען שוין אין איר לער־נען אַלע געגנשטאַנדן, און אַז עס איז שוין פאַרשוווּנדן דער יסוד פאַר דער פילשפּראַכיקייט אין די ארץ־ישראלדיקע שולן. אינצווישן איז אָבער אויסגעבראָכן דער שפּראַך־קאָנפליקט מיט דער „עזרה".

זייט 1912 האָט מען אין די שולן פון דער „עזרה" באַמערקט

א צוריקגאנג: א טייל געגנשטאנדן, וואָס זיינען ביז איצט געלערנט געוואָרן אין העברעאיש, האָט מען פלוצים גענומען לערנען אויף דייטש. גלייכצייטיק האָבן ברייטע קרייזן אין ישוב און אין דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע דרינגענד געפאָדערט איינצופירן העברעאיש אלס די איינציקע לערן־שפראך אין אלע יידישע שולן אין ארץ־ישראל. די געשפאנטע שטימונג, וואָס האָט זיך געשאפן ארום דעם ענין, איז געקומען צו איר שארפן אויסדרוק אין די מיינונגס־פארשידנהייטן אין דער פראגע פון דער לערן־שפראך אין חיפה־ער טעכניקום, וואָס האָט געדארפט אין קורצן דערעפנט ווערן.

דער בוי פון טעכניקום האָט זיך אָנגעהויבן אין 1912 נאָך דעם ווי דער קק״ל האָט אין 1909 אַסיגנירט דאָס נויטיקע געלט פאַר דער דערווערבונג פון דעם שטח באָדן, און נאָך דעם ווי די ציוניסטן האָבן צונויפגעזאמלט דעם גרעסטן טייל פון בוי־פאָנד. אָבער אין אָקטאָבער 1913 איז געקומען צו א סכסוך אין צוזאמענהאנג מיט דער לערן־שפראך. צוליב דעם, וואָס די פארטרעטער פון דער „עזרה״, וועלכע זיינען געווען די מערהייט אין קוראטאָריום, זיינען געשטאנען דערויף, אז קיין שום געגנשטאנד זאָל ניט געלערנט ווערן אין העברעאיש, האָבן די פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַלס פּראָטעסט פאַרלאָזט דאָס קוראַטאָריום. אין גאנצן לאנד האָט זיך אָנגעהויבן א גרויסע פּראָטעסט־באוועגונג אקעגן דער גרינגשעצונג פון דער העברעאישער שפראך. לערער און שילער פון רוב „עזרה״־שולן האָבן דערקלערט א שטרייק און האָבן זיך געווענדעט צו דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע מיט אַ פאָדערונג צו שאפן מיטלען פאר דער גרינדונג פון העברעאישע שולן אויף נאציאָנאלן באזיס. די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט ניט לאנג געצווייפלט און האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער זאַך. דורך אַ ספּעציעלער געלט־זאמלונג, וואָס איז פאר דעם צוועק פּראָקלאמירט געוואָרן, איז איר געלונגען די נויטיקע סומען צו זאמלען. אזוי איז אנטשטאנען אַ נייע הונדערט־פּראָצענטיקע העברעאישע שול־נעץ, וואָס האָט געדינט אלס יסוד פארן צוקונפטיקן עיקרדיקן דערציונגס־ווערק אין ארץ־ישראל. מיט דער אנטוויקלונג פון קאָלאָניזאציע־ווערק און מיטן נצחון אין קאמף פאר די העברעאישע שולן, האָט זיך, זייט 1913, אָנגעהויבן צו שטארקן אין ישוב דער גלויבן אין זיין צוקונפט.

די מיטלען פון די פאָנדן, וואָס זיינען געווען פאָרויסגעזען פאַרן לאנד־אויפבוי, זיינען געשטיגן פון יאָר צו יאָר. די נייע ארבעטער־פערמעס זיינען בשלום אדורך די קאָנפליקטן־סטאַדיע און זיינען געווען אויפן וועג פון אַ געזונטער אנטוויקלונג. אלס לאנדווירטשאפטלעכער יועץ אין אלע

קאָלאָניזאַציע־פּראָגן איז זייט פרילינג 1914, צו דער דיספּאָזיציע פון „פּאַלעסטינע־אַמט״, געשטאַנען דער אַגראָנאָם עקיבא עטינגער, א רוסישער ציוניסט מיט גרויס דערפאַרונג אין קאָלאָניזאַציע־ענינים, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין זיין פריערדיקער טעטיקייט אויף דעם דאָזיקן געביט, זייענדיק אין דינסט פון יק״א אין דרום־רוסלאַנד און אין דרום־אַמעריקע. די עליה איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. נאָך דעם, ווי אין 1913 איז אָפּגעשאַפן געוואָרן די טערקישע עליה־גזירה, „דער רויטער בילעט״, האָט די עליה אין דער ערשטער העלפט פון 1914 דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט פון 6000 נפשות. עס האָט געהערשט אָפּטימיזם און גלויבן, אז פון איצטער אָן וועט זיך אָנהייבן א שנעלערע אַנטוויקלונג. און פּלוצים איז אין מיטן פון דעם אויפשטייג אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, וואָס האָט דאָס גאַנצע ווערק אוועקגעשטעלט אונטערן צייכן פון „זיין אָדער ניט זיין״.

ארץ־ישראל אין דער וועלט־מלחמה [1914 – 18]

דער גערֿאַנגל פאַרן דערהאַלטן דעם „ישׁ״

מיטן אויסברוך פון דעם וועלט־קריג, אין וועלכן טערקיי איז געווען אויף דער זייט פון די צענטראַלע מדינות (דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגארן), איז דאָס יידישע קאָלאָניזאַציע־ווערק אין ארץ־ישראל אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ פארצווייפלטן קאמף פאַר זיין קיום. די פאַרבינדונג מיט דער אויסן־וועלט איז איבערגעריסן געוואָרן. ס׳האָט געדראָאַ געפאַר, אז סיי דער אלטער און סיי דער נייער ישוב, וואָס זיינען ביידע אין אַ גרויסער מאָס געווען אָפּהענגיק פון אַ געלט־צושטראָם פון אויסלאַנד, וועלן בלייבן הפקר פאַר אלע בייזע מלחמה־ווינטן, אָן שום אונטערשטיצונג מצד דעם וועלט־יידנטום. טויזנטער יידן, פרעמדע שטאַטסבירגער, האָבן געמוזט פארלאָזן דאָס לאַנד. אנדערע צענער טויזנטער, וואָס האָבן אין דער „לעצטער שעה״ אָנגענומען די טערקישע בירגערשאַפט, האָבן צוליב דעם אָנגעוווירן די קאָנסולאַרישע שוץ פון די מדינות, וועמענס בירגער זיי זיינען ביז איצט געווען, און האָבן געמוזט זיך אַנשליסן צום טערקישן מיליטער, וואָס האָט זיי, אין בעסטן פאל, געבראַכט אומענדלעכע ליידן און פיין. דאָס טערקישע מיליטער, וואָס האָט דורכגעמארשירט דאָס לאַנד אויפן וועג צום סועץ־קאַנאַל און וואָס האָט נאָך דער מפלה, וואָס עס האָט דאָרט געליטן, אין אַ בהלה׳דיקן צושטאַנד זיך צוריקגעצויגן, האָט געפאָדערט פון דער באפעלקערונג אויסשטאַטונג, לעבנסמיטלען, בהמות צו ארבעט און טראַנספּאָרט־מיטלען — דאָס אלץ וואָס איז געווען נויטיק פאַר דער דערנערונג און קיום פון דער ציווילער באַפעלקערונג; דאָס מיליטער האָט אויך אָנגעשטעקט די באַפעלקערונג מיט עפּידעמישע קראַנקייטן, וואָס האָבן פאַרשלונגען טויזנטער קרבנות. טויזנטער מענטשן זיינען געשטאָרבן פון הונגער און אַנדערע אַנשיקענישן.

אַ חוץ דעם אלעמען האָט זיך דער מיליטערישער הויפּט־הערשער פון ארץ־ישראל, דזשעמאַל פאַשאַ, געשטעלט אַלס ציל צו פאַרניכטן דאָס ציוניסטישע ווערק אין ארץ־ישראל. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שווערע פּרשה

פון אויסווייזונגען, פראָצעסן, גזירות און שיקאַנעס. פאַר באַזיצן קק״ל־מאַרקעס האָט געדראָט טויט־שטראָף. זיין כוונה איז געווען צו פאַרניכטן די ציוניסטן, אַזוי ווי עס איז געשען מיט די אַרמענער אין צפון פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע.

די פאַרבינדונג מיט דער אויסן־וועלט און מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע

אין דער דאָזיקער צייט פון רדיפות, מלחמה־ליידן און ווירטשאַפט־לעכער נויט, איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך געווען צו קלערן, ניט נאָר וועגן דער פאַרגרעסערונג פון ישוב אָדער פאַרברייטערונג פון דער קאָלאָניזאַציע־נעץ, נאָר אפילו ניט וועגן זיין אינערלעכער פאַרפעסטיקונג. אַלע אָנשטרענגונגען האָבן געמוזט אָנגעווענדעט ווערן בלויז אין איין ריכטונג: אָפּצוהיטן דאָס עקזיסטירענדיקע, פאַרטיידיקן די גאַנצקייט פון ישוב און פון די יידישע קאָלאָניעס ביז דער שטורעם וועט אַריבער. דער ערשטער פאַרבאַדינג דערצו איז געווען, אַז ארץ־ישראל זאָל שטיין אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט דער אויסן־וועלט. נאָר אויף דעם אופן איז מעגלעך געווען צו באַקומען געלט־מיטלען פון אַמעריקע און פון די ציוניסטישע צענטראַל־ביוראָס; נאָר דורך אַזאַ קאָנטאַקט האָט מען געקענט פאַרעפנטלעכן אמתע ידיעות וועגן דער לאַגע אין לאַנד און וועגן די פאַרפאָלגונגען און אַזוי אַרום אויסמיידן די פאַרניכטונג פון ישוב דורך דער הפקרות פון דער טערקישער אַדמיניסטראַציע. די אויפגאַבע איז געהעריק דערפילט געוואָרן אַ דאַנק דער געמיינזאַמער ליסטונג פון פאַלעסטינאַ־אַמט און פון פאַראַנטוואָרטלעכע ציוניסטישע פירער, באַזונדערס אין בערלין.

תיכף נאָכן קריגס־אויסברוך איז די קק״ל־צענטראַלע איבערגע־טראָגן געוואָרן פון קעלן קיין האַג, אין די נייטראַלע האָלאַנד. דאָס ציוניסטישע צענטראַל־ביוראָ, אונטער דער אָנפירונג פון פּראָפעסאָר אָטאָ וואַרבורג און ד״ר האַנטקע, איז איבערגעבליבן אין בערלין און האָט געקאַנט דורך דער פאַרמיטלונג פונעם דייטשן אויסן־מיניסטעריום ווירקן אויף די טערקישע רעגירונגס־פאַקטאָרן, וואָס האָבן זיך געמוזט רעכענען מיט דער מיינונג פון זייער דייטשן פאַרבינדעטן. אויף דעם וועג זיינען געשיקט געוואָרן היבשע געלט־סומען פון דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל. כדי צו פאַרבינדן דאָס בערלינער צענטראַל־ביוראָ מיט די ציוניסטישע לאַנדס־אָרגאַניזאַציעס און מיט אַמעריקע, איז אין פעברואַר 1915 אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אַרבעטס־ביוראָ אין נייטראַלן קאָפּענהאַגען (דענעמאַרק). אין ניו־יאָרק איז געשאַפן געוואָרן אַ צייטווייליקער ועד־

פועל (אויספיר־קאָמיטעט) פאַר אַלגעמיינע ציוניסטישע ענינים. אזוי ארום האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאציע געקאָנט פאַרזעצן איר אקטיווע טעטי־קייט פאר ארץ־ישראל אויך אין די מלחמה־יאָרן. די דאָזיקע טעטיקייט איז געווען פון ערשטראנגיקער חשיבות; ווייל אָן דעם שטענדיקן קאָנטאקט צווישן ארץ־ישראל און חוץ־לארץ וואָלט דער ישוב זיך געווען צוזאמענ־געבראָכן און אונטערגעגאַנגען צוליב הונגער און די אומאויפהערלעכע רדיפות מצד די טערקישע מאַכטהאָבער. „וואָלט אייער געשריי ניט גע־הערט געוואָרן אין דער גאנצער וועלט" — האָט געזאָגט א טערקישער אָפיציר אין 1917 צו אַ פארטריבענעם פון יפו — „וואָלט פון אייך קיין שריד ופליט ניט איבערגעבליבן".

דער פארטיידיקונגס־קאמף פון ישוב

די צענטראלע אינסטיטוציע פאר דער ארבעט אין ישוב איז געווען ווי ס'איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, דער „פאלעסטינא־אמט" (דער משרד ארץ־ישראלי). אויב פאר דער מלחמה האָט זיך זיין טעטיקייט באגרענעצט נאָר צו אַן אקטיוון אָנטייל אין לעבן פון ישוב, האָט ער פון איצט אָן גענומען אויף זיך די גאנצע אחריות פארן גורל פונעם ישוב. ער איז געווען די צענטראַל־שטעלע פאַר דער פאַרטיילונג פון די געלטער, וואָס זיינען ביזן אריינטריט פון אמעריקע אין דער וועלט־מלחמה מייסטנטייל אָנגעקומען פון די אמעריקאנער יידן, און נאָך דעם — פון די יידן פון דייטשלאנד און פון אנדערע לענדער. דער משרד ארץ־ישראלי איז געווען די צענטראלע פאר דער הילפס־ארבעט און פאר אלע באמיונגען צו פאר־בעסערן די לאגע. צוגלייך האָט ער ווייטער געדארפט פארוואלטן מיט די ציוניסטישע ישובים און זאָרגן פארן קיום פון העברעאישן שול־וועזן.

קלאָר, אז די שווערסטע לאסט איז געלעגן אויפן ישוב אליין. אין דער דאָזיקער צייט פון שווערן נסיון האָט זיך ארויסגעוויזן ווי ווייט גע־רעכט דער משרד ארץ־ישראלי איז געווען, שטרעבנדיק פון אָנהייב אָן צו דערציען דעם נייעם ישוב צו זעלבסט־פאראנטוואָרטלעכקייט. אין די שטעט, וועלכע זיינען בעיקר געווען באווויינט דורכן אלטן ישוב, איז נאָר אין אַ קליינער מאָס געלונגען צו אָרגאניזירן די אַנטשפרעכנדע הילפס־ארבעט. דאָ האָבן נויט און דחקות דערגרייכט זייער העכסטן פונקט. טוי־זנטער זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער און געפאלן צוליב קראנקייטן. דער נייער ישוב, וואָס איז געשטאנען אויף א פיל העכערער מדרגה ווי דער אלטער, האָט זיך מאָביליזירט צו א גרויסער זעלבסטהילף־ארבעט. אַ דאַנק איר איז אים געלונגען אויסצומיידן די שווערסטע שטרויכלונגען. זייט דעם אָנהייב פון דער מלחמה האָבן די ארבעטער־ישובים זיך באמיט

צו אָרגאַניזירן זייער ווירטשאַפט אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן קענען ווי ווייט מעגלעך אויסקומען מיט קליינע געלטמיטלען, דאָס הייסט, זיי האָבן געמוזט מאַקסימאַל פּראָדוצירן פאַרן אייגענעם געברויך. אין דער ערשטער ריי איז אומעטום, וווּ ס'איז נאָר מעגלעך געווען, געקומען אין באַטראַכט די פּלחה (תבואה־פעלדער). ווייטער האָט מען געווידמעט גרעסערע שטחים פאַר גרינס־גערטנעריי ווי אויך פאַר דער הויף־ווירטשאַפט (קי, הינער). אין אַ סך ערטער האָבן זיך אָרגאַניזירט נייע קבוצות אויף קולטיווירן גרינסן. מייסטנס זיינען דאָס געווען אַרבעטערינס־קבוצות. די דאָזיקע קבוצות, וואָס זיינען געווען אַ פּראָדוקט פון דער נויט, האָבן זיך נאָך דער מלחמה אויפגעלעזט.

די תבואה פאַר די קאָלאָניעס אין יהודה איז בעיקר אָנגעקומען פון די קאָלאָניעס אין גליל התחתון און אין עמק יזרעאל, וועלכע האָבן דעמאָלט צום ערשטן מאָל באַוויזן ווי ווייט וויכטיק ס'איז פאַר דער דערנערונג פון ישוב אין צייטן פון נויט און באַלאַגערונג צו קולטיווירן אין די יידישע ווירטשאַפטן לעבנס־נויטווענדיקע שפּייזמיטלען. כדי צו דערלייכטערן די אָרגאַניזירונג און די צושטעלונג פון די פּראָדוקטן, האָבן די אַרבעטער אין גליל, לויט דער איניציאַטיוו פון דער קבוצה כנרת, געגרינדעט אין 1916 דעם קאָאָפּעראַטיוו „המשביר". זיין אומזאַץ־קאַפּיטאַל איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן פון אַקציעס, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַרבעטער, און פון הלוואות פון דעם משרד ארץ־ישראלי און דער „אַנגלאָ־פּאַלעסטינאַ־באַנק". „המשביר" האָט קודם־כל פאַרזאָרגט מיט תבואה די אַרבעטער און לערער, באַלד אָבער האָט ער פאַרברייטערט דעם אומפאַנג פון זיין טעטיקייט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קויף־און פאַרקויף־קאָאָפּעראַטיוו פון לעבנס־מיטלען פאַרן גאַנצן אַרבעטער־צבור. אויך אַנדערע קרייזן פון ישוב האָבן גענאָסן פון זיין טעטיקייט.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון קריזיס

זייער העכסטן פּונקט האָבן די נויט און רדיפות דערגרייכט אין יאָר 1917, ווען די ענגלענדער זיינען אין מערץ 1917 צוגעטראָטן צו זייער ערשטן ערנסטן אָנגריף אויף ארץ־ישראל, האָט דזשעמאַל פּאַשאַ געפונען די געלעגנהייט גרינטלעך זיך אָפּצורעכענען מיטן יידישן ישוב. די ציוניסטן און זייערע אָרגאַניזאַציעס זיינען דורך אים און זיינע אונטערהעלפער באַטראַכט געוואָרן אַלס די הויפּט־שונאים פון די טערקן אין ארץ־ישראל. לויט זיינע דערקלערונגען זיינען די ציוניסטן געקומען אין לאַנד אַריין, כדי עס איינצונעמען און צו שאַפן אַ מדינה אין ארץ־ישראלדיקן חלק פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע.

אין 29־טן מערץ האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ באַפעל, אַז אַלע ניט־מוזולמענישע אָטאָמאַנישע בירגער און אלע יידן אָן אונטערשיד פון שטאַטסבירגערשאַפט דאַרפן פארלאָזן יפו און די קאָלאָניעס פון איר בע־צירק. טראָץ דער ברידערלעכער אויפנאַמע, אויף וועלכער די עוואַקואירטע האָבן אָנגעטראָפן, באַזונדערס אין די קאָלאָניעס פון גליל, האָבן באַלד אין רעזולטאַט פון די שלעכטע באַדינגונגען, וואָס זיינען דורך דער עוואַ־קואַציע געשאַפן געוואָרן, אויסגעבראָכן עפידעמישע קראַנקייטן, צוליב וועלכע ס'זיינען אומגעקומען אַ סך פון צווישן די פּליטים.

אין א קורצער צייט ארום, אין הערבסט 1917, האָט די אויפ־דעקונג פון אַ שפּיאָנאַזש־גרופּע לטובת דעם ענגלישן מיליטער געדינט אַלס נייער תירוץ פאַר אַ ביטערער פאַרפאָלגונגס־קאַמפּאַניע קעגן דעם גאַנצן ישוב. אין שפּיץ פון דער דאָזיקער שפּיאָנאַזש־גרופּע איז געשטאַנען אהרן אהרונסון, דער לייטער פון דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע אין עתלית. דער יידישער ישוב איז אין זיין גרויסער מערהייט געווען קעגן די שטרעבונגען פון דער דאָזיקער גרופּע. ניט געקוקט דערויף האָבן די טערקישע מאַכטהאַבער ניט געמילדערט זייערע שיקאַנעס. מ'האָט גע־זוכט געווער, שפּיאָנען און דעזערטערן, און אַלע די רעוויזיעס זיינען געווען פאַרבונדן מיט גרויסע ליידן און שמערצלעכן פּיין. הונדערטער יונגטלעכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן קיין נצרת און דמשק פאַר ווייטערע אויספאַרשונגען. וואָכנלאַנג האָט געבושעוועט דער טעראָר.

די קבוצות אין גליל העליון.

א חוץ די צייטווייליקע קבוצות, וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף גרינס־גערטנעריי זיינען אין דער מלחמה־צייט אנטשטאַנען אייניקע נייע קבוצות, וואָס האָבן זיך מלכתחילה געשטעלט אלס ציל צו גרינדן שטענדיקע ווירטשאַפטן און האָבן דעם דאָזיקן ציל מיט עקשנותדיקער איבערגעבנקייט אוןביישפּיללאָזן אויסדויער פאַרווירקלעכט.

אין יאָר 1916, ווען דער קריזיס האָט זיך אין גאַנצן לאַנד זייער פאַרשאַרפט, איז א קבוצה פון 5 ארבעטער אריבער אין דאָרף ניגמאַט־אל־צבאח (אילת השחר), וואָס האָט געהערט צו די ראש־פּנה'ער קאָלאָ־ניסטן און איז באַארבעט געוואָרן דורך אראַבער. די יידישע ארבעטער האָבן געפּאַכטעט דעם באָדן לויטן געוויינלעכן אָפּצאָל פון א פינפטל פון דער גערעטעניש און האָבן אין זייער שווערע סאַניטאַרע־ און וווין־פאַרהעלט־נישן אָנגעהויבן אויפצושטעלן א לאַנדווירשאַפטלעכן ישוב.

אין דער זעלבער צייט האָט אן אנדערע קבוצה געלייגט דעם יסוד פאַר נייע ישובים אין סאַמע צפון'דיקן טייל פון גליל העליון. די דאָזיקע

ראָמאַנטישע, מסוכנדיקע און געהיימניספולע געגנט אויף דער גרענעץ פון ארץ־ישראל האָט באַזונדערס אַנגעלאָקט די מיטגלידער פון „השומר". זייט יאָרן האָבן די שומרים געטרוימט וועגן א ישוב, וואָס זאָל דינען אלס וווין־אָרט פאַר זייערע משפחות און אלס מוסטער־דאָרף פאַרן גאַנצן ישוב. א טייל פון די שומרים האָט געוואָלט גרינדן די דאָזיקע ווירט־שאַפט אין האַרץ פון עמק יזרעאל, אין תל־עדשים. אַן אַנדערער גרעסערער טייל פון די שומרים האָט זיך אין 1916 אָפּגעטיילט פון די איבעריקע חברים און איז אונטער דער אָנפירונג פון ישראל גלעדי אוועק אין צפון־טייל פון לאַנד. זיי זיינען אַרויף אויפן באָדן פון דאָרף חאַמאַרא, דרום פון דער שיינער אבער ניט־אַנטוויקלטער קאָלאָניע מתולה, וואָס האָט אין דער ערשטער צייט געדינט אלס וווין־אָרט פאַר די נייע זידלער. דאָס קאָאָפּעראַטיווע מוסטער־דאָרף האָט, לויט זייערע פּלענער, געדאַרפט גלייכצייטיק זיין א פעסטונג צו שיצן די צפון־גרענעץ פון לאַנד. פון דעם שומרים־צענטער — אזוי האָבן זיי זיך פאָרגעשטעלט — וועט זיך אָנהויבן די אויפבלעבונג פון גליל העליון און שפּעטער די קאָלאָניזאַציע פון חורן, ווו די יק"א האָט באַזיצט גרויסע ערד־שטחים. טראָץ די פאַרפאַלגונגען פון דער מלחמה־צייט, וואָס האָבן באַזונדערס שווער געטראָפן דעם „השומר", איז אים געלונגען צו לייגן די יסודות פון א נייעם קאָלאָניזאַציע־פּונקט; אין 1918, נאָכן טויט פון גלעדי, דעם אָרגאַניזאַטאָר און אָנפירער פון דעם נייעם ישוב, איז דער דאָרף אָנגערופן געוואָרן: — „כ פ ר ג ל ע ד י".

ניט ווייט פון כפר גלעדי, עטוואָס דרום׳דיקער, איז אין 1917 אַרויף אויפן באָדן פון תלחה א נייע קבוצה פון אַרבעטער און האָט געגרינדעט דעם משק „תל־חי". אין זעלבן יאָר האָט זיך א קבוצה פון אַרבעטער באַזעצט אין דער פאַרלאָזענער יק"א־ווירטשאַפט, מחנים, מיט דער האָפענונג זי אויפצולעבן. אזוי אַרום זיינען געווען פיר קבוצות: מחנים, אילת השחר, תל־חי און כפר גלעדי. זייער באָדן האָט געהערט צו יק"א און פון איר האָבן זיי באַקומען דעם גרעסטן טייל פון די צום אויפבוי נויטיקע מיטלען. (אָט די זאַך איז אין א גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם אַגראָנאָם חיים קאַלוואַריסקי, וועלכער איז געווען א העכערער באַאַמטער פון יק"א). די איבעריקע מיטלען האָבן זיי באַקומען פון דעם „פּאַלעסטינא־אַרבעטער־פאָנד" (קפא"י — קופת פועלי ארץ־ישראל), וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורכן וועלט־פאַרבאַנד „פועלי ציון", און פון די פאָנדן פון דער ציוניסטי־שער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פלעגט ביז 1920 דעקן א טייל פון לויפנ־דיקן בודזשעט.

די ענגלישע דעראָבערונג.

מיט די דערמאָנטע רדיפות האָט זיך אין יהודה געענדיקט דער טערקישער רעזשים. אין 2־טן נאָוועמבער 1917, אין טאָג, ווען ס'איז אין לאָנדאָן געגעבן געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע, האָבן די ענגלישע קאַנאָנען אָנגעהויבן צו דונערן אויף דעם עזה־פראָנט. אין 7־טן נאָוועמבער האָבן די ענגלענדער, נאָך א לאַנג־דויערנדיקער באַלאַגערונג, איינגענומען עזה. דעם 18־טן נאָוועמבער האָבן זיי דעראָבערט יפו. דעם 8־טן דעצעמבער האָט גענעראַל אַלענבי מיט זיין אַרמעע צו פוס אַריינמאַרשירט קיין ירושלים. דאָס איז געווען ערב חנוכה. דאָס דעראָבערן ירושלים ערב דעם מכבי׳ער יום־טוב האָט אין די אויגן פון ישוב אויסגעזען ווי א סימבאָל. גלייכצייטיק מיטן אַריינמאַרש פון די ענגלענדער אין לאַנד אַריין איז דערהאַלטן געוואָרן די בשורה וועגן פּאָליטישן נצחון פון דער ציוניסטישער לייטונג. ארץ־ישראל האָט ווירקלעך געדאַרפט ווערן א נאַציאָנאַלע היים פאַרן צעשפּרייטן יידישן פאָלק. דער ישוב האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט; ס'האָבן זיך אין אים דערוועקט גרויסע האָפנונגען.

די יידישע לעגיאָנען.

מיטן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה איז אין געוויסע ציוניסטישע קרייזן געבוירן געוואָרן דער געדאַנק, אַז די יידן דאַרפן דערשיינען אין דער מלחמה אַלס אַן אַקטיווער פאַקטאָר, און זאָלן קעמפן אַלס יידן פאַר דער באַפרייאונג פון ארץ־ישראל. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען א לעגיאָנען־באַוועגונג, און אין משך פון די מלחמה־יאָרן (1915—1918) זיינען געגרינדעט געוואָרן פיר יידישע גדודים.

דער ערשטער איז געווען דער גדוד, וואָס יוסף טרומפּעלדאָר האָט אָרגאַניזירט אין יאָר 1915 אין מצרים, בעיקר פון די יידן וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל. דער גדוד איז געווען טעטיק אויפן טערקישן פראָנט פון גאַליפּאָלי, אַלס א טראַנספּאָרט־פאָרמאַציע (אַלס פירער פון מויל־אייזלען). אין יאָר 1917 איז אַנשטאַנען א גדוד אין ענגלאַנד, א דאַנק דער איניציאַטיוו פון זשאַבאָטינסקי, בעיקר פון רוסישע יידן, וואָס האָבן געוווינט אין לאָנדאָן. אין 1918 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער אַמעריקאַנער גדוד, א דאַנק דער איניציאַטיוו פון ד. בן־גוריון און י. בן־צבי. דעם קערן האָבן געבילדעט חברים פון „החלוץ" און „פּועלי ציון" אין אַמעריקע.

אויך דער ארץ־ישראלדיקער גדוד איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1918. די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט באַפליגלט דעם ישוב און דערוועקט דעם רצון, באַזונדערס ביי די אַרבעטער און ביי דער יוגנט, זיך אַקטיוו

צו באטייליקן אין דער באפרייונג פון לאנד. א רייע ארבעטער־טוער (ב. קאצענעלסאָן, ש. יבנאלי, דוב האָז, אליהו גאָלאָמב אא״נ) און משה סמילאנסקי, איינער פון די אָנגעזעענסטע קאָלאָניסטן־פירער, האָבן גערופן זיך פרייוויליק צו מאָביליזירן און האָבן זיך אליין אָנגעשלאָסן אין גדוד. אין 1919 יאָר האָבן שוין די יידישע גדודים געציילט קרוב 5000 פריי־ווילִיקע. די ערשטע האָבן נאָך געהאט די זכיה זיך צו באטייליקן אין די קאמפן פאר דער באפרייונג פון ארץ־ישראל.

נאָך דער דעראָבערונג פון יהודה איז אויף א געוויסער צייט אָפּ־געשטעלט געוואָרן דער פאָרמארש פון ענגלישן מיליטער. שומרון און גליל זיינען איבערגעבליבן אין די טערקישע הענט, און כמעט א גאנץ יאָר איז דער צפון־טייל פון ארץ־ישראל געווען אָפּגעריסן פון די איבריקע טיילן פון לאנד. ערשט אין סעפטעמבער 1918 האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטשיידענע אָפענסיווע פון ענגלישן מיליטער, וואָס האָט דעמאָלט דעראָבערט אויך דעם צפון־טייל פון ארץ־ישראל. חנוכה תרע״ט (1918) איז שוין דער ישוב ווידער געווען פאראייניקט און האָט צוזאמען אָפּגעהאלטן דעם באפרייונגס־יום־טוב אויף דער שוועל פון א נייער תקופה אין דער געשיכטע פון ארץ־ישראל.

די איבערגאנגס־צייט [1921—1918]

דער אלגעמיינער כאראקטער פון דער תקופה.

די דעראָבערונג פון ארץ־ישראל דורכן ענגלישן מיליטער און די באלפור־דעקלאראציע האָבן אוועקגעשטעלט דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און די ציוניסטישע אָרגאניזאציע פאר א גאנץ נייער סיטואציע. אין ברייטע קרייזן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג ,ווי אויך אין ישוב, האָט מען געגלויבט, אז אין קורצן וועט אנטשטיין א יידישע מדינה אין גייסט פון הערצלס פאָדערונגען. אויך אָנגעזעענע און אָנפירנדיקע ענגלישע שטאטס־מענער האָבן די באלפור־דעקלאראציע אזוי פארשטאנען. זיי האָבן דאָס אויסגעדריקט אין זייערע עפנטלעכע דעקלערונגען פון יענע טעג און האָבן דאָס באשטעטיקט אויף דאָס ניי, ווען זיי זיינען ארויסגעטראָטן אלס עדות פאר דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע אין די יאָרן 37—1936. מ׳האָט שטארק געהאָפט, אז מיט דער הילף פון ענגלאנד וועט זיך אָנהויבן א סיסטעמאטישע אויפבוי־טעטיקייט, אז די טויערן פון ארץ־ישראל וועלן ברייט דערעפנט ווערן און יידן פון דער גאָרער וועלט וועלן אַהער שטראָמען, כדי אויפצובויען זייער נאציאָנאלע היים, ווער דורך ארבעט און פערזענלעכער באטייליקונג און ווער דורך זייער געלט.

די ווירקלעכקייט איז אָבער געווען אן אנדערע. פאקטיש זיינען אדורך דריי יאָר, ביז מ׳האָט געקאָנט אָנהייבן א נייע קאָלאָניזאציע־טעטיקייט. דאָס זיינען געווען דריי יאָר פון שמערצלעכן איבערגאנג. דער פאקט, וואָס מ׳האָט דעם אָנהויב פון דער אמתער אויפבוי־ארבעט פאר־שלעפט אזא לאנגע צייט, האָט זיך שפעטער ביטער נוקם געווען. און דאָך דארף מען ניט גרינגשעצן די פאָזיטיווע רעזולטאטן פון די דאָזיקע דריי שווערע יאָרן, אין וועלכע ס׳זיינען געשאפן געוואָרן די אידעאישע, אָרגאַ־ניזאַטאָרישע און פּראַקטישע פאָרויסזעצונגען פאַר דער צוקונפטיקער ארבעט.

דער רעכטלעכער צושטאנד.

דער רעכטלעכער צושטאנד פון ארץ־ישראל איז געווען א שטערונג פאר דער באלדיקער באנייאונג פון דער קאָלאָניזאציע־טעטיקייט אין א

גרויסן מאסשטאב. אמת, דער פאַרהאסטער טערקישער רעזשים איז געפאַלן און מיט זיין פאַלן האָבן אויפגעהערט אַלע רדיפות און פאַרפאָלגונגען, און די ענגלישע מיליטערישע פאַרוואַלטונג, וואָס איז געקומען אויף זיין אָרט, האָט באַלד איינגעפירט אַ רייע נוצלעכע איינריכטונגען. זי האָט אויפגעשטעלט אַ באַן־פאַרבינדונג צווישן ארץ־ישראל און מצרים, האָט געבויט נייע שאָסייען, האָט פאַרזאָרגט ירושלים מיט וואַסער, אויס־גערייניקט די וואַסער־גריבער און איינגעפירט געזעץ און אָרדנונג. אָבער קיין אַנטשיידנדיקע געזעץ־ענדערונגען האָט זי ניט אַדורכגעפירט. זי האָט זיך באַטראַכט אַלס אַן אָקופּאַציע־מאַכט, וועמענס אויפגאַבע איז אָפּצוהיטן דעם „סטאַטוס־קוואָ״ (עקזיסטירנדיקן צושטאַנד) ביז ס'וועט אַנטגילטיק אַנטשידן ווערן דער גורל פון ארץ־ישראל. דער אַמט פאַר רעגיסטרירן באָדן־טראַנזאַקציעס איז געבליבן פאַרשלאָסן. ער איז אויף דאָס ניי געעפנט געוואָרן ערשט נאָך דעם, ווי ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן די ציוויל־פאַרוואַלטונג (1920). ביז דעמאָלט איז ניט געווען קיין שום רעכטלעכע מעגלעכקייט צו דערווערבן באָדן; ס'איז אפילו פאַרבאָטן געוואָרן אָפּ־צושליסן פּריוואַט־קאָנטראַקטן וועגן באָדן־פאַרקויף. די איינוואַנדערונג פון מענטשן, וואָס האָבן פאַרן קריג ניט געלעבט אין ארץ־ישראל, איז נאָר אויסנאַמסווייז דערלויבט געוואָרן. די פאַראַנטוואָרטלעכע מיליטער־ און באַאַמטן־קרייזן האָבן זיך באַצויגן פיינטלעך אָדער גלייכגילטיק צו די יידישע שטרעבונגען, האָבן איגנאָרירט די באַלפור־דעקלאַראַציע און האָבן אפילו געווירקט קעגן איר פאַרווירקלעכונג; לויט זייער מיינונג איז נאָך דער גורל פון ארץ־ישראל ניט אַנטשידן געוואָרן, און אַ טייל פון זיי האָבן געהאָפט, אַז די אַנטשיידונג וועט זיין אַ גאַר אַנדערע. ערשט מיטן באַשלוס פון אויבערשטן ראַט פון דער פרידנס־קאָנפערענץ, דעם 24.4.1920 וועגן דער איינשליסונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אין פרידנס־אָפּמאַך מיט טערקיי און וועגן איבערגעבן דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל גרויס־בריטאַניע, — איז געשאַפן געוואָרן אַ קלאָרער רעכטלעכער צושטאַנד. מיטן איינפירן די ציוויל־פאַרוואַלטונג, אַנשטאָט דער ביזאַיצטיקער מילי־טערישער, און מיטן באַשטימען הערבערט סאַמיועלן אַלס הויך־קאָמיסאַר זיינען געשאַפן געוואָרן די אויסערלעכע פאָרויסזעצונגען פאַר דער ממשותדיקער אויפבוי־אַרבעט אין לאַנד.

אין די קרייזן פון דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט אין ארץ־ישראל און אין לאָנדאָן האָט מען געוואָרט אויף אַ שנעלער דערלעדיקונג פון דער ארץ־ישראל־פראַגע, און צוליב דעם איז מען געווען אין דער מיינונג — אין קעגנזאַץ צו די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער — אַז דערווייל דאַרף מען ניט אָנהויבן קיין נייע אַרבעטן. היות עס איז אוממעגלעך פאָרלויפיק צו

דערוווערבן באַדן און דאָס שליסט אויס א קאָלאָניזאציע־טעטיקייט אין א גרויסן פארנעם, דארף מען דערווייל זיך באַגניגן מיט דער צוגרייטונג פון פלענער און שאפן באדינגונגען פאר דער צייט, ווען ס׳וועט אָנהויבן צו שטראָמען א מאסן־איינוואנדערונג און דערמעגלעכט ווערן א סיסטעמאטישע קאָלאָניזאציע־טעטיקייט. און דערווייל דארף מען אָפּהיטן און פארפעסטיקן דאָס עקזיסטירנדיקע,ווידער־אויפבויען די חורבות און אויסהיילן די ווונדן, וואָס די מלחמה האָט גורם געווען אין גאנצן לאנד.

די פינאנסירונג און אָרגאניזאציע פון די איבערגאנגס־ארבעטן.

כדי צו פינאנסירן די איבערגאנגס־ארבעטן האָט די ציוניסטישע ארגאניזאציע געשאפן אין חודש יאנואר 1918 א ספעציעלן פאָנד, וואָס איז פון אָנהויב אָנגערופן געוואָרן „פאַרבארייטונגס־פאָנד" און זייט יולי 1919 — „דערלייזונגס־פאָנד" („קרן הגאולה"). אלס רעפרעזענטאנץ פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע אין ארץ־ישראל האָט זייט דעם 4־טן אפריל 1918 געווירקט דער אזוי־גערופענער „ועד הצירים לארץ־ישראל" („קאָמיטעט פון דעלעגירטע אין ארץ־ישראל"). דער „ועד הצירים" האָט גערארפט (לויט א הסכם מיט דער ענגלישער רעגירונג) „דינען אלס באראטנדע קערפערשאפט פאר דער ענגלישער מאכט אין ארץ־ישראל אין אלע יידישע אנגעלעגנהייטן, אָדער אין פראגן וואָס האָבן א שייכות מיטן שאפן פון א נאציאָנאלער היים פארן יידישן פאָלק אין גייסט פון דער דעקלאראציע פון דער ענגלישער רעגירונג". די באלפור־דעקלאראציע האָט אזוי ארום רעכטלעך באשטעטיקט די פּאָזיציע פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, וועלכע זי האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט דערוואָרבן א דאנק איר טעטיקייט אין ארץ־ישראל אין די לעצטע צען יאָר.

דער משרד ארץ־ישראלי (פאלעסטינא־אמט), וואָס האָט ביז איצט געווירקט אלס פארטרעטערשאפט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און דעם קק"ל אין ארץ־ישראל, האָט פּאָרגעזעצט זיין עקזיסטענץ ביי דעם „ועד הצירים". ער האָט איבערגענומען די אויפזיכט איבערן שולוועזן און די לייטונג פון דער לאנדווירטשאפטלעכער אַרבעט. ערשט אין אָקטאָבער 1919 האָט דער „ועד הצירים" איבערגענומען אלע פונקציעס פון דעם משרד ארץ־ישראלי און האָט פון איצט אָן געדינט אלס די איינציקע פארטרעטער־שאפט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאניזאציע אויף אלע ארבעטס־געביטן.

נאָך דעם 12־טן קאָנגרעס (1921) איז אויפן אָרט פון דעם „ועד הצירים" געקומען די ארץ־ישראלדיקע עקזעקוטיווע (הנהלה) פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאניזאציע.

גרויסע אויפגאבן זיינען פארן ועד הצירים געשטעלט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און דורך דער ענגלישער רעגירונג. גרויסע אויפגאבן זיינען פאר אים געשטעלט געוואָרן אויך דורך דער שווערערווירקלעכקייט אין לאנד און דעם קריטישן מצב פון דעם יידישן ישוב. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָבן זיך אין ארץ־ישראל געפונען 85 טויזנט יידן: 12 טויזנט פון זיי האָבן געלעבט אין די לאנדווירטשאפטלעכע ישובים און די איבריקע — אין די שטעט. אין ירושלים אליין האָבן געלעבט 45 טויזנט. צוליב דער מלחמה איז — לויט רופינס אָפּשאצונג — די צאָל פון די יידן אין ארץ־ישראל געפאלן ביז 65 טויזנט. דער קליינער יידישער ישוב אין לאנד, איז טאקע דורך אן אָנשטרענגונג פון אלע זיינע כוחות ניצול געוואָרן פון פארניכטונג, אָבער דער קריזיס האָט זיך געלאָזט פילן אין אלע קרייזן און שיכטן. אמת, פון די מלחמה־געשעענישן האָט אוממיטלבאר געליטן נאָר א קליינער טייל פון די לאנדווירטשאפטלעכע ישובים, אָבער צו די דאָזיקע שאָדנס זיינען צוגעקומען נאָך אנדערע ניט וויניקער שווערע פארלוסטן — צוליב דער אָפּשטעלונג פון די צוגרייטונגס־אַרבעטן אין די מלחמה־יאָרן. דערשיטערנד איז געווען די נויט צווישן אלטן ישוב אין די שטעט. דער ועד־הצירים האָט קודם־כל געדארפט זאָרגן פאר 4 טויזנט יתומים. דאָס ווירטשאפטלעכע לעבן און דאָס קאָמוניקאציע־וועזן זיינען געווענלעך פאראליזירט געוואָרן צוליב דער מלחמה און האָבן ערשט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויפצולעבן, א דאנק דער ליפערונג פון סחורות פארן מיליטער. אין די אלטע פלאנצונגס־קאָלאָניעס האָבן געפעלט די בויטיקע געלט־מיטלען; צוליב דעם וואָס ס'איז נאָך ניט באנייט געוואָרן די פארבינדונג מיט אויסלאנד האָבן זיי ניט געהאט ווו אָפּצוזעצן זייער פראָדוקציע. די קבוצות, סיי די אַלטע און סיי די נייע, וואָס זיינען אנטשטאנען אין צייט פון דער מלחמה, האָבן זיך אין גרעסטן טייל שטארק געניטיקט אין קרעדיטן, וואָס זאָלן לכל הפחות דעקן די לויפנדע אויסגאבן ביז צו דער שניטצייט. די קולטור־ און דערציאונגס־אינסטיטוציעס זיינען געווענלעך געווען אָפּהענגיק פון די אויסלענדישע געלט־מיטלען. אין די דאָזיקע באדינגונגען פון ווירטשאפטלעכן חורבן איז די צאָל ארבעטסלאָזע געווען פארהעלטניסמעסיק גרויס: אין מאי 1919 איז זייער צאָל דערגאנגען ביז קרוב 1200, און די דאָזיקע צאָל האָט געהאלטן אין איין וואקסן מיטן צוריקקער פון די פארטריבענע, וועלכע עס איז געווען שווער איינצוגלידערן אין ווירטשאפטלעכן לעבן. צו די אלע צרות האָט זיך אויך דער געזונדהייט־צושטאנד זייער פארערגערט. אויך פאר דער מלחמה איז ער געווען ווייט פון צו באפרידיקן די באדערפנישן, אָבער

איצט זיינען צו דער געוויינלעכער מאַלאַריע, וואָס האָט זיך ווי א מגפה פארשפרייט אין גאנצן לאנד, צוגעקומען א סך אנדערע אנשטעקנדיקע קראנקייטן. ועל כולם האָט געהערשט א שרעקלעכער יקרות, וואָס האָט פיל־פאכיק פארגרעסערט די הוצאות אין פארהעלטניש צו די נאָרמאלע צייטן.

די טעטיקייט פון ועד הצירים.

דער ועד הצירים איז צוגעטרעטן צו אן אינטענסיווער ארבעט אויף אלע געביטן, כדי צו פארבעסערן די שלעכטע לאגע. אין דער ערשטער רייע האָט ער געשטיצט די סאניטארע טעטיקייט און אזוי ארום האָט ער דער־גענצט די אויפטועןן פון דער אמעריקאנער־פרויען־אָרגאניזאציע „הדסה", וועלכע האָט זיך זייט 1918 פארנומען מיטן אָרגאניזירן דעם ארץ־ישראלדיקן געזונדהייטס־וועזן. מיט די מיטלען פון דער גרויסער אמערי־קאנישער הילפס־ארגאניזאציע „דזשאָינט" און מיט די געלטער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האָט זי אויפגעשטעלט א גרויסן הילפס־ווערק. 361 טויזנט פונט זיינען אויסגעגעבן געוואָרן אין די יאָרן 1918—1921 אויף אויסצוהאלטן און פארברייטערן די נעץ פון די העברעאישע שולן. אָבער די דאָזיקע פילפארביקע און פארצווייגטע הילפס־ארבעט האָט גע־בראכט דערצו, אז פאר דער לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאציע זיינען איבערגעבליבן, פארהעלטניסמעסיק, קליינע סומען, וואָס עס האָט דער־מעגלעכט בלויז צו דערהאלטן די עקזיסטירענדיקע ישובים און זיי א ביסל צו פארפעסטיקן.

צוליב דער דאָזיקער קאָנסאָלידאציע־טעטיקייט און צוליבן מאנגל פון א דויערהאפטן עקאָנאָמישן באזיס, — און פאר אלעמען, צוליבן מאנגל פון אנטשפרעכענדע באָדן־רעזערוון — זיינען אויפגעלעזט געוואָרן די צייטווייליקע קבוצות (פאר גרינסן־גערטנעריי) פון די מלחמה־יאָרן. די קבוצות אין גליל העליון, וואָס פלעגן באקומען פון צייט צו צייט אונטער־שטיצונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, זיינען זייט 1920 אריבער אויפן אויסשליסלעכן בודזשעט פון יק"א (אדער פיק"א), אויף וועמענס באָדן זיי האָבן זיך געפונען.

די טעטיקייט פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און פון אירע פאָנדן האָט זיך בעיקר קאָנצענטרירט אויפן אויסבוי פון די ישובים, וואָס זיינען דורך איר געגרינדעט געוואָרן.

די ווירטשאפטן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע

אויך די דאָזיקע ווירטשאַפטן זיינען נאָך ניט געווען זעלבסטשטענדיק און עקאָנאָמיש פאַרפונדעוועט. אמת, זיי זיינען א דאנק דער איבער־

געבנקייט פון די ארבעטער בשלום א דורך די מלחמה־צייט, אָבער זיי זיינען געווען געשטערט אין דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג, און אין יאָר 1918 זיינען זיי אין זייער אויפבוי־טעטיקייט געשטאנען אויף דעם זעלביקן אָרט וואָס אין 1914.

קיין איינע פון זיי האָט אָן דער הילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ניט געקענט עקזיסטירן. די צענטראַלע פּראָבלעם פון די ווירטשאַפטן איז געווען — ווי אזוי ווי אמשנעלסטן צו דערגרייכן ווירטשאַפטלעכע זעלבסטשטענדיקייט. אין דער דאָזיקער קאָנסאָלידאַציע־טעטיקייט האָט מען געמוזט ווייטער גיין אויפן וועג פון סיסטעמאטישער פארגרעסערונג פון דער באָדן־גערעטעניש, איינפירן און אנטוויקלען נייע ארבעטס־צווייגן. אין דעם זין האָט בן־שמן דערפילט א חלוצישן ראָל. דאָס איז אויך באוויזן געוואָרן אין דגניה, וואָס איז געווען באקאנט אלס דער בעסטער און אַממייסטן פּאַרפעסטיקטער משק פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע.

דגניה אין 1919

די קבוצה דגניה איז נאָך פאר דער מלחמה געקומען צו דער איבערצייגונג, אז זי דארף פארפולקאָמען איר ווירטשאפט, וואָס האָט זיך באזירט אויסשליסלעך אויף פלחה, דורך דער איינגלידערונג פון אנדערע ווירטשאפטס־צווייגן. זי האָט דערווייל איינגעפירט אין א קליינעם פארנעם: מילך־ווירטשאפט, פלאנצונגען, גרינצייג און הינער־צוכט. אבער זי האָט אויף דעם וועג ניט באדייטנד פאָרגעשריטן. די פלחה איז ווייטער געבליבן דער יסוד פון דער ווירטשאפט, און אלע איבריקע צווייגן האָבן לגבי איר דערפילט בלויז אַ געהילפס־ראָל. אמת, אין דער מלחמה־צייט איז די תבואה־גערעטעניש געווען א ברכה פארן משק, אבער אין 1919, ווען די תבואה־פרייזן האָבן פלוצים אָנגעהויבן צו פאלן און די לעבנס־קאָסטן צו שטייגן און ווען די הייסע מזרח־ווינטן האָבן גורם געווען צו א טריקעניש, איז קלאָר געוואָרן, אז די עקסטענסיווע פלחה, וואָס ברענגט איין פאר־העלטניסמעסיק קליינע הכנסות און וואָס איז אָפּהענגיק פון וועטער־באדינגונגען, וועלכע דער מענטש קען ניט באאיינפלוסן — קען ווייטער ניט דינען אלס זיכערער יסוד פאר דער לאַנדווירטשאפט. אויך דארף באטאָנט ווערן, אז די צייטווייליקע רווחים בשעת דער מלחמה זיינען דערגרייכט געוואָרן בלויז א דאנק דער אויסניצונג פון די ארבעטער און באָדן און צוליב דער שטארקער אראָפּנידערונג פון לעבנס־סטאנדארט.

אויך אנדערע מאָמענטן האָבן באוויגן די קבוצה צו שטרעבן צו דער ענדערונג פון דער ווירטשאפטס־סטרוקטור. די איינזייטיקייט פון דער

ווירטשאפט און די גרויסע צאָל סעזאָן־ארבעטן, וואָס האָבן איבערגעשטיגן די כוחות פון דער קבוצה, האָבן זי געצוווּנגען צו באַשעפטיקן א גרויסע צאָל לוין־אַרבעטער. דורך דעם איז אָנגערירט געוואָרן דער אינטימער כאַראַקטער פון דער קבוצה, וואָס האָט זיך באַטראַכט אלס א גרויסע משפחה, און די ווירטשאַפט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסן עסק, אין וועלכן ס׳זיינען אין אַ געוויסער מאָס פאַראַן אַרבעטס־געבער און אַר־בעטער; ווייל אַפילו דאַן, ווען די סעזאָן־אַרבעטער זיינען יושרדיק באַלוינט און באַטייליקן זיך אין די רווחים, האָט דאָך דער עצם פאַקט, וואָס נאָכן פאַרלויף פון אייניקע וואָכן אָדער חדשים זיינען א טייל ארבעטער גע־צוווּנגען צו פאַרלאָזן דעם פלאַץ, ווען אנדערע בלייבן איבער און זיינען באַרעכטיקט אים צו באַטראַכטן אַלס זייער סטאַבילין וווין־אָרט, — אָט דער פאַקט בילדעט א פונאַנדערטיילונג צווישן איין טייל ארבעטער און דעם צווייטן, א פונאַנדערטיילונג, וואָס פאַרלעצט דעם גערעכטיקייטס־געפיל פון די קבוצה־חברים. די יסודות פון דער קבוצישער ווירטשאפט: אבסאָלוטע זעלבסט־ארבעט און די גלייכהייט פון אלע חברים פון דער ווירטשאפט — האָבן געשיינט דערמיט באַדראָט צו ווערן.

דגניה האָט דעריבער פאָרגעשלאָגן דעם משרד ארץ־ישראלי איבער־צולאָזן איר נאָר איין דריטל פון באָדן, וואָס זי האָט באַארבעט, און אויף די באַפרייטע צוויי דריטל צו באַזעצן נייע צוויי קבוצות. די ווירטשאַפטן פון די נייע ישובים דאַרפן סיסטעמאַטיש אינטענסיפיצירט ווערן. זייער פּראָדוקציע וועט דאַרפן אין ערשטער רייע פאַרווענדעט ווערן פאַרן אייגע־נעם געברויך און נאָר דער רעשט וועט קענען פאַרקויפט ווערן. ביים אויפבוי פון דער ווירטשאפט דאַרף געזאָרגט ווערן, אז די פאַרשידענע ארבעטן זאָלן ווי ווייט מעגלעך אין א גלייכער מאָס איינגעטיילט ווערן צווישן אלע חדשים פון יאָר, כדי אזוי ארום אויסצומיידן די באַשעפטיקונג פון צוגאָב־כוחות פאַר סעזאָן־אַרבעטן; אויך דאַרף מען נעמען אין באַ־טראַכט, אז ס׳זאָלן זיין אין א פאַרהעלטניסמעסיק גלייכער מאָס ארבעטס־מעגלעכקייטן פאַר פרויען און מענער.

איינער פון די הויפּט־פעלערס פון די ווירטשאַפטן, וואָס האָבן זיך בעיקר געשטיצט אויף פלחה, איז געווען דער פאַקט, וואָס ס׳איז אין זיי ניט געווען קיין פאַסיקער פלאַץ פאַר פרויען־ארבעט. ווען ס׳זיינען אנטשטאַ־נען די ערשטע קבוצות, איז עס כמעט געווען ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אז דאָס וועלן זיין קאָאָפּעראַטיוון פון יונגע ארבעטער. די ווייניקע בחורות און פרויען, וואָס האָבן געלעבט אין די דאָזיקע קבוצות זיינען על פי רוב ניט געווען קיין גלייכבאַרעכטיקטע חברות, נאָר אָנגעשטעלטע ביי דער קבוצה פאַר הויז־און קיך־ארבעט. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט ניט געקענט

לאנג דויערן. די ארבעטערינס האבן זיך מיט פארביטערונג געווערט קעגן דעם, וואָס מ׳האָט זיי באַטראַכט אַלס צווייטראַנגיקע אַרבעטס־כוחות און וואס מ׳האט באשרענקט זייער ארבעטס־געביט צו יענעם שמאלן קרייז פון די טראַדיציאָנעלע פרויען־ארבעטן, ווי אין דער בורזשואזער ווירטשאפט. גלייכצייטיק, מיט׳ן עלטערן זיך פון די חברים, איז אלע מאל שארפער גע־וואָרן די פראַגע, ווי אַזוי אויפצובויען אַ משפחה־לעבן אין דער קבוצה, דאָס הייסט, ווי אזוי צו שאפן אין דער קבוצה ארבעט פאר דער פארהייראַטער פרוי.

די פאַמיליע־פּראָבלעם אין דער קבוצה

ביים גרינדן פון די ערשטע קבוצות איז די דאָזיקע פראגע געווען פון א קליינער באדייטונג. מוטיקע יונגע לייט, פול מיט אידעאליזם און אָפּטימיזם, האבן זיך צענויפגעשלאָסן אין אַ נייעם משפחה־קרייז, געשטיצט אויף חבר־שאַפט, בשותפותדיקער אַרבעט און גלייכהייט. אין דעם דאָזיקן ציבור, וואָס איז צעמענטירט געוואָרן דורך אַ שטאַרקן ווילן און גייסטיק־עטישע פּרינ־ציפּן, האָט זיך פון יאָר צו יאָר מיט אַ שטארקערן אימפעט ארייגעריסן די מענטשלעכע נאטור מיט אירע געזעצן און פאדערונגען. די יונגע בחורים זיינען אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן, האָבן חתונה געהאַט און געבוירן קינדער. אין ברייטן, אידעאלן פאמיליען־קרייז איז אויפגעשטאנען אַן אינערלעכער ענגערער קרייז פון דער נאַטירלעכער פאַמיליע, און דיביידע האבן זיך פארפלאנטערט און קעגנזייטיק געשטערט.

שוין די געשפאַנטע שטימונג צווישן די דאזיקע קרייזן האט געפירט צו אינערלעכע קאָנפליקטן און רייבונגען, וואָס האָבן געדראָט דער אינער־לעכער געשלאסנקייט פון דער קבוצה. צו דעם איז נאך צוגעקומען די ווירטשאפטלעכע זייט פון דער משפחה־פראבלעם. קודם־כל האט זיך דאס אויסגעדריקט אין דער פראגע פון דער פרויס שטעלונג און איר ארבעט אין דער קבוצה. די פראגע האָט געקאָנט פארענטפערט ווערן דורך איינפירן און אנטוויקלען נייע לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן, וואס וואלטן אויך דער פרוי דערמעגלעכט זיך צו באשעפטיקן מיט פראדוקטיווער ארבעט. די לאגע איז אבער שווערער געווארן נאכדעם, ווי ס׳זיינען געבוירן געווארן קינדער. אויב די מוטער וועט דארפן זאָרגן פאר אירע קינדער — ווי אזוי וועט זי זיך קענען באטייליקן אין ארבעטן פון דער ווירטשאפט? און אויב זי וועט דאָס ניט טון, ווער וועט זי מיט אירע קינדער אויסהאלטן? עס איז דאך נאך געווען גילטיק דער פרינציפּ, לויט וועלכן מ׳האט יעדן ארבע־טער צוגעטיילט זיין לוין און די עווענטועלע ריוחים לויט זיינע לייסטונ־גען, ניט רעכנענדיק זיך מיט זיין פאמיליע־צושטאנד. און ווידער, אויב די

מוטער וועט ווייטער דארפן ארבעטן אין דערווירטשאפט גלייך מיט אלע חברים, כדי זיך דערוועבן דאס רעכט אויף לוין און אנטייל אין די פאר־דינסטן, ווער וועט אויף זיך נעמען די פלעגע און דערציונג פון די קינדער?
די דאזיקע פראגע פון דערציונג האט זיך נאך מער פארשארפט מיטן וואקסן פון דער צאָל קינדער. פון אָנהויב זיינען אין יעדער קבוצה געווען ווייניק משפחות מיט קינדער, און ס'איז דאָך געווען אוממעגלעך, אַז נאָר זיי אַליין זאָלן באַלאַסטעט ווערן מיטן שכר־למוד; אָבער צי האָט מען געקאָנט פאַר־לאַנגען פון די איבעריקע קבוצה־חברים, אַז זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין הוצאות, צו וועלכע זיי האָבן קיין שייכות ניט?
שוין דער אופן ווי די פראגע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן באוויזט, אַז עס האָט נאָך דאַן געפעלט געשלאָסנקייט און איבערלעכע גאַנצקייט אין דער סטרוקטור פון די קבוצות. דער ערשטער פרווו צו געפינען אן אויסגאנג פון פלאָנטער איז געמאכט געווארן דורך י ו ס ף ב ו ס ל פון דגניה. ער האט באוויזן, אז די לאגישע מסקנה פון דער פארווירקלעכונג פון קאלעקטיוויס־טישן געדאנק אין לעבן פאדערט, אז די פלעגע און דערציונג פון די קינדער זאלן באטראכט ווערן אלס בשותפותדיקע פליכט פון דער גאנצער קבוצה, און אז די קינדער דארפן געמיינזאם דערצויגן ווערן, אלס נאטירלעכע פאַרזעצער פון קבוצישן געדאנק און קבוצישער ווירטשאפט. אויף אזא אופן וועלן די מוטערס, וואָס וועלן באַפרייט ווערן פון דער אוממיטלבאַרער זאָרג פאר זייערע קינדער, קענען זיין באשעפטיקט אין דער ווירטשאפט גלייך ווי אַלע איבעריקע חברים. דאָס איז געווען אַ נייער און דרייסטער געדאַנק. ס'האָט געדויערט אַ לענגערע צייט, ביז די דאָזיקע מיינונג האָט זיך אַדורכ־געשלאָגן אין דער קבוצישער ווירקלעכקייט. די ערשטע קבוצה, וואס האט דעם געדאנק אויפגענומען, איז געווען דגניה. אמשטארקסטן איז ער באַ־קעמפט געווארן דוקא דורך די פרויען זעלבסט, וועלכע האבן אין אים געזען אַ דורכברוך אין דער מויער פון דער דורות־לאַנגער טראַדיציע פון קינדער־דערציונג דורך דער משפחה; זיי האבן מורא געהאט, אז ס'זאל ניט איבער־געריסן ווערן די שטארקסטע פארבינדונג פון דער מענטשלעכער געזעל־שאפט, דער משפחה־בונד, לטובת אַ נסיון, וואס זיין הצלחה איז נאך געווען צווייפלהאפט.
איידער די דאָזיקע לעזונג איז אָנגענומען געוואָרן, האָט יעדע קבוצה געפרוווט אויף אייגענער האנט צו לעזן די פראגע. אין גן־שמואל, למשל, האט יעדע משפחה געפירט אַ באזונדערע קיך און הויזווירטשאפט. אין בן־שמן האָט מען די משפחות איבערגעלאָזט אין דער אַלגעמיינער קיך און ווירטשאפט פון דער קבוצה, אבער מ'האט די פארהייראטע חברים געגעבן אַ מאנאטלעכע הוספה פאר פרוי און קינד, כדי זיי זאלן קענען דעקן די

פארגרעסערטע הוצאות אין דער ארבעטער־קיך. אין פארשידענע ערטער האָט מען געקלערט אויסצוטיילן באַשטימטע ווירטשאַפטס־צווייגן, ווי למשל, גרינסן־גערטנעריי און הינער־צוכט, פון דער אלגעמיינער קאלעק־טיווער ווירטשאפט און זיי איבערגעבן די משפחות אלס פריוואט־ווירטשאפט.

די אלע שוועריקייטן: די הארבע פראבלעם פון דער משפחה און דערציִונג,די ווירטשאפטלעכע שוועריקייטן, וואס האבן געפאדערט נאך אַ סך יארן כדי זיי בייצוקומען, ווי אויך די פיזישע דערשעפונג פון פיל אר־בעטער, וואס איז געווען פאראורזאכט דורך די ליידן פון דער מלחמה, — די אלע שוועריקייטן האבן גורם געווען צו אן אינערלעכער פארלעגנהייט אין די קבוצות און צו וואַקלעניש אין זייער צוזאַמענשטעל. אַ טייל פון די קבוצות האבן זיך צוזאמענגעבראכן אונטער דער לאסט פון די גרויסע אויפ־גאַבן. צווישן די געליטענע איז אויך געווען דער גרעסטער און חשובסטער לאנדווירטשאפטלעכער קאאפעראטיוו — מרחביה. נאך שווערע קריזיסן איז ער אויפגעלעזט געווארן אין יאר 1919. זיין באדן איז נאכדעם באארבעט געווארן דורך פארשידענע קבוצות, און אין 1929 האט אים איבערגענומען אַ קבוצה פון „השומר הצעיר".

דער געדאַנק פון מושב עובדים

די ניט־געלעזטע משפחה־פראבלעם אין דער קבוצה, ווי אויך אנ־דערע פראגן, האבן געשטויסן די ארבעטער צו זוכן אנדערע קאלאניזאציע־פארמען. שוין ביים אנהייב פון איר אנטשטיין, זיינען די אַנשויונגען בנוגע דער קבוצה געווען פאַרשידן. ניט נאָר אין די בירגערלעכע ציוניסטישע קרייזן האָט מען געצווייפלט, צי די קבוצה וועט קענען עקזיסטירן אלס א סטאַ־בילע פאָרם פאר דער ציוניסטישער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע. אויך צווישן די אַרבעטער האָט די קבוצה אָנגעטראָפן אויף אַ געוויסער קעג־נערשאפט. די וויכטיקסטע טענה קעגן דער קבוצה איז געווען, אז זי אונ־טערדריקט צו פיל די פרייהייט פון יחיד.

די אנהענגער פון דער דאזיקער אנשויונג האבן בארעכטיקט די עקזיסטענץ פון דער קבוצה אַלס אַ וויכטיקע איבערגאַנגס־פאָרם פאַר דער דעראָבערונג פון נייעם באַדן, פאַר דער הכשרה פון ניט־דערפאַרענע אַרבע־טער און פאר דער אויספירונג פון אויפגאבן, וואס זיינען באגרענעצט און זייער צייט; אבער זיי האבן ניט געהאלטן, אז די קבוצה איז פעיק צו פאר־בינדן דעם יחיד אויף תמיד און אויף אַ נאַטירלעכן אופן מיט דער ערד און צו דערמעגלעכן זיין איניציאַטיוו בשלמות. די דאָזיקע שטרעמונג איז גע־וואקסן אין דער זעלביקער מאס, אין וועלכער ס'איז געוואקסן די צאל פא־

מיליעס און קינדער צווישן די ארבעטער, — טיילוויייז, ווייל די קבוצות, ווי שוין דערמאנט, האבן ניט געפונען אין אנהייב קיין לעזונג פאר דער פאמיליע־פראבלעם, און טיילווייז צוליב דער קאלעקטיווער דערציונגס־סיסטעם פון די קינדער אין די קבוצות, מיט וועלכער אַ סך עלטערן האבן ניט געקענט שפעטער משלים זיין. דערפאר האבן די דאזיקע מענטשן געהאלטן פאַר מער פאסיק צו גרינדן דערפער מיט קליינע אינדיווידועלעווירטשאפטן, אַ פאָרם, וואָס איז שוין אויסגעפרווווט געוואָרן דורך דער ווירקלעכקייט.

דער ויכוח ארום דער דאזיקער ווירטשאפטס־פארם האט שוין עקזיסטירט אין דער צייט, ווען ס׳זיינען געמאכט געווארן די ערשטע פרווון צו באזעצן ארבעטער, אלס האלב־און פערטל־קאלאניסטן אין דער שכנות פון קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך געגייטיקט אין פרעמדע ארבעטס־הענט.

נאָך אין 1909 איז אויפגעשווומען די פראַגע אין די אַרבעטער־קרייזן, צי די דאָזיקע פאָרם וועט באווייזן צו פארבינדן די ארבעטער צו זייער ארבעטס־פלאץ, און די ספקות, וואס זיינען דאן אויסגעדריקט געווארן, האָבן פון איין זייט געבראַכט צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער קבוצישער קאָלאָניזאַציע־פאָרם, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי אַרויסגערופן אַ ויכוח וועגן דער גרינדונג פון לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער־ישובים, געשטיצט אויף אינדיווידועלער ווירטשאפט. דער ערשטער וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע איז געווען י צ ח ק ו ו י ל ק אַ נ ס ק י. אין אַ רייע גרונטלעכע ארטיקלען אין וואכנבלאט „הפועל הצעיר״, האט ער באגרינדעט דעם געדאנק, אז די שיטה און ציל דארפן געענדערט ווערן. דער ציל דאַרף זיין ניט די שאַפונג פון ישובים פאַר לוין־אַרבעטער, נאָר „מושבי עובדים״ — אויך דער באגריף איז דורך ווילקאנסקין באנייט געוואָרן — דאָס הייסט זעלבסטשטענדיקע און אויף אייגענער אַרבעט אויפגעבויטע קליינפויערן־דערפער, און אַנטשפרעכנד צו דעם דארף באשטימט ווערן דער באדן־שטח פאר יעדער משפחה. דער באדן דארף זיי ניט געגעבן ווערן אלס אייגנטום, נאָר פארפאכטעט ווערן ביים קק״ל; דער באָדן דאַרף פריער אַמעליאָרירט און צוגעגרייט ווערן צום באַאַרבעטן. אין דער ערשטער רייע דארפן פראָדוצירט ווערן פראָדוקטן פארן אייגענעם געברויך און פארן היימישן מארק.

באשלוסן אין אָט דעם גייסט זיינען נאָך פאר דער מלחמה אָנגענומען געוואָרן אויף דער דריטער און פערטער קאָנפערענץ פון די לאַנדווירטשאפטלעכע ארבעטער (1913—1914). זייער פארווירקלעכונג איז אויפגעהאַלטן געוואָרן צוליב דער מלחמה, אָבער דוקא אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך דער געדאַנק ווייטער אַנטוויקלט און אין פאַרשידענע ערטער זיינען אַנטשטאַ־

נען גרופן, וואָס האָבן געטרוימט וועגן געמיינזאַמער קאָלאָניזירונג אין אַזעל־כע מושבים אין א צייט ארום. ביים סוף פון דער מלחמה, ווען די ארבעטער, וואָס זיינען געווען דערמונטערט צוליבן אויסהאַלטן די שווערע מלחמה־יארן און וואס האבן געווארט אויף דער נייער עליה, האבן באהאנדלט די צילן פון זייער צוקונפטיקער קאלאניזאציע־פאליטיק, איז שוין פאר פיל פון זיי געווען קלאר, אז פאר זיי קומט אין באטראכט נאר אַ לאנדווירטשאפט־לעכר ישוב, וואס איז געשטיצט אויף אן אינדיווידועלען באזיס. אין דער זעלביקער צייט (1919) האט א ל י ע ז ר י פ ה פארעפנטלעכט אַ קליינע בראָשור „וועגן דער גרינדונג פון מושב עובדים״, אין וועלכער ער אַנאַלי־זירט די עקזיסטירנדיקע קאלאניזאציע־פארמען, שטעלט פעסט די הויפט־פרינציפן פון געזונטע מושבי עובדים און פרווט אָנצייכנען די פרטים פון זייער אויפבוי.

די יסודות פון מושב עובדים

די הויפט־יסודות פון מושב־עובדים, וואָס זיינען אויפגעקלערט און קריסטאליזירט געווארן נאך צאָלרייכע דיסקוסיעס, לויט באשלוסן פון די ארבעטער־אָרגאַניזאציעס, זיינען געווען: זעלבסט־ארבעט, קאָלאָניזאציע אויף נאַציאָנאַלן באָדן און קעגנזייטיקע הילף. זעלבסט־אַרבעט האָט באַדייַ־מעט — די אויספירונג פון אַלע אַרבעטן אין דער ווירטשאַפט אָן דער הילף פון פרעמדע, אַפילו ניט פון יידישע אַרבעטער. דער אַרבעטער און זיין משפחה דאַרפן די ערד אַליין באַאַרבעטן, און צוליב דעם דאַרף צו זיין רשות געשטעלט ווערן אזא באדן־שטח, וועלכן ער זאל קענען באהערשן אָן דער הילף פון לוין־ארבעט, און אין וועלכן ער זאל ביי נארמאלע פראָ־דוציר־באדינגונגען קענען געפינען זיין גענוגענדע חיונה. אין דער מאָס וואָס די ווירטשאַפט וועט זיך אַנטוויקלען און אינטענסיפיצירט ווערן, דאַרף דער באדן־שטח, וואס איז צוגעשטעלט געווארן די חברים פון די מושבים, פאַרקלענערט ווערן און באַפרייט ווערן פאַר נייע קאָלאָניסטן. די קאָלאָני־זאציע דארף דעריבער געמאכט ווערן אויף באדן, אויף וועלכן דער קאלא־ניסט וועט נאָר באַקומען אַ באַנוצונגס־רעכט און ניט קיין אייגנטומס־רעכט. אין קעגנפאל וועט ער קענען עובר זיין אויף די פעסטגעשטעלטע פרינציפן און פאַרקויפן זיין חלק, ווען ס׳וועלן זיך אים טרעפן לייכטערע פאַרדינסט־מעגלעכקייטן אין דער שטאט. דאס אלץ קען אויסגעמיטן ווערן דורך דער נאציאָנאליזירונג פון באָדן. צולים דעם, וואָס דער קאָלאָניסט וועט באקומען נאר א באנוצונגס־רעכט אויפן באדן, וועט ער שוין פון אָנהייב אָן אים ניט קענען באטראכטן אלס אַ סחורה, וואס גייט איבער פון האנט צו האנט אין צייטן פון גוטער קאָניונקטור. גלייכצייטיק וועט דער קק״ל, אַלס באָדן־אייגנטימער, קענען שטעלן אַלס תנאי פאַרן געבן דאָס באַנוצונגס־רעכט דאָס

דערפילן די פעסטגעשטעלטע פרינציפן, און דער קק״ל וועט קענען צוריק־ציען דאס רעכט אין פאל פון ניט־מקיים זיין די פרינציפן. אין קעגנזאץ צו דער אנגענומענער אָנשויונג, אז נאר דאס פריוואט־אייגנטום פארבינדעט דעם מענטש שטאַרק מיטן באָדן, איז דוקא דורך דער נאַציאָנאַליזירונג פון באדן און זיין פארפאכטונג דערמעגלעכט געווארן דעם קאלאניסט מיטן באָדן זיך ענג צו פאַרבינדן.

דער אופן פון דער אַרבעט — און דאָס איז לכתחילה געווען דער הויפּט־געדאנק פון דעם מושב־עובדים — דארף זיין אַן אינדיווידועלער. די גרינדער פון מושב עובדים האבן געהאלטן אז נאר די אינדיווידועלע ארבעט וועט דערמעגלעכן יעדן פּרט אומגעשטערט צו אנטפלעקן זיינע פעאיקייטן, נאר זי וועט אין אים דערוועקן איניציאטיוו און וועט דערמעגלעכן דאס נאטירלעכע פונאנדערוואקסן פון זיין משפחה און איר איינגלידערונג אין דעם דארפישן לעבן. נאר אויף דעם יסוד וועט אויפוואקסן אַ דור פון פרייע, מוטיקע און געזונטע מענטשן, וואָס איז דער אייגנטלעכער ציל פון דער ציוניסטישער רענעסאנס־באוועגונג.

טראָץ דעם וועזנטלעכן אונטערשיד צווישן דער געפּלאַנטער נייער קאלאניזאציע־פארם און דער קבוצה, איז זי דאך ניט קיין קאלאניזאציע פון יחידים אין געוויינטלעכן זין פוןווארט. דער קויף און פארקויף פון דער פּראָדוקציע דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן אין מושב עובדים אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות. אלע חברים פון מושב, אָן אונטערשיד פון דער גרויס פון דער משפחה און פון דער צאָל קינדער, דארפן אין א גלייכער מאָס אויסהאלטן די געזעלשאפטלעכע דאָרפס־אינסטיטוציעס, ווי למשל, די שול. א וויכטיקן אָרט צווישן די געזעלשאפטלעכע איינריכטונגען דארף פארנעמען די ארגאַניזירטע זעלבסטהילף אין פאל פון פערזענלעכע אוןווירטשאפטלעכע אומגליקן. די דאזיקע אינסטיטוציעס דארפן דערלאנגען די נויט־באדערפטיקע חברים די פולסטע הילף אין דער פאָרם פון אַרבעט, שפּייז און געלט און אויף אזא אופן אָפּהיטן די ווירטשאפט פון פאראַרעמונג און חורבן.

די בראשור פון אליעזר יפה האט ארויסגערופן גרויס אינטערעס צווישן דער א״י־דיקער ארבעטערשאפט. דער מושב האט ארויסגעשטעלט די פּאָדערונג אַנערקענט צו ווערן אַלס גלייכוועריקער מיט דער קבוצה, וואָס איז ביז איצט באטראכט געווארן אלס די בעסטע קאלאניזאציע־פארם. דער ויכוח ארום דער צוקונפטיקער קאלאניזאציע־פארם האט זיך זייער פאר־שארפט צוליבן מאנגל פון באדן און מיטלען אויף אויסצופּרווון למעשה דעם נייעם טיפּ, מושב עובדים. אַ גרויסע אויפלעבונג און נייע ניואַנסן אין ויכוח האט אריינגעבראכט די נייע עליה־באוועגונג, וואס האט זיך אין יענער צייט אָנגעהויבן, — די אזוי גערופענע דריטע עליה.

די דריטע עליה

„החלוץ"

מיטן נאָמען „דריטע עליה" באַצייכנט מען די עליה פון חלוצים, באַזונדערס פון מזרח־אייראָפּע, וואָס איז געווען דער קערן פון דער יידישער עליה צווישן די יאָרן 1919—1923. זיי האָבן זיך באַטראַכט אַלס די נאָכפאָלגער פון דער צווייטער עליה, און אין דעם גייסט זיינען זיי באַוווסטזיניק דורך אירע אנפירער דערצויגן געוואָרן. אין 1915 האָבן די פּאַרטריבענע פון ארץ־ישראל אָנפירער פון „פּועלי־ציון", ד. בן־גוריון און י. בן־צבי, געגרינדעט אין צפון־אַמעריקע די ערשטע גרופּן פון „החלוץ", וואָס האָבן געדאַרפט דינען אַלס אַרבעטס־אַרמיי פאַר ארץ־ישראל (אין 1917 האָבן זיי זיך פאַר־אייניקט מיטן יידישן לעגיאָן); דורכן אָנגעמען דעם עול פון דיסציפּלין, דורך לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה און דורך לערנען די העברעאישע שפּראַך האָבן די „החלוץ"־חברים געדאַרפט זיך מכשיר זיין אַנטיילצונעמען אין אויפבוי פון לאַנד אין גייסט פון די אידעאַלן פון דער צווייטער עליה.

איינצעלנע גרופּן מיט אַן ענלעכן ציל זיינען אין 1917 אַנטשטאַנען אין רוסלאַנד. זייער אָרגאַניזירונג און צוזאַמענשליסונג האָט זיך, זייט זומער 1917, געווידמעט דער באַגייסטערטער ציוניסט־סאָציאַליסט **יוסף טרומ־פּעלדאָר**, אַ מענטש פון אַ זעלטענעם מוט, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון אַ טיפן גלויבנס־קוואַל. אין 1917 איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער יונגער חלוצישער באַוועגונג אין אוקראַינע. גלייכצייטיק מיט די צוויי באַוועגונגען אין צפון און אין דרום־רוסלאַנד זיינען אויף אַ ספּאָנטאַנען אופן אַנשטאַנען חלוצישע גרופּן אין פּוילן און באַלד נאָך דעם אין ליטע, רו־מעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי, עסטרייך און דייטשלאַנד. אין יאָר 1921 האָבן זיך די אַלע אָרגאַניזאַציעס צוזאַמענגעשלאָסן (אויף דער וועלט־קאָנפערענץ אין קאַרלסבאַד) אין אַ וועלט־באַוועגונג. זיי האָבן אַלע געהאַט בערך דעם זעלבן פּראָגראַם, דהיינו: אַנשליסן זיך אין דעם „אַרבעטנדיקן ישוב" אין ארץ־ישראל, לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה און דערלערנען העברעאיש. אָבער די דאָזיקע דריי סעיפים שעפּן ניט אויס דעם עצם געדאַנק פון „החַ־

לוץ". דער עיקר־געדאַנק פון „החלוץ" איז די „הגשמה עצמית" — די זעלבסט־פאַרווירקלעכונג. עס איז אַ באַוועגונג פון יונגע מענטשן, וואָס ווילן פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם מיט די אייגענע כוחות, דורך פּערזענ־לעכע אַנשטרענגונגען; אַ באַוועגונג פון אַרבעטס־סאָלדאַטן, וואָס זיינען מוכן ומזומן אויסצופירן יעדע אַרבעט וואָס קען ברענגען נוצן דעם לאַנד; און אַ באַוועגונג פון מענטשן, וואָס ווילן אויפבויען ארץ־ישראל אַלס אַר־בעט־און שאַפונגס־היים פאַרן יידישן פאָלק אויף יסודות פון גערעכ־טיקייט, פרייהייט און זעלבסטהילף.

דער דאָזיקער געדאַנק איז אַן־און־פאַר־זיך ניט געווען קיין נייער: שוין די ביל"ויים זיינען געווען זיינע פאָן־טרעגער; די צווייטע עליה האָט אים פאַרוואַנדלט אין איר צענטראַל־געדאַנק; פון אירע הענט האָט אים איבערגענומען דער דור פון אירע נאָכפאָלגער, די מענטשן פון דער דריי־טער עליה. אָבער אויב ביז איצט האָט דער געדאַנק געדינט אַלס וועג־ווייזער בלויז פאַר אַ באַגרענעצטער צאָל מענטשן, וואָס זיינען עפ"י רוב גע־קומען אין לאַנד אַריין אַלס יחידים, — איז איצט צו זיין פאַרווירקלעכונג אַנטשטאַנען אַ געשלאָסענע אַלוועלטלעכע באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענו־מען טויזנטער, און אין אַ קורצער צייט אַרום — צענער טויזנטער, חלוצים פון אַלע לענדער אין דער גאַנצער וועלט, און באַזונדערס פון מזרח־אייראָפּע, מענטשן, פאַר וועלכע דער ציוניזם איז געווען ניט בלויז אַ אידיי, וואָס דאַרף אַמאָל רעאַליזירט ווערן, נאָר אַ קאָנקרעטע אויפגאַבע וואָס דאַרף ווי אַמשנעלסטן מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און מסירות־נפש דורך זיי אַליין פאַרווירקלעכט ווערן. ס'איז אודאי ניט קיין בלויזער צופאַל, אַז דער פזמון, וואָס איז יענער צייט געווען שטאַרק באַליבט צווישן די חלוצים, האָט אַנטהאַלטן דעם באַקאַנטן שפּריכוואָרט פון הלל, וועלכן פינסקער האָט אויפגעשריבן אַלס מאָטאָ פון זיין „אויטאָעמאַנציפּאַציע": „אם אין אני לי מי לי? ואם לא עכשיו — אימתי?". און אַזוי איז דער „החלוץ" געוואָרן אַ באַוועגונג, וואָס האָט דורכגעבראָכן די מויערן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פאַרוואַנדלט — לויט דער פאָרמולירונג פון ביאַליק — אַ באַוועגונג פון ווילן און בענקשאַפט אין אַ באַוועגונג פון מוטי־קער און זעלבסטפאַראַנטוואָרטלעכער טאַט.

דורך פאַרשידענע און משונה'דיקע וועגן, אין באַדינגונגען פון אומ־ענדלעכע יסורים און דחקות, וואָס האָבן אָוועקגעלייגט פיל פון די חלוצים, זיינען די ערשטע גרופּן עולים, זייט אָנהויב פרילינג 1919 געקומען אין לאַנד אַריין, נאָך איידער זיינע טויערן זיינען אָפיציעל געעפנט געוואָרן.

אָנהויבנדיק פון סעפּטעמבער 1919 ווייזט די אָפיציעלע סטאַטיסטיק אַ מאָנאַטלעכע עליה פון אייניקע הונדערטער מענטשן; די דאָזיקע צאָל

וואַקסט פון מאָל צו מאָל, אזוי אז זומער 1920 און אָנהייב פון פרילינג 1921 שטייגט זי שוין איבער די גרענעץ פון טויזנט א חודש. סך־הכל זיינען אין די יאָרן 1919—1923 אין לאנד אריין 34119 עולים:

אין יאָר 1919 — 804 עולים; 1920 — 8,223; 1921 — 8,294; 1922 — 8,625; 1923 — 8,175.

ניט אלע עולים פון דער צייט זיינען געווען חלוצים. א גרויסע צאָל פון צווישן זיי זיינען אַנטלאָפן פון פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין זייערע וווינערטער און האָבן זיך ניט פאַרגעשטעלט וואָס זיי דערוואַרטן פון ארץ־ישראל און וואָס דאָס לאנד פארלאנגט פון זיי. פאר אַ טייל פון זיי האָט ארץ־ישראל געדינט נאָר אלס טראנזיט־לאנד צו אנדערע אויסוואַנדערונגס־לענדער. אָבער דער עיקרדיקער חלק פון דער דאָזיקער עליה איז באשטאנען פון יונגע מענטשן — ניט וויכטיק צי זיי האָבן אָפיציעל אָנגעהערט צום „החלוץ" אָדער ניט, — וואָס זיינען געקומען אין לאנד אריין אלס אמתע חלוצים מיט אַ שטארקן אויפבוי־ווילן און מיט אַ פולער פארשטענדעניש פאר דער אויפגאבע, וואָס וואַרט אויף זיי.

די דאָזיקע חלוצים, יעדנפאלס די ערשטע פון צווישן זיי, זיינען ניט געקומען אין לאנד אריין, ווייל מ'האָט זיי דערצו אויפגעפאָדערט אָדער דער־מוטיקט. אין קעגנטייל: אלע אָפיציעלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס זיינען דעמאָלט געווען קעגן דעם פריצייטיקן אָנהייב פון דער עליה פון מיטללאַנד עלעמענטן. די אינסטיטוציעס האָבן געהאלטן, אז ס'האָט ניט קיין זין צו ברענגען קיין ארץ־ישראל מענטשן, פאר וועלכע ס'זיינען נאָך ניט געשאפן געוואָרן קיין אַרבעטס־מעגלעכקייטן. אַזאַ עליה וועט נאָר פאַרגרעסערן די עקזיסטירנדיקע אַרבעטסלאָזיקייט און וועט פאַרשטאַרקן די קעגנערשאַפט פון דער מיליטערישער פארוואלטונג צו דער איינוואנדערונג. פארשידענע פאַקטאָרן האָבן געווירקט קעגן די דערמאָנטע עצות און וואָרנונגען, און יונגע ארבעטס־חלוצים האָבן ווייטער מיט אַ פאַרגרעסערטן כוח געשטראָמט אין לאנד אריין, ניט קוקנדיק אויפן קרבנותפולן וועג, וועלכן זיי האָבן געמוזט דורכמאכן. איינער פון די דאָזיקע קעגנווירקנדיקע פאַקטאָרן איז געווען די אויסוועגלאָזיקייט פון גלות. דער שווארצער און טיפער תהום, וואָס האָט געלויערט אויפן יידישן לעבן אין דער וועלט, איז געוואָרן אלע מאָל בולטער. די פּאָגראָם־כוואַליע וואָס האָט אויסגעבראָכן אין רוסלאנד אין די יאָרן 5—1903, איז געווען ווי אַ קינדער־שפּיל אין פארגלייך מיט די אכזריות־דיקע מאַסן־שחיטות פון פעטליורעס און דעניקינס צעווילדעוועטע מיליטע־רישע באַנדעס. די גרויסע יידן־נויט אין מזרח־אייראָפּע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פעסטן ווילן צו מעשים פון אַן אויסגעפּרוווטן דור, אַ פאַרהאַרטעוועטן אין מלחמות און רעוואָלוציעס. די שאַפונגס־כוחות פון דעם דור זיינען צו

לאַנג געווען געפּענטעט אין די שוצגראַבנס און אין די לענדער, וואָס זיינען געווען אַרומגערינגלט מיטן מלחמה־פראָנט, כדי זיי זאָלן זיך לאָזן ווידער אויף אַן אומבאַגרענעצטער צייט צוימען. די דאָזיקע יוגנטלעכע, וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון זייער באַרוף, היימלאַנד און משפּחה, האָבן דוקא אין דער מלחמה און בשעת דער רעוואָלוציע געלערנט, אַז מען קען דורך אייגענער טאַט צוקומען צו נאָך גרעסערע דערגרייכונגען, אויב די נויט פאָדערט אַזאַ רעוואָלוציאָנערע האַנדלונג. צו אַזאַ רעטונגס־אַרבעט זיינען זיי אויפגעפאָדערט געוואָרן דורך דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך געפילט ענגער פאַרבונדן ווי מיט די בירגערלעכע ציוניסטן אָדער מיט די אָפיציעלע ציוניסטישע צענטראַלע אינסטיטוציעס אין גלות. די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער און זייערע פאַרבאַנדן, באַזונדערס דער „הפועל הצעיר״, צוזאַמען מיט די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען און „החלוץ״־אָרגאַניזאַציעס אין גלות — זיינען עס געווען די, וואָס האָבן אָרגאַ־ניזירט די עליה אַקעגן ווילן פון די אָפיציעלע עליה־אַמטן, און צום סוף האָבן זיי צו דער טעטיקייט אויך צוגעצויגן די „ארץ־ישראל־אַמטן״ (משרדים ארץ־ישראליים). זיי האָבן דאָס געטון אויס איבערצייגונג, אַז דער ארץ־ישראלדיקער ישוב מוז אויפגעפרישט ווערן דורך אַ באַלדיקן צושטראָם פון נייע און יונגע כוחות, און אַז נאָר אונטערן דרוק פון דער געבענטשטער טאָט וועט עס דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געלינגען צו מאַכן אַ סוף צו די לאַנגדויערנדיקע דיסקוסיעס און אָנהויבן אַ ממשותדיקע אַרבעט. זיי האָבן פון פאָרויס געוווּסט, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק וועט פון די יונגע עולים פאָדערן אַ סך קרבנות און טראָץ דעם האָט זיי דאָס ניט אָפּגעשראָקן. האָבן זיי אַליין דען ניט גענוג געליטן? צי קען אַ פאָלק אויפבויען אַ לאַנד אָן יסורים און קרבנות? אַזוי ווי די צווייטע עליה פון פאַר דער מלחמה, און אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס, האָבן די התלהבותדיקע און צו־קרבנות־גרייטע מענטשן פון דער דריטער עליה געהאָלפן צום קיום פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע אין אַן איבערגאַנגס־צייט, האָבן אָפּגעראַטעוועט דאָס ציוניסטישע אויפבוי־ווערק און האָבן עס אין אַן אַנטשיידענער מאָס געפירט פאָרויס.

תל־חי

אלס כאראקטער־שטריך פאַרן מהות פון דער דריטער עליה קען דינען דער פאַקט, אַז זי האָט באַקומען אַ גאָר גרויסע שטויסקראַפט דוקא פון אַ געשעעניש, וואָס וואָלט איינוואַנדערער פון אַן אַנדערער קאַטעגאָריע גע־בראַכט צום אָפּזאָגן זיך פון זייער שטרעבונג. מיר מיינען דאָ — די געשע־ענישן אין תל־חי.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, זיינען אין דעם סאַמע צפון׳דיקן

טייל פון דעם גליל עליון אין די מלחמה־יאָרן געגרינדעט געוואָרן אייניקע קבוצות, וואָס האָבן געזאָלט, לויטן פּלאַן פון זייערע גרינדער, דינען אלס וואַכפּונקטן צו פאַרטיידיקן די גרענעצן. אין סוף 1919 האָבן זיי זיך פלוצים געפונען אָפּגעריסן פון דעם איבעריקן ישוב. די מיינונגס־פאַרשידנהייטן צווישן דער ענגלישער און פראַנצויזישער רעגירונג וועגן דער פעסטשטעלונג פון דער צפון־גרענעץ פון סיריע (וואָס האָט זיך געפונען אונטער פראַנצויזישער שוץ) און די ניט־קלאָרקייט פון דעם פּאָליטישן גורל פון מתולה־באַצירק, האָבן גורם געווען דערצו, אַז דאָס פראַנצויזישע מיליטער האָט זיך פון דאָרט צוריקגעצויגן, איידער דאָס ענגלישע איז אויף זיין אָרט אריינגעקומען. דער באַצירק איז געוואָרן הפקר פאַר בעדואינישע באַנדעס, וואָס זיינען טיילווייז אָרגאַניזירט און באַוואָפנט געוואָרן דורך דמשק, וואָס האָט דעמאָלט געדינט אַלס צענטראַלע פון דער פּאַן־אַראַבישער באַוועגונג, און טיילווייז האָבן זיי פשוט אויסגענוצט די גוטע געלעגנהייט פאַר רויב־צוועקן. דער גרעסטער טייל פון די יידישע קאָלאָניסטן האָבן פאַרלאָזט די געגנט, און נאָר אַ קליינע אַרבעטער־גרופּע פון תל־חי און כפר גלעדי מיט יוסף טרומפּעלדאָר בראש האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די אָפּטע און שטאַרקע אַראַבישע אַנפאַלן. אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון פיל איינפלוסרייכע קרייזן אין ישוב, אַז ס'איז נוצלאָז און פּאָליטיש אומקלוג זיך אריינצולאָזן אין בלוטיקע צוזאַמענשטויסן מיט די אַראַבער, האָבן די דאָזיקע אַרבעטער געטענה'ט, אַז ס'וועט זיין אַ באַליידיקונג פאַרן נאַציאָנאַלן כבוד און ענדלעך אויך אַ פּאָליטישער פעלער אויב די יידן וועלן פאַרלאָזן זייערס אַ קאָלאָניזאַציע־פונקט אָן פאַרטיידיקונג. צוליב דעם האָבן זיי באַשלאָסן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט די פונקטן צו שיצן. דער „ועד זמני" (די רעפּרעזענטאַנץ פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל אין יענע צייטן) האָט מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די פאַרטיידיקער. אויף זיין גורל־דיקער זיצונג אין דער פראַגע זיינען נאָר די אַרבעטער־פאָרשטייער און מנחם אוסישקין געווען פאַר אַ באַלדיקער הילפס־אַקציע. צוויי חדשים האָט אַ קליין הייפעלע אַרבעטער און אַרבעטערינס העראָיש געקעמפט אין שווערע נויט־באַדינגונגען און ביי שטייגנדיקע קרבנות פון מענטשלעכע לעבנס. י"א אדר תר"פ (1.3.1920) זיינען זיי אָנגעגריפן געוואָרן דורך שטאַרקע כוחות, טרומפּעלדאָר און זיינע פינף חברים, צווישן זיי צוויי חברות, זיינען געפאַלן אין קאַמף; דער רעשט פון דעם קליינעם גאַרניזאָן האָט געמוזט דעם פּלאַץ פאַרלאָזן.

די געשעענישן אין תל־חי האָבן געווירקט אויף די יונגע מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַרגעברייט צו דער עליה. אויב ביז איצט האָבן זיי נאָך זיך צוגעהערט צו די וואָרנונגען, אַז אַ פריצייטיקע עליה קען, כביכול, שאָדן

ברענגען דעם ניט־פּאַרגעברייטן לאַנד, — איז איצט קלאָר געוואָרן, אַז דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין זיי תיכף ומיד, אז עס פאָדערט זייער גרייטשאפט צו ארבעט, פאַרטיידיקונג און קרבנות. נאָר ווייל דער ישוב איז אזוי קליין אין צאָל און אָרעם אין כוחות האָבן געקאָנט פאָרקומען אזעלכע איבערפאַלן; דערפאַר, וואָס ער האָט זיך צו פיל געשטיצט אויף דער פאַרטיידיקונג פון אנדערע — איז ער געשעדיקט געוואָרן. אזוי ווי אין די צייטן פון דער צווייטער עליה, האָט איצט אין נאָך אַ גרעסערער מאָס די נויט פון לאַנד משפּיע געווען אויף דער פארשטארקונג פון דער חלוצישער עליה. און די דאָזיקע נויט האָט זיך אין די קומענדיקע חדשים אנטפּלעקט אין איר גאנצער שאַרפקייט: צווישן 4־טן און 6־טן אפּריל 1920 האָט אַן אונטערגעהעצטער און פאַנאַטישער אראבישער המון געמאַכט ממש אַ פּאָגראָם אויף די יידישע איינוווינער פון דער ירושלימער אַלטשטאָט, וואָס האָבן צוליב א בלינדן גלויבן אין די גוטע באַציונגען מיט זייערע אראבישע שכנים ניט אָרגאַניזירט קיין זעלבסטשוץ. די מיליטערישע פאַרוואַלטונג, וועמענס פיינטלעכע באַציונג צו די יידן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָט בכלל ניט געשטערט די פּאָגראָמטשיקעס, טראָצדעם וואָס זי האָט גוט געוווּסט וועגן דער העצקאַמפּאַניע, וואָס האָט זיך געפירט צווישן די אראבער און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז פאַרן אויסברוך פון די אומרוען וועגן דעם געוואָרנט געוואָרן.

דער רושם פון די דאָזיקע געשעענישן אויף די יידן פון דער גאנצער וועלט איז געווען אומגעהויער גרויס: סטייטש, אַ פּאָגראָם, אין דער עיר הקודש ירושלים! דער דאָזיקער פאַקט האָט באַפעסטיקט די חלוצישע יוגנט אין איר אויפפאַסונג: „אם אין אני לי — מי לי?". אויף די געשעענישן פון תל־חי און ירושלים איז נאָר דאָ איין תשובה: פאַר יעדן פּרייז אין לאַנד אַריין! יוסף טרומפּעלדאָר, דער גבור פון תל־חי, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל פאַר דער דאָזיקער עליה און זיינע מעשים אין מלחמה און אין שלום זיינען געוואָרן זייער ציל. איצט האָבן שוין ניט געהאָלפן קיין שום וואַרנונגען און קיין שום צוימונג. אויף אַלע וועגן פון אייראָפּע האָבן געשטראָמט הונדערטער און טויזנטער חלוצים קיין ארץ־ישראל.

דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ניט געבליבן קיין אנדער אויסוועג ווי נאָר צושטימען צו דער חלוצים־עליה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן קעגן איר ווילן און וועמענס חשיבות ס'איז געווען אוממעגלעך ניט צו דערשעצן. און אַזוי איז טאַקע געשען. צוזאַמען מיט די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטייען און מיט דעם „החלוץ" איז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איצט צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די עליה. די טעטיקייט פון די משרדים ארץ־ישראליים („פּאַלעסטינע־אַמטן"), וואָס זיינען נאָך פון פריער געגרינדעט

געוואָרן כדי צוגרייטן די עליה, איז פאַרברייטערט געוואָרן. דורך דער קאָאָפּטאַציע פון פאַרטרעטער פון אַלע ציוניסטישע ריכטונגען און „החלוץ", זיינען די פּאַלעסטינע־אַמטן געקומען אין אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיטן ארץ־ישראלדיקן ישוב און מיט די עולים פון גלות. אין דער ציוניסטישער לייטונג איז באַשטימט געוואָרן אַ ספּעציעלער בודזשעט פאַר דער טעטיקייט פון די פּאַלעסטינע־אַמטן; דערמיט האָט זיך אָנגעהויבן די פּראַקטישע אָרגאַניזירונג פון דער עליה דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די נייע רעגולירונג פון דער עליה

אויך לויט די נייע געזעצלעכע פאַראָרדנונגען איז די אחריות פאַר דער עליה פון איצט אָן איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די פּראָטעסטן קעגן די ירושלימער געשעענישן אין דער פּראַגע, ווי אין אַלע אַנדערע יידישע אָנגעלעגנהייטן, האָבן געבראַכט דערצו, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט ענדלעך באַשלאָסן צו באַשטימען אויפן אָרט פון דעם מיליטערישן רעזשים אַ ציווילע אַדמיניסטראַציע אונטער דער לייטונג פון אַ נציב עליון (הויך־קאָמיסאַר). דאָס איז געשען אין יולי 1920. גלייכצייטיק איז פון דער מיליטערישער מאַכט אין מצרים צוריקגעצויגן געוואָרן די רעכט צו ערטיילן סערטיפיקאַטן און זי איז איבערגעגעבן געוואָרן די ענגלישע קאָנסולאַטן אין די פאַרשידענע לענדער. לויט אַ פאַראָרדנונג פון יולי 1920 איז דערלויבט געוואָרן אַ פרייע איינוואַנדערונג פון מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט באַווייזן, אַז זיי האָבן מיטלען צום לעבן אויף אַ גאַנץ יאָר, אָדער, אַז זיי האָבן אַ פאַרזיכערטע סטאַבילע באַשעפטיקונג אין לאַנד. וואָס שייך די מיטללאָזע עולים, האָט זייער צאָל פון מאָל צו מאָל געדאַרפט פעסטגעשטעלט ווערן דורך דער רעגירונג, נאָך אַ באַראַטונג מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געווען פאַרפליכטעט צו זאָרגן פאַר דער איינאָרדנונג פון די עולים און פאַר זייער עקזיסטענץ אין משך פון אַ יאָר.

די ידיעה וועגן די נייע עליה־פאַראָרדענונגען און וועגן דער טייל־ווייזער דערעפענונג פון די טויערן פון ארץ־ישראל האָט נאַטירלעך פאַרשטאַרקט די שוין אין גאַנג געוועזענע עליה־באַוועגונג. אין די חדשים סעפּטעמבער און נאָוועמבער זיינען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין איבער צוויי טויזנט עולים. נאָך דעם, ווען די ניי־געבילדעטע פּראָוויזאָרישע עקזעקוטיווע האָט אין יאָר 1921 — נאָך אַ צייטווייליקער אָפּשוואַכונג פון דער עליה — געפּרוּווט ווידער זי צו פאַרשטאַרקן דורך דער ערטיילונג פון אַ גרעסערער צאָל סערטיפיקאַטן און האָט באַשלאָסן, דורך אַ קפּדנות'דיקן אויסוואַל פונעם מענטשן־מאַטעריאַל, צו זאָרגן פאַר איר

סיסטעמאַטישער אויסברייטערונג, איז פאַרגעקומען אַ נייע געשעעניש, וואָס האָט די עליה אויף אַ געוויסער צייט גענצלעך אָפּגעשטעלט.

אנהייב מאי 1921, אַ יאָר נאָך די אומרוען אין ירושלים, זיינען פאָרגעקומען איבערפאַלן פון אראַבער אויף יידן אין יפו און אין אייניקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים. אין יפו זיינען דערהרגעט געוואָרן 43 יידן און 14 אראַבער און אין די ישובים: 4 יידן און 34 אראַבער (די אראַבער זיינען געהרגעט געוואָרן הויפּטזעכלעך דורכן ענגלישן מיליטער). צווישן די יפוער קרבנות זיינען געווען: דער באַרימטער שריפטשטעלער יוסף חיים ברענער, איינער פון די אויסדערוויילטסטע און ערלעכסטע פּערזענלעכקייטן אין דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט, און דער פריינט פון יוסף טרומפּעלדאָר — דער יונגער שריפטשטעלער צבי שאַץ. דער אוממיטלבאַרער רעזולטאַט פון די דאָזיקע איבערפאַלן, וועלכע וואָלטן געקענט לייכט אויסגעמיטן ווערן, ווען דאָס ענגלישע מיליטער וואָלט זיך רעכטצייטיק אַריינגעמישט, איז געווען דער, אַז דער יידישער נציב העליון, הערבערט סעמיועל, וואָס איז נאָך צוריק מיט ניין חדשים אויפ־גענומען געוואָרן מיט גרויס התלהבות דורכן ישוב, האָט אויף אייניקע וואָכן גענצלעך פאַרבאָטן די עליה, וועלכע ער האָט ביים אָנהייב פון זיין אַמטירן געשטיצט. אפילו די עולים, וואָס האָבן געהאַט סערטיפיקאַטן און זיינען שוין געווען אין וועג, זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן, און זייער עליה איז ערשט ווידער דערלויבט געוואָרן נאָך לאַנגע באַמיונגען מצד דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין לאָנדאָן.

אין יוני 1921 איז די רעגולירונג פון דער עליה אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ נייעם געזעצלעכן באַזיס. ס׳זיינען בעיקר איינגעפירט גע־וואָרן נייע פאַראָרדענונגען פאַר די ניט־באַמיטלטע עולים: דער ציוניס־טישער אָרגאַניזאַציע איז איבערגעגעבן דאָס רעכט פאָרצושלאָגן און אויסצוּוויילן עולים פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. אָבער די רעגירונג האָט פאַר זיך אָפּגעהיט דאָס אויסשליסלעכע אַנטשיידונגס־רעכט בנוגע די פאָרשלאָגן. דאָס האָט געמאַכט די עליה גענצלעך אָפּהענגיק פון דער רעגירונג. טראָצדעם, וואָס דאָס הויפּט־קריטעריום פאַר איר אַנטשיידונג האָט (לויטן אָפיציעלן פירוש פון דעם „ווייס־בוך״ פון 1922) געדאַרפט זיין „די עקאָנאָמישע אויפנאַמספעיקייט פון לאַנד״, איז דאָך תמיד גע־בליבן פּלאַץ פאַר פּאָליטישע טעמים, וועלכע האָבן אין משך פון דער צייט אָפט באַקומען די אויבערהאַנט איבער די זאַכלעכע אויסרעכנונגען. ס׳איז דערפאַר קיין ווונדער ניט, אַז ביי יעדער האַלביעריקער סערטיפי־קאַטן־פאַרטיילונג (דער אַזוי־גערופענער „שעדיול״), האָבן געהערשט גרויסע אונטערשידן צווישן די אָפּשאַצונגען וועגן דער ווירטשאַפטלעכער

אויפנאמספעיקייט פון לאנד, וואס זיינען געמאכט געווארן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און נאָך דעם דורך דער „יידישער אַגענץ" (הסוכנות היהודית) און צווישן די אָפּשאַצונגען פון דער א"י־דיקער רעגירונג.

די איינאָרדנונג פון דער דריטער עליה אין לאַנד

די נייע עליה האט פון איר אנהויב אן אוועקגעשטעלט ארץ־ישראל פאר נייע אויפגאבן און פראבלעמען. די ערשטע וויכטיקע אויפגאבע איז געווען — צו שאַפן אַרבעט פאַר די עולים. מיטן וווקס פון דער עליה איז די אויפגאַבע געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער. די עקזיסטירנדיקע קבוצות האָבן געקאָנט אויפנעמען נאָר אַ קליינע צאָל עולים. אויך אין די קאָלאָניעס, וואָס האָבן זיך באזירט אויף פלאַנטאַציע־ווירטשאפטן, איז פאר די נייע עולים ניט געווען גענוג אַרבעטס־מעגלעכקייטן. דער וועלט־מאַרק איז נאָך געווען געשלאָסן פאַר זייער פּראָדוקציע, און די קאָלאָניסטן האָבן געמוזט שווער קעמפן פאַר זייער קיום און זיי האָבן דעריבער נישט געקאָנט אָזוי לייכט אריבערגיין פון דער ביליקער אראבישער ארבעט צו דער טייערער — יידישער. דערצו זענען די נייע עולים, מיט זייער בעסטן ווילן צו אַרבעט, געווען זייער ווייניק בעהאַוונט אין איר. די דאָזיקע עולים האָבן, אין קעגנזאַץ צו זייערע פאָרגייער פון מיט 15 יאָר צוריק, אין די ערשטע יאָרן ניט געמאַכט קיין ערנסטע אָנשטרענגונגען צו דעראָבערן פאַר זיך נייע אַרבעטס־פּלעצער אין די פלאנטאציע־קאָלאָניעס; זיי האָבן בעיקר און פון פאָרויס געשטרעבט צו גרינדן נייע ווירטשאפטן, אין וועלכע זיי וועלן קענען פארווירקלעכן זייערע ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע אָנשויונגען.

נייע קבוצות; שאָסייען־בוי

כדי אָנצוהויבן אַ גרויסצוגיק קאָלאָניזאַציע־ווערק, האָבן דער ציוניסטישער ארגאניזאציע נאָך געפעלט אלע וויכטיקע פאָרבאַדינגונגען: באָדן, געלט־מיטלען און אַן איינהייטלעכע קאָלאָניזאַציע־אויפפאַסונג. די ווייניקע קבוצות, וואָס זיינען דעמאָלט דאָך געגרינדעט געוואָרן, האָבן געקאנט אויפנעמען בלויז אַ באגרענעצטע צאָל עולים.

די נייע פונקטן זיינען געווען: דגניה ב' און דגניה ג' אין עמק הירדן. זיי זיינען אָנטשטאַנען אַ דאַנק דער צעטיילונג פון דעם דגניה־באָדן. (נאָך דעם ווי ס'איז קלאר געווארן, אז דער דאזיקער שטח וועט ניט גענוגן פאר דריי קבוצות, האָט זיך די קבוצה דגניה ג' באַזעצט אין עמק יזרעאל — היינטיקע גניגר). אַ ווייטערע נייע קבוצה איז געווען קרית־ענבים — די

ערשטע יידישע ווירטשאפט אין די בערג פון יהודה, ניט ווייט פון ירושלים. דער קאלאניזאציע־יועץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, דער אגראַ־נאָם ע ק י ב א ע ט י נ ג ע ר האָט געקלערט דאָ צו גרינדן אַ גרויסן ישוב, וואָס זאָל פאַרזאָרגן ירושלים מיט די וויכטיקסטע לאַנדווירטשאַפטלעכע פראדוקטן, אבער זיין פלאַן איז באשרענקט געווארן דורך דער ארגאני־זאציע־קאמיסיע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס איז געשיקט געווארן קיין ארץ־ישראל אין יאר 1920.

אויך די עפנטלעכע ארבעטן, וואס זיינען פינאנסירט געווארן דורך די ציוניסטישע פאנדן, ווי אויך די שאסייען (כבישים), וואס זיינען געבויט געווארן דורך יק"א אין גליל התחתון, האבן ניט באוויזן צו באַ־שעפטיקן אפילו אַ קאַנטיקן טייל פון די ניט־באמיטלטע עולים. אין דער צייט, ווען די עליה האט דערגרייכט איר קולמינאציע־פונקט, איז די א"י־דיקע רעגירונג צוגעטראטן צו עפנטלעכע ארבעטן אין אַ גרויסן מאסשטאב, און די עולים האבן דא געפונען ארבעטס־מעגלעכקייטן. די יידישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס האָבן איבערגענומען דעם בוי פון די שאָ־סייען: טבריה־צמח, טבריה־טבחה, חיפה־ג'ידה, חיפה־נצרת, דעם בוי פון מיליטער־לאַגער אין סאַראַפענד א. אַ.

דורכן איבערנעמען די דאָזיקע עפנטלעכע אַרבעטן אויף אייגענער אחריות מצד די ארבעטער־גרופן, אויפן יסוד פון קבלנות (אַקאָרד־קאָנ־טראקטן) מיט פון פאָרויס־באשטימטן ארבעטס־לוין, איז די נאָך אָרגאני־זאציאָנעל־שוואכע יידישע ארבעטערשאפט אין ארץ־ישראל אריין אין אַ נייעם אַרבעטס־געביט, אויף וועלכן ס'האָט איר נאָך געפעלט סיי פאַכלעכע און סיי ארגאניזאטארישע דערפארונג. די יעניקע, וואס האבן זיך שפע־טער זייער אָפט באַקלאָגט אויף דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, פאַר וואס זי האט געליען די ארבעטער דעם נויטיקן אומזאץ־קאפיטאל פאר דער אויספירונג פון די ארבעטן, און אויך די וואס זיינען געקומען מיט טענות קעגן די ארבעטער־ארגאניזאציעס, וואס האבן ארגאניזירט די אויספירונג פון די אַרבעטן, הלמאי ס'זיינען געמאַכט געוואָרן דעפיציטן ביי דער דאזיקער אונטערנעמונג — אט די אלע האבן ניט גענומען אין באטראכט די גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע די ארבעטער האבן אויף זייער נייעם ארבעטס־פעלד אָנגעטראפן.

די מענטשן, וואס האבן די דאזיקע ארבעטן אויסגעפירט, זיינען כמעט אַלע געווען נייע עולים, קינדער פון מיטלשטאַנד, סטודענטן, גימ־נאַזיסטן און באַאַמטע, וואָס האָבן נאָך אַפילו ניט דערגרייכט די מדרגה פון „פשוטע ארבעטער". דאס זיינען געווען די אונז גוט באקאנטע יוגנטלעכע מיט א פלאַמענדיקן אידעאל אין הארצן און אַ גרויסן ווילן

צו אַרבעט, אָבער אָן אַ וועלכער ס׳איז צוגרייטונג און זייער אָפּט אָן געניגענדער לייטונג. אונטער דער נאָך פּרעמדער, גליענדיקער ארץ־ישׂ־ראלדיקער זון, שלעכט און קאַרג דערנערט, אָרעם געקליידעט און זייער אָפּט פיבערנדיק — האבן זיי זיך קודם־כל געמוזט צוגעוויינען צו פיזי־שער ארבעט אין אלגעמיין. די דאזיקע מעשים זייערע, דער וועג אויף וועלכן זיי האבן גובר געווען אלע שוועריקייטן, און דער אופן אויף וועלכן זיי האָבן אויסגעפירט אַלע שווערסטע אַרבעטן, אָנהויבנדיק פון שטיינהאקעריי ביז צום פלאסטערן און אספאלטירן וועגן, די פריילעכ־קייט און דער אומדערשיטערטער גלויבן אין די האפנונגען אויף דער צוקונפט, וואָס זיינען געווען אַ שטענדיקע באַגלייט־דערשיינונג פון זייער ארבעט — אט דאס אלץ האט ארויסגערופן אַ גרויס באוווּנדערונג ביי אלע, וואס האבן געהאט אַ מעגלעכקייט זיך נאנטער צוקוקן צו זייער ארבעט. אין אזא צושטאנד האבן די פאראנטווארטלעכע לייטער פון דער ציוניסטישער ארבעט אין ארץ־ישׂראל געהאט רעכט, ווען זיי האבן פאררעכנט דעם היזק, וואס איז געווען פארבונדן מיט די דאזיקע ארבעטן, אויפן חשבון פון די ״הכשרה־הוצאות״ פון די נייע עולים. און אין דער אמתן האבן טאקע די עפנטלעכע ארבעטן פון די יארן 1920—1922 געדינט פאַר די אָנגעקומענע נייע עולים אַלס אַ גרויסע הכשרה־אונטערנעמונג, אין וועלכער זיי האבן זיך דערצויגן צו פיזישער ארבעט, זיך אויסגע־לערנט צו באנוצן זיך מיט ארבעטס־געצייג און זיך צוגעוווינט צום א״י־דיקן קלימאט.

די אַנטשטייונג פון דער גרויסער קבוצה

די נייע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער א״י־דיקער ארבעטערשאפט, האבן אויך אנגענומען זייער לעבנס־פאָרם, די קליינע קבוצה אין איר דאמאלסדיקער אנטוויקלונגס־סטאדיע, מיט די באזונדערע חשבונות פאר יעדן ארבעטנדיקן חבר. אבער די נייע אויפגאבן, דער באזונדערער מהות פון די נייע עולים — האבן שנעל גורם געווען צו ענדערונגען פון די ביזאיצטיקע לעבנס־פאָרמען און ס׳זיינען אנטשטאנען נייע שאפונגען, וועמענס שפּראצונגען זיינען שוין געווען מערקבאר אין דער איבערגאנגס־תקופה.

דער ערשטער שריט אויפן וועג פון דער פארברייטערונג און ענדע־רונגען פון דער ביזאיצטיקער קבוצה־פאָרם איז געמאכט געווארן אין כנרת, וואס האט שוין זייט איר גרינדונג געדינט אלס פאַרזוכס־פעלד פאר די פארשידענע ווירטשאפט־און פארוואלטונגס־פאָרמען.

דארט האט דער „ועד הצירים״, זייט הערבסט 1919 אדורכגעפירט

דאס אויסטרוקענען פון די ארומיקע זומפן אין די ראמען פון עפנטלעכע ארבעטן, די קבוצה כנרת, וואס איז, אין קעגנזאץ צו דגניה, ניט באשטא־נען בלויז פון מענטשן, וואס זייער צוזאמענלעבן איז געווען דיקטירט פאַר אַלעמען דורך ענגע פריינדשאַפטלעכע באַציונגען, און אין וועלכער עס איז אין לויף פון איר עקזיסטענץ פארגעקומען זייער אָפטע ענדערונ־גען אין מענטשן־צוזאמענשטעל — איר איז דאס געלונגען איבערצונעמען די דערמאנטע אמעליארציע־ארבעטן, ביי וועלכע עס האבן געזאלט באשעפטיקט ווערן אַ גרויסע צאל נייע עולים.

פארשידענע מאמענטן האבן זי באוויגן איבערצונעמען די דאזיקע ארבעטן אויף אייגענער רעזשי. קודם־כל האבן די חברים פון כנרת גע־וואלט פארמיידן, אז ס׳זאל ביי זומפן־אויסטרוקענען באשעפטיקט ווערן אַ באזונדערע ארבעטער־גרופע, וואס וואלט געדארפט, אלס צייטווייליקע ארבעטער, ארבעטן אין ערגערע באדינגונגען ווי זיי אליין; זיי האבן מורא געהאט, אז די אומגלייכהייט קען דערפירן צו רייבונגען צווישן די סטאבילע און סעזאן־ארבעטער, אזוי ווי ס׳איז געשען בשעת דער דורכפי־רונג פון די ערשטע אמעליאַראציע־ארבעטן אין דער מלחמה־צייט. עס זיינען צוגעקומען אויך פרינציפיעלע מאָטיוון, וואס האבן געהאט אַ שייכות ניט נאר מיט כנרת אליין. דא האט זיך געהאנדלט וועגן דער ערשטער עפנטלעכער ארבעט, וואס האט הויפטזעכלעך געדארפט אויס־געפירט ווערן דורך נייע עולים. אזוי ווי איר האבן געדארפט נאָכפאָלגן אנדערע ארבעטן פון דעם מין איז געווען לייכט פאָרויסצוזען, אז זיי וועלן דינען אלס איבערגאנגס־ארבעטן פאר די נייע עולים. מ׳איז דערפאר געווען באַזאָרגט, אַז אויב מ׳וועט די דאָזיקע מענטשן, וואָס לעכצן נאָך פראדוקטיווער טעטיקייט, באשעפטיקן נאר ביי פרימיטיווע און מאָנאָטאָ־נע אַרבעטן, וועלן זיי זיך שנעל צוגעוווינען צו טון זייער מלאכה געצוווּנגענערהייט אונטערן דרוק פון נויט און ניט אויס שאַפונגס־פרייד. מ׳האט געהאָפט צו באזייטיקן די דאזיקע דערשיינונג דורך דעם, וואס מ׳וועט די נייע עולים אויפנעמען אלס גלייכבארעכטיקטע חברים אין די שוין קאלאניזירטע, באזעסענע קבוצות. אויך די משקים וועלן דערביי גע־ווינען: זייער ווירטשאפטלעכע לאגע וועט פארבעסערט ווערן דורכן צופלוס פון הכנסות פון אויסן־ארבעטן און דורך דער פארהעלטניסמעסי־קער פארקלענערונג פון די הוצאות פאר דער באפרידיקונג פון די מאטער־יעלע און קולטורעלע באדערפנישן פון אַ גרויסן משק. אויך דאס אינער־לעכע לעבן פון דער קבוצה וועט פארשענערט ווערן מיטן אריינטריט פון נייע, פרישע און ניט־אָפּגענוצטע כוחות. אַזוי איז אַנטשטאַנען אין כנרת אַ קבוצה פון 60 מענטשן, — אַ ריזיקע צאָל לויט די דאַמאָלסדיקע באגריפן.

אויך דער אופן, אויף וועלכן די נייע מענטשן זיינען אויפגענומען געוואָרן אין די קבוצות, איז געווען רעוואָלוציאָנער. ביז איצט האָבן נאר איינצעלנע ארבעטער, און דאס נאך אַ זארגפעלטיקער אונטערזוכונג, געקענט אויפגענומען ווערן אַלס חברים אין די קבוצות. איצט האָט אַ קבוצה געעפנט אירע טויערן פאַר אַ גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע קיינער האָט פון דער נאָענט ניט געקענט. דערמיט איז דערשיטערט געוואָרן דער יסוד פון די קבוצות פון פריערדיקן טיפּ. ביז אהער איז די קבוצה געווען אַ מין משפחה: 10 ביז 20 מענטשן, האָבן געקאָנט, גלייך ווי אין אַ גרויסער משפחה, זיצנדיק ביים משפחה־טיש באַהאַנדלען פאַרשידענע ענינים, ווי אויך די טעגלעכע ארבעטס־פארטיילונג. יעדער חבר פון אזא ארבעטער־משפחה האָט גענוי' געקענט די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן און די אַרבעטס־לייסטונג פון צווייטן. כדי צו דערהאלטן דעם משפחה־כאראקטער און די אינטימקייט פון די קעגנזייטיקע באציונגען, האט דגניה אפילו פארגעשלאגן צו טיילן איר באדן, שטרעבנדיק צופאסן די ווירטשאפט צו די אייגנשאפטן פון די מענטשן, וואס ארבעטן אין איר. דער עיקר איז געווען דער ווירטשאַפטס־טרעגער — און אַלץ האָט געדאַרפט לויט אים געריכטעט ווערן. דאַקעגן דאָ, אין כנרת, איז מען געגאַנגען אויף אַ גרונדזעצלעך אנדערן וועג: מ׳האָלט אויסגעברייטערט די ראמען פון דער קבוצה, אנטשפּרעכנד די אַרבעטס־באַדערפעניש. ס׳איז פון פאָרויס קלאָר געווען, אז צוליב דעם וועלן די קעגנזייטיקע פארבינדונגען צווישן די חברים זיין לויזער, זאכלעכער און ווייניקער משפחה׳דיק, אבער דוקא אין דעם האבן די איניציאטארן פון פלאן געזען אַ געבענטשטן אויסוועג פארן אינערלעכן קריזיס פון דער קבוצה. די אומאויפהערלעכע רייבונגען צווישן די חברים, וואס פלעגן דערפירן צו קעגנזייטיקער פארביטערונג און אפטן פארלאָזן די קבוצות — צי זיינען זיי דען ניט געווען קיין רעזולטאט פון דעם צו־נאָענטן צוזאַמענלעבן און מאַנגל פון דיסטאַנץ, וואָס האָט ניט איבערגעלאזט דעם יחיד קיין גענוגנדע באוועגונגס־פרייהייט? און אויב די קבוצה וועט ווייטער עקזיסטירן אין די באדינגונגען פון איר ביזאיצטיקער אָפּגעשלאָסנקייט, ווי אזוי וועט מעגלעך זיין אויפצונעמען אַ נייעם חלוצים־שטראָם, אויף וועלכן מ׳האָט שטארק ארויסגעקוקט און וועלכן מ׳האט געדארפט אריינפירן אין דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט און אין לעבן פון ארבעטער־צבור?

דער איבערגאנג צו דער נייער פאָרם, צו דער גרויסער קבוצה וואס איז ברייט געעפנט פאר נייע חברים, האט נאטירלעך גורם געווען צו ענדערונגען אין איר אָרגאניזאציאנעלער סטרוקטור. אזוי, למשל, האט די ארבעטס־פארטיילונג שוין מער ניט געקאנט פארקומען אין אַ געמיינזא־

מער באראטונג פון אלע חברים; פון איצט איז די ארבעט פארטיילט געווארן דורך באַזונדערע קאָמיסיעס, וואָס זיינען צו דעם צוועק אויסגעוויילט געווארן דורך אלע חברים. די גרויסע קבוצה האט באקומען אַ פארברייטערונגס־מעגלעכקייט, וואס האט מער אנטשפראכן די באדערפענישן פון דער דערוואַרטעטער מאַסן־עליה. דאָס אריינגעמען פון ניט־לאַנדווירטשאפטלעכע ארבעטן אין טעטיקייטס־געביט פון דער קבוצה, אזוי ווי אין כנרת, איז נאר געווען אַ שריט ווייטער צו דער לאגישער פאדערונג פלאנמעסיק און סטאַביל אויסצובארייטערן די ראַמען פון דער קבוצה, מחוץ דער לאנדווירטשאפט.

און אין דער אמתן האָט עס ניט לאנג געדויערט. אין אַ קורצער צייט ארום האט ש. לעווקאוויץ (לביא), איינער פון די עלטסטע און אקטיווסטע חברים פון כנרת (היינט אין עין־חרוד), פאָרגעשלאָגן דעם ארבעטער־צבור אַ ברייטן פלאן צו גרינדן גרויסע קבוצות. די גרויסע קבוצה דארף, לויטן פלאנגעבער, זיך באשעפטיקן ניט נאר מיט לאנדווירטשאפט נאר גרינדן מלאכה־ און אינדוסטריע־אונטערנעמונגען; דורך דער פאראייניקונג פון דער דארפישער און שטאָטישער פראדוקציע אין אירע ראמען וועט די קבוצה אויף א מאקסימאלן אופן קענען באפרידיקן אירע אייגענע באדערפנישן און דורכן פארקויפן דעם רעשט פון דער פראדוקציע וועט זי פארגרעסערן אירע הכנסות, וואס וועלן פארווענדעט ווערן פאר דער פארברייטערונג פון דער ווירטשאפט. דאס וועט אין אַ באדייטנדיקער מאָס פארקלענערן די קאלאניזאציע־הוצאות פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס, וועט דערמעגלעכן מיט מינימאלע מיטלען צו באזעצן אַ גרויסע צאל עולים און וועט דינען אלס די פאסיקסטע פאָרם פאר דער צוקונפטיקער ציוניסטישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל.

די גרויסע קבוצה, וועמענס באגרינדונג און פארווירקלעכונגס־התחלה זיינען פארגעקומען אין די איבערגאנגס־יארן פון 1919—1920, איז געווען אַ שאפונג פון די מענטשן פון דער צווייטער עליה, וואס האבן געזוכט אן אנטשפרעכנדע פאָרם אויפצונעמען די עולים פון דער דריטער עליה. דאקעגן האט די דריטע עליה געשאפן אן אנדערע אריגינעלע פארם פון קאלעקטיווער ארבעט, וואס האט אין איין איינציקע חדשים שפעטער באקומען איר ערשטן אויסדרוק אויפן כביש טבריה־צמח און איז באקאנט געווארן אונטערן נאמען: גדוד העבודה (דער ארבעטס־לעגיאן).

גדוד העבודה

דער עצם געדאנק פון אן ארבעטס־לעגיאן איז ניט געווען קיין נייער. שוין הערצל האט אים געפלאנט און געשילדערט אין זיין „יידנשטאט"

און נאכדעם — אין „אלט־ניילאנד". אין אנהייב פון דער צווייטער עליה האָט אוסישקין געפאָדערט אַ דריי־יעריקע אַרבעטס־דינסט לטובת ארץ־ישראל; אין דער א"י־דיקערווירקלעכקייט איז דער געדאַנק פאָפולאַריזירט געוואָרן דורך דער וועכטער־ארגאניזאציע „השומר", וועמענס שטרעבונ־גען און ראמאנטישע מעשים האבן, אָן שום ספק, געהאט אַ גרויסע השפעה אויף די מענטשן פון דער דריטער עליה. אויך בן־צבי און בן־גוריון האבן זיך ביי דער ארגאניזירונג פונעם אמריקאנער „החלוץ" און פונעם לעגיאָן געשטעלט דעם ציל, וואס איז שפּעטער פארווירקלעכט געווארן דורכן גדוד העבודה; אויך דער אַגראָנאָם עטינגער (דער לאַנדווירטשאַפטלעכער יועץ פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע) האט אין 1916 געפאדערט דאס שאפן פון אן ארבעטס־ארמיי. אנטשיידן אין דער פראגע איז געווען די השפעה פון יוסף טרומפעלדאָר. ווען ער האָט אין יאָר 1917 אָנגע־הויבן מיט א גרויסן פארנעם צו ארגאניזירן דעם „החלוץ", האט ער לכתחילה געשטרעבט צו גרינדן אן ארגאניזאציע אויף קאלעקטיווע יסו־דות, וועמענס חברים זאלן זיין מוכן ומזומן צו יעדער ארבעט ביים אויפבוי פון לאנד.

אַ קליינע גרופּע פון חלוצים, וואָס האָבן בעיקר געשטאַמט פון קרים און וועלכע זיינען געשטאנען אונטער אַ שטארקן איינפלוס פון טרומפּעל־דארס פערזענלעכקייט און אנשויונגען, זיינען אין יאר 1920 געוואָרן די פארווירקלעכער פון זיין טרוים. טרומפעלדארס העלדישער טויט ביי דער פארטיידיקונג פון תל־חי האט אין זיי דערוועקט דעם ווילן צו רעאליזירן זיין פלאן וועגן דעם ארבעטס־לעגיאן (גדוד העבודה) און דורך דעם פאר־אייביקן זיין נאָמען. אַ האַלב יאָר נאָך זיין טויט, י"א אלול תר"פ (25.8.1921), האבן זיי פאראנשטאלטעט אין זייער ארבעטס־לאגער ביי טבריה אַן אימ־פּאָזאנטע אזכרה און האבן אפיציעל באקאנט געמאכט די גרינדונג פון „גדוד העבודה ע"ש יוסף טרומפלדור". בשעת דער גרינדונג זיינען געווען נאָר 40 חברים, אָבער זייער צאָל איז שנעל געוואַקסן. יחידים ווי אויך גאַנצע גרופּן, האבן זיך אין אים אָנגעשלאסן. אין הערבסט 1920 האט דער גדוד שוין געציילט 88 חברים, און מיט אַ יאָר שפּעטער — 560. אַ לאַנגע צייט איז מען געווען אונטערן איינדרוק, אַז דער גדוד וועט אין זיין אַנטוויק־לונגס־גאנג ווערן די וויכטיקסטע ארבעטער־ארגאניזאציע פארן ארץ־ישראל־אויפבוי.

די אידעאָלאָגיע פון גדוד האט זיך קריסטאליזירט פאמעלעך. מיטן ערשטן און חשובסטן ציל, וואס ער האט זיך געשטעלט — די דעראָבערונג פון אלע ארבעטס־צווייגן דורכן יידישן ארבעטער — האט דער גדוד זיך דערנענטערט צום אויסגאַנגס־פּונקט פון דער צווייטער עליה. אָבער בשעת

דער ציל פון דער צווייטער עליה (באַזונדערס פון דעם „הפועל הצעיר") איז געווען כמעט אויסשליסלעך געווענדעט צו דער דעראָבערונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעט אין די קאָלאָניעס און די הויפּטלאַסט פון דעם דאָזיקן קאַמף איז ארויפגעלעגט געוואָרן אויפן איינצעלנעם ארבע־טער, איז איצט געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו דורך אַ דיסציפּלינירטע אָרגאַניזאַציע צו דעראָבערן אויך די ארבעטס־צווייגן, וועלכע זיינען ביז אהער דעם יידישן ארבעטער פרעמד געווען.

דער שאָסייען־בוי, וואָס איז ביז איצט באַטראַכט געוואָרן אַלס נויטשטאַנד־ארבעט, איז אין ליכט פון דער דערמאָנטער אנשויונג פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ חשובע קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבע. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון שטאָטישע אַר־בעטן, אין וועלכע דער גדוד האָט אַלע מאָל מער אַריינגעדרונגען. ער האָט געשיקט אַ פּלוגה קיין ראש העין, כדי אנצונעמען איינבאַן־ארבעטן אין די זעלבע באַדינגונגען, אין וועלכע ס׳האָבן ביז איצט געארבעט מצרי־שע ארבעטער. אין יאָר 1921 האָבן זיך שוין געפונען ארבעטס־פּלוגות אין אַ גרויסער צאָל ערטער אין לאַנד.

די דאָזיקע שטרעבונג אריינצודרינגען אין אלע ארבעטס־געביטן איז אין אַ גלייכער מאָס דיקטירט געוואָרן פון נאַציאָנאַלע און סאָציאַליסטישע מאָטיוון. דער גדוד האָט געשטרעבט צו שאַפן א גרויסע קאָמונע, וואָס זאָל, ווי ווייט מעגלעך, ארומנעמען די גאַנצע א״י־דיקע ארבעטערשאַפט, וואָס וועט דאַרפן פּראָדוצירן די מאַקסימאַלע צאָל מיטלען פאַרן אייגענעם גע־ברויך, און וואָס זאָל צוליב דעם אימשטאַנד זיין צו נעמען אויף זיך אויך ניט־רענטאַבילע ארבעטן, אויב דאָס וועט זיין וויכטיק פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. דער געדאַנק פון דער אַלגעמיינער קאָמונע האָט געבראַכט דערצו, אז מ׳האָט פאַרלאָזן די סיסטעם פון אינדיווידועלער באַלוינונג פון יעדן חבר און מ׳איז איבערגעגאַנגען צו אַ גלייכמעסיקער באַפרידיקונג פון אלע לעבנס־באַדערפנישן פון אלע חברים, אומאָפּהענגיק פון דער אַר־בעט, וואָס ווערט דורך זיי געלייסטעט, סיי אין כמות און סיי אין איכות. און אזוי איז אין אַ פאַרהעלטניסמעסיק קורצער צייט אנטשטאַנען אַ גדוד פון יונגע מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט אויסצופילן יעדע אַרבעט, אפילו אין די מסוכנדיקסטע פלעצער און וואָס האָבן זיך באַטראַכט אַלס הלוצים פון אויפבוי פון אַ יידיש ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין דער איבערגאנגס־צייט

די אלגעמיינע לאגע אין דער אָרגאניזאציע

אין דער זעלבער צייט, ווען אין ארץ־ישראל האבן זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען נייע קאלאניזאציע־פארמען, געשטיצט אויף שותפות פון ארבעט און לעבן, איז מען אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צוגעטראָטן צו דער אויפקלערונג פון די ריכטליניעס פון דער צוקונפטיקער קאלאניזאציע־טעטיקייט און איר פינאנסירונג.

אמת, די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט פארשטאנען בשעת דער מלחמה אפצוהיטן איר עקזיסטענץ, אבער זי איז צוליב דער מלחמה און די געשעענישן וואָס האָבן זי נאָכגעפאָלגט טיף דערשיטערט געוואָרן. דער קאנטאקט צווישן די לאנדס־ארגאניזאציעס און דער צענטראלע איז אָפּגעשוואכט געווארן און די קריגס־נאָכווייען האבן יאָרנלאנג געשטערט דעם צוזאמענטרעפן זיך פון די פארטרעטער פון אלע לענדער. די קעגנזייטיקע פאַרפרעמדונג צווישן די אָנפירער פון די איינצעלנע לאַנדס־אָרגאַניזאַציעס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט צוליב דעם, וואָס דער שווערפּונקט פון דער צענטראל־לייטונג איז איבערגעפירט געווארן פון בערלין קיין לאנדאן און פון דער געלט־זאמלונג — פון מזרח־אייראפע קיין אמריקע. די דאזיקע ענדערונג פון די כוחות־פאַרהעלטענישן האָט געפונען איר אויסדרוק אין אַלע פאַרהאַנדלונגען וועגן די צוקונפטיקע אויפבוי־וועגן פון דעם לאַנד. זי האט גורם געווען צו רייבונגען און קאמפן ארום דער לייטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און האט משפיע געווען אויף דער דיסקוסיע איבערן פלאן און מעטאָדן פון דער קאלאניזאציע־ארבעט אין ארץ־ישראל.

די אַלע אומשטענדן האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין דער צייט, ווען די באלפור־דעקלאראציע און דער בריטישער מאנדאט איבער ארץ־ישראל זיינען צוליב די באשלוסן אין סאן־רעמאָ פארוואנדלט געווארן אין אינטערנאציאנאל אנערקענטע טאטזאכן, און ווען הערבערט סעמיועל האט אנגעהויבן זיין טעטיקייט אין ארץ־ישראל אלס הויך־קאמיסאר (יולי

1920). — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז אין דער אמת'ן גאר ניט געווען גרייט צו פירן אַ ממשותדיקע קאלאניזאציע־טעטיקייט.

די לאָנדאָנער יאָר־קאָנפערענץ (יולי 1920)

די ציוניסטישע יאָר־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, וואָס האָט זיך פאַר־זאמלט אין דער זעלבער צייט, ווען הערבערט סעמיועל האָט איבערגענו־מען זיין אמט — איז געווען דער ערשטער ציוניסטישער צוזאמענפאר נאכן קריג, אין וועלכן ס'האבן זיך באטייליקט אויסגעוויילטע פארטרעטער פון אלע לענדער (אַ חוץ רוסלאנד). די דאזיקע קאנפערענץ איז אוועקגע־שטעלט געווארן פאר אַ שווערער און פאראנטווארטלעכער אויפגאבע. ווי ס'האט זיך ארויסגעוויזן, איז זי נאר טיילווייז געווען ראוי צו דעם. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס די ציוניסטישע עפענטלעכקייט האָט שאַרף קריטיקירט די פאַרהאַנדלונגען און רעזולטאַטן פון דער קאָנפערענץ, וועלכע איז געווען רייך אין רייבונגען. די קריטיק איז אין אַ סך הינזיכטן געווען בארעכטיקט. אבער ווער ס'מאכט אַ גענויען איבערבליק איבער דער אנטוויקלונג פון דער קאלאניזאציע־טעטיקייט פון יענער צייט ביז היינט מוז פעסטשטעלן, אז אין יענע שטורמישע טעג איז געלייגט געווארן דער יסוד פאַר דער גאַנצער אַרבעט, וואָס איז פון דעמאָלט אָן געמאַכט גע־ווארן אין ארץ־ישראל.

צוויי גרונט־פראַגן האָבן געפאָדערט זייער לייזונג פון דער קאָנפערענץ: 1) אויף אַ וועלכן אופן און לויט וועלכע פּרינציפּן דאַרף געפירט ווערן די ווייטערדיקע אויפבוי־אַרבעט, 2) ווי אַזוי דארף זי פינאנסירט ווערן. אין דער ערשטער פראגע האט דער ארבעטער־פליגל געהאַט אַן אַנדערע מיינונג ווי אַלע איבעריקע דעלעגאַטן; דאַקעגן אין דער צווייטער פראגע האבן זיך די אמריקאנער אקעגנגעשטעלט די אַנשויונגען פון לאָנדאָנער קרייז.

די באָדן־פּאָליטיק און קק"ל

די א"י־דיקע ארבעטערשאפט איז, טראָץ אינערלעכע מיינונג־פאר־שידנהייטן אין באצוג אויף פרטים, געווען אייניק דארויף, אז די צוקונפטי־קע קאלאניזאציע־טעטיקייט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דארף דינען דעם אויפבוי פון אן ארבעטנדיקן ישוב אויף נאציאנאלן באדן. די אַרבעטערשאַפט האָט ניט געגלויבט אין דער פּרוקטבאַרקייט פון דער פּריוואַט־איניציאַטיוו אויפן געביט פון לאנדווירטשאפט און האט מורא געהאט, אז צוליב איר אומגעצוימטער השפעה וועלן ווייטער אנטשטיין גרויסע לאנדווירטשאפטלעכע פערמעס, וואס וועלן באהערשט ווערן דורך

ביליקער אראבישער ארבעט; די באדן־פרייזן וועלן ספעקולאטיוו אויפ־ געשרויפט ווערן, און דער שאָדן, וועלכן די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע וועט צוליב דעם ליידן, וועט איבערשטייגן דעם נוצן, וואס מ׳האט דער־ וואַרט פון פרייען געלט־צופלוס. דערפאר האבן די ארבעטער געשטעלט אַ ראַדיקאַלע פאָדערונג, אַז אין דער צוקונפט זאָל נאָר דער קק״ל זיין בארעכטיקט צו דערווערבן באדן אין ארץ־ישראל. אין דעם פאל וועט די ציוניסטישע ארגאניזאציע קענען דורכזעצן אירע קאלאניזאציע־פרינציפן דורך דעם, וואָס דער קק״ל וועט אָפּהענגיק מאַכן דאָס איבערגעבן באָדן אין ירושה־פאַכטונג צום באַארבעטן אָדער פאַר בוי־צוועקן, נאָר דעם וואָס וועט זיך פארפליכטן אָפּצוהיטן די קאָלאָניזאציע־פרינציפן.

אקעגן דער דערמאנטער פאדערונג פון די ארבעטער־קרייזן איז אנט־ שטאנען אַ העפטיקע אפאזיציע וואס איז, טראָץ איר איינהייטלעכער האנ־ דלונג, ארויסגעגאנגען פון צוויי פארשידענע שטאנדפונקטן. איין טייל פון די דעלעגאַטן איז איבערהויפּט געווען קעגן וועלכע ס׳איז באַגרענעצונג פון דער פריוואַט־איניציאַטיוו, וועלכע זיי האָבן — לויט דער אַלטער ליבע־ ראלער טראדיציע — באטראכט אלס דעם וויכטיקסטן כוח אין ווירטשאפט־ לעכן לעבן. דער צווייטער טייל דעלעגאַטן האָט אין פרינציפּ מסכים געווען מיט די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. צו זיי האָבן אויך געהערט די אַמערי־ קאַנער ציוניסטן, וואָס האָבן אויף זייער פּיטסבורגער קאָנפערענץ אין 1918 אָנגענומען באשלוסן אין דעם זין. די לייטונג פון קק״ל איז, פארשטייט זיך, אויך געווען פאר דעם און די ציוניסטישע עפנטלעכקייט פון דער גארער וועלט האָט אונטערשטיצט אירע באַמיונגען. די אַנטוויקלונג אָבער פון די לעצטע יאָרן האָט באַוויזן, אַז די ווירקלעכקייט איז גאָר אַן אַנדערע. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס צעשטערטע און אין פיל לענדער באַרויבטע יידנטום וועט ניט קענען שפענדן די ריזיקע געלט־סומען, וועלכע די פארווירקלע־ כונג פון דעם דערמאָנטן פרינציפּ וועט פאָדערן. צוליב דעם זיינען זיי (ד. ה. דער צווייטער טייל דעלעגאטן, וואס אין פרינציפּ זיינען זיי געווען פאר דער פאדערונג פון די ארבעטער) געווען אין דער מיינונג, אז ס׳איז אומ־ מעגלעך צו פארציכטן אויף פריוואט־קאפיטאל פאר באדן־דערווערבונג (שוין אָפּגערעדט אויף זיין באטייליקונג אין אויפבוי פון לאנד אין אלגע־ מיין), און זיי האבן מורא געהאט אז אויב דעם קק״ל וועט איבערגעגעבן ווערן דער מאָנאָפּאָל אויף באָדן־דערווערבונג, וועט איבערהויפּט אָפּגע־ שטעלט ווערן דער צופלוס פון פריוואטן קאפיטאל.

צום סוף איז מען דערגאַנגען צו אַ פשרה, לויט וועלכער די אַרבע־ טער־פאדערונגען זיינען אין פרינציפּ אנגענומען געווארן אלס יסוד פאר דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, אָבער צוגלייך איז באַשלאָסן

געוואָרן צו עפנען „טיר און טויערן״ פאַר דער פּריוואַט־איניציאַטיוו ,וועמענס עווענטועלן שעדלעכן איינפלוס מ׳האָט געפּרווט דורך אַנטשפּרעכנדע געזעצלעכע באַגרענעצונגען צו פאַרמיידן. „דער הויפּט־יסוד פון דער ציוניס־טישער באָדן־פּאָליטיק״ — מיט די ווערטער האט זיך אנגעהויבן דער פאָר־שלאַג, וואָס אַדאָלף בעם האָט אַריינגעטראָגן אין נאָמען פון דער ארץ־ישראל־קאָמיסיע און איז דורך דער קאָנפערענץ אָנגענומען געוואָרן — „איז איבערצופירן דעם באָדן, אויף וועלכן ס׳בויט זיך דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, אין רשות פון יידישן פאָלק. די עקזעקוטיווע ווערט אויפגע־פאָדערט אונטערצונעמען אלע מעגלעכע שריט, כדי צו דערפירן צו דער פולער פארווירקלעכונג פון דאָזיקן גרונט־פּרינציפּ״.

„דער טרעגער פון דער באָדן־פּאָליטיק אין שטאָט און אין דאָרף״ — ווערט דאָרט ווייטער געזאָגט — „א י ז ד ע ר ק ק ״ ל״. זיינע צילן זיינען: דערווערבן מיט פּריוויליקע פאָלקס־שפּענדונגען דעם באָדן אין ארץ־ישראל אלס אייגנטום פון יידישן פאָלק; איבערגעבן דעם באָדן אין ירושה־פאכטונג צום באארבעטן אדער פאר בוי־צוועקן; דערמעגלעכן די קאָלאָניזירונג פון זעלבסט־אַרבעטנדיקע יידן; פאַרזיכערן די באַאַרבעטונג פון באָדן מיט יידישער ארבעט; אכטונג געבן, אז דער באָדן זאל פאקטיש באארבעט ווערן און דערוויטערן די באָדן־ספּעקולאַציע.

פון די קרעדיט־אנשטאלטן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דארפן אין ערשטער ריי געניסן די קאָלאָניסטן, וואָס ווארפן זיך אונטער די פּרינציפּן פון דעם קק״ל.

דעם קק״ל אליין איז ניט דערלויבט זיך צו באשעפטיקן ניט מיט קיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט און ניט מיט קיין באַוואַלדונג, אַ חוץ דער בוימער־שפּענדונג־אַקציע. דער קק״ל דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דער אַמעליאָראַציע פון באָדן, אבער נאר אין דער מאָס, וואָס איז נויטיק כדי אים ווירטשאפטס־פעיק צו מאַכן״.

מיט די דאָזיקע באשלוסן איז אנטגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן דאס ארבעטס־געביט פון קק״ל. פאר דער מלחמה האט דער קרן קיימת, ווי ס׳איז פריער דערמאנט געוואָרן, פארווענדעט געלטער אויך פאר אלגעמיין־קאָלאָניזאטארישע צוועקן. אבער ס׳איז אלץ קלארער געוואָרן, אז דער קק״ל וועט נאָר דעמאָלט קענען בשלמות דערפילן זיין אויפגאַבע, אויב ער וועט זיך אויסשליסלעך ווידמען דעם דערווערבן פון באָדן. צוליב דעם האָט ער זיך אין די לעצטע פאר־מלחמה־יארן אפגעזאגט פון אנדערע ארבעטן. דער לאנדאנער באשלוס, וואס איז פון מאל צו מאל ווידער באשטעטיקט געוואָרן אַלס יסוד פאַר דער קק״ל־טעטיקייט, האָט אָפּגעשלאָסן דעם קאַפּיטל פון זיין ביזאיצטיקער טעטיקייט; פון איצט האָט דער קק״ל געדאַרפט דערווערבן באָדן

און אים אין אַ קאָלאָניזאַציע־פּעיִקן צושטאַנד איבערגעבן די קאָלאָניסטן כדי זיי זאָלן אים מיט אייגענע כוחות באַאַרבעטן. דערונטער האָט מען פאַר־שטאַנען, אַז דער קק״ל דאַרף — אַחוץ דעם אַפּרוימען פון די שטיינער און אויסטרוקענען פון די זומפּן א. א. וו. — אויך באַזאָרגן דעם באָדן מיט וואַ־סער. זינט דעם 16־טן קאָנגרעס (1929) איז די וואַסער־פאַרזאָרגונג פאַר די ניי־דערוואָרבענע שטחים אַרויסגענומען געוואָרן פון די הענט פון קרן קיימת און איבערגעגעבן געוואָרן דעם קרן היסוד. דער קק״ל האָט זיך גע־דאַרפט באַשעפטיקן מיט דער פּלאַנצונג פון ביימער נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפיל די אַקציע פון די ביימער־שפּענדונגען וועט אַריינברענגען מיט־לען. כדי דער קק״ל זאָל קענען ווערן דער אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר ביים דערווערבן באָדן, איז אים דערלויבט געוואָרן צו אינוועסטירן אין ארץ־ישראל אַלע זיינע געלט־מיטלען און צו נעמען הלוואות, וואָס וועלן אָפּגע־צאָלט ווערן פון די הכנסות פון דער באָדן־פאַרפאַכטונג. זיין באָדן־פּאָליטיק דאַרף אונטערשטיצט ווערן מצד די שטאַטישע און לאַנדווירט־שאַפטלעכע קרעדיט־אינסטיטוציעס. „כדי צו פאַרשנעלערן די דערווערבונג פון גרויסע באָדן־שטחים" איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן „צו געפינען אַ פאָרם, וואָס זאָל דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל דערמעגלעכן אויפצוקויפן באָדן און וואָס זאָל פאַרזיכערן דאָס איבערפירן פונעם באָדן מיט דער צייט אין רשות פון פאָלק".

די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע

פאַר דער קאָלאָניזאַציע־פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט די לאָנדאָנער קאָנפערענץ פעסטגעשטעלט די פאָלגענדע פּרינציפּן:

„דער ציל פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט איז צו באַזעצן זעלבסט־אַרבעטנדיקע לאַנדווירטן. דאָס רעכט קאָלאָניזירט צו ווערן האָבן נאָר אַרבעטער מיט אַ לאַנגיעריקער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראַקטיק אין ארץ־ישראל, ווי אויך זעלבסט־אַרבעטנדיקע יידישע לאַנדווירטן פון גלות. אַרבעטער, וואָס האָבן באַקומען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה אין גלות, וועלן קענען קאָלאָניזירט ווערן ערשט נאָכן דורכמאַכן אַן אַנטשפּרע־כנדע אַרבעטס־פּראַקטיק אין לאַנד. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געשענקט ווערן דער הכשרה פון דער פרוי פאַר קאָלאָניזאַציע־צוועקן. מ׳דאַרף אונטערשטיצן די קאָלאָניזאַציע פון קאַנדידאַטן מיט אייגענעם קאַ־פּיטאַל, אויב זיי וועלן זיך פאַרפליכטן אָפּצוהיטן די פּרינציפּן פון דער נאַצ־יאָנאַלער קאָלאָניזאַציע (זעלבסט־אַרבעט)".

דאָס זיינען די מסקנות, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעצויגן פון דער א״י־דיקער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין לויף פון די

לעצטע צען יאר. דער ציל, וואס די ארבעטער פון דער צווייטער עליה האבן זיך געשטעלט — דאס שאפן פון אַ „ישוב עובד" („ארבעטנדיקן ישוב") — איז דערקלערט געוואָרן אַלס דער קאָלאָניזאַציע־ציל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

קרן היסוד

די אלע פאדערונגען וואלטן אבער געווען פארמשפט צו פארבלייבן אויפן פאפיר, ווען די ציוניסטישע ארגאניזאציע וואלט ניט אנגענומען קיין וויכטיקע באשלוסן וועגן דער פינאנסירונג פון דעם קאלאניזאציע־ווערק. ביז צו דער מלחמה האט איבערהויפט ניט עקזיסטירט קיין קאלאניזאציע־פאָנד ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די הוצאות פאַר דער אַרבעט אין ארץ־ישראל זיינען אין גרעסטן טייל געדעקט געווארן דורכן קק"ל און דורכן קאָאָפעראַטיוון פאָנד, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר מרחביה. בשעת דער מלחמה זיינען געגרינדעט געווארן ספעציעלע הילפס־פאנדן און שפּע־טער — אין דער איבערגאנגס־צייט — די צוויי פאנדן: „קרן־ההכנה" (פאר־ברייטונגס־פאָנד) און „קרן־הגאולה" (אויסלייזונגס־פאָנד), דאָס הייסט הילפס־פאנדן, וואס זיינען געווען בארעכנט אויף אַ קורצער צייט און פאר ספעציעלע אַקציעס. איצט איז נויטיק געווען צו געפינען פינאַנסירונגס־מעגלעכקייטן פאַר אַ דויערהאַפטער אַרבעט, וואָס וועט פאָדערן גרויסע געלט־מיטלען. די יאר־קאנפערענץ האט דערפאר באשלאסן צו גרינדן אַ באזונדערן עליה־און קאלאניזאציע־פאנד אונטערן נאמען „קרן־היסוד".

דער נייער פאנד איז לכתחילה ניט געפלאנט געווען אלס אַ סטאבילע געלטזאמל־אינסטיטוציע. זיינע גרינדער האָבן געוואָלט דורך אַן איינמאָלי־קער פלאמיקער ווענדונג צום יידישן פאָלק צונויפזאמלען אין משך פון אַ יאָר אדער מינדעסטנס פינף יאר אַ גרויסן גרונט־קאפּיטאל — ס'האט זיך דע־מאָלט געהאַנדלט וועגן 25 מיליאָן פונט — וואָס זאָל דערמעגלעכן צו לייגן די פעסטע יסודות פאר אַ סיסטעמאטישן אויפבוי פון ארץ־ישראל אין אַ ברייטן מאסשטאַב. דאס איז אויך געווען די כוונה ביים אנרופן דעם פאנד מיטן נאָמען „קרן היסוד". לויטן פלאן האָבן 20% פון דעם אויפגעזאמלטן קאפּיטאל געדאַרפט איבערגעוויזן ווערן דעם קק"ל פאר באדן־קויף און 80% האָבן געדאַרפט דינען פאַר די איבעריקע אויפבוי־אַרבעטן: איין דריטל איז געווען פאַרויסגעזען פאר אלגעמיינע צוועקן, (דערציונג, עליה, געזונט־הייטסוועזן), און די איבריקע צוויי דריטל האבן געדאַרפט פאַרווענדעט ווערן פאר דויערהאפטע נאציאנאלע אינוועסטיציעס און פאר ווירטשאפט־לעכע ווערק אין שטאָט און אין דארף. דורכן אויפשטעלן אַ בשותפותדיקן פאָנד פאַר ווירטשאַפטלעכע אינוועסטיציעס (דאָס הייסט געלטער, וועלכע מ'וועט נאָך אַ געווויסער צייט צוריקבאַקומען) און פאַר הוצאות פאַר עפנט־

לעכע צוועקן (דאס הייסט געלטער וואס וועלן ניט צוריקגעצאלט ווערן) — האט מען געשטרעבט ניט נאר צו פארוואנדלען די ציוניסטישע ארגאַניזאציע אין דעם אנטשיידנדיקן אויפבוי־פאקטאר, נאר מ׳האט אויך געהאפט, אז ס׳וועט מעגלעך זיין צו צאלן די שפענדער אַ דורכשניטס־פראַצענט פון די סומען, וואס זיי האבן געשפענדעט.

שוין אין דער קאָנצעפּציע איז קענבאר די טענדענץ ניט צו שאפן אַ נייעם פילאנטראפּישן נדבה־פאנד, וואס זאל זיך דארפן שטיצן אויף דער זאמלונג פון קליינע שפענדונגען; נאך אַ שטארקערן אויסדרוק האט די דאַזיקע טענדענץ געפונען אין דעם לאזונג, וואס האט געדארפט דינען פאר די געלט־זאמלונגען; דאס איז געווען די באנייונג פונעם באגריף „מעשר", וואס איז אין דער צייט, ווען דער בית־המקדש האט עקזיסטירט, געווען פארויסגעזען פאר די כוהנים און שפעטער פאר צדקה־צוועקן. די ציוניסטן און דאס גאנצע יידנטום זיינען דורכדעם אויפגעפאדערט געווארן זיך צו פארפליכטן פרייוויליק צו שפענדן 10% פון זייער פאַרמעגן און זייערע הכנסות פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל. מ׳האט געהאפט, אז דאס וועלט־יידנטום וועט אונטערן איינפלוס פון די גרויסע פאליטישע דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע גוטוויליק ברענגען דעם, פון אים געפאדערטן, קרבן.

ס׳האט זיך אבער שנעל ארויסגעוויזן, אז די האפנונגען, אויף וועלכע דער „קרן היסוד" האָט זיך געשטיצט, זיינען געווען איבערגעטריבן. די אָפּאָזיציע מצד דער לייטונג פון די אמריקאנער ציוניסטן, וואס האט געוואלט פארוואנדלען דעם „קרן היסוד" אין אַ שפענדונגס־פאנד פאר געזעלשאפטלעכע צוועקן און וואָס האָט געפאָדערט געלטער פאַר ווירטשאַפטלעכע איבּוועסטיציעס אויפצובויען אויף ריין־עקאָנאָמישע יסודות; די אָפּגעשוואַכטע גרייטקייט פון די מערב־יידן צו שפענדן פאר ארץ־ישראל, פאר וועלכער זיי האבן געגעבן גרויסע סומען אין די פריערדיקע יארן, און זייער אנטייל אין די הילפס־אקציעס פאר די, פון די פאגראמען־געליטענע יידן אין מזרח־אייראָפּע; דאָס אָוועקפאַלן פון די רייכע רוסישע יידן, אויף וועלכע מ׳האָט נאך בשעת דעם גרינדן פון „קרן היסוד" געלייגט גרויסע האפנונגען; דער עקאנאמישער קריזיס אין אייראפּע און שליסלעך — דער פאקט, אז דאס יידנטום איז איבערהויפּט ניט געווען צוגעגרייט פאר דער נייער אויפגאבע, וואָס איז אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן — דאָס אַלץ צוזאמען האָט גורם געווען דערצו, אז די גרויסע האָפנונגען זיינען וואָס אמאָל מער איינגעשרומפּן. דאס ערשטע יאר — אמת דעמאלט האט מען נאך געמוזט איבערווינדן די שוועריקייטן אין אַמעריקע און געפינען די אַנטשפרעכנדיקע פּראָפּאגאנדע־און ארגאניזאציע־פארמען — האט געבראכט אַ זייער קליינעם דערפאָלג (ביז סעפּטעמבער 1921 זיינען אויפגעזאַמלט געוואָרן קנאַפּע

115.000 פונט). און אויך שפּעטער האָבן די הכנסות קיין מאָל ניט אָנגעיאָגט די באַדערפֿנישן. ערשט נאָך 15 יאָר זינט דער גרינדונג פֿון „קרן היסוד" זיינען אויפֿגעזאַמלט געוואָרן די ערשטע 5 מיליאָן פֿונט, וועלכע מ'האָט געקלערט צונויפֿצוזאַמלען ניט שפּעטער ווי אין פֿאַרלויף פֿון איין יאָר.

די רעזולטאַטן זיינען אַזוי אַרום געווען קליין און שוואַך אין פֿאַרגלייך צו די אָפּנונגען און באַדערפֿנישן, דאָך האָבן זיי אַ גרויסע חשיבות: אַלץ, וואָס איז זייט 1921 געשאַפֿן אָדער אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל — אויסער דער באָדן־דערוווערבונג — איז געמאַכט געוואָרן מיט די קרן היסוד־געלטער. דער קרן היסוד איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אינם בודזשעט־פֿאָנד פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אמת, ניט תּמיד זיינען צו איר רשות געשטעלט געוואָרן די פֿולע בודזשעטן, אַזוי ווי זיי זיינען דורך די קאָנגרעסן באַשלאָסן געוואָרן; אָבער דער עצם פֿאַקט, אַז ס'זיינען געווען און ס'זיינען פֿאַראַן רעגלמעסיקע יאָר־בודזשעטן פֿאַרן אויפֿבוי און פֿאַרוואַלטונג, איז דאָס דער זכות פֿון „קרן היסוד", זיינע גרינדער, אָנפֿירער און עסקנים. אויסער דעם האָבן די קרן היסוד־אַקציעס דערפֿילט אַ גרויסע דערציונגס־טעטיקייט צווישן די יידן פֿון דער גאָרער וועלט; דער קרן היסוד האָט ברייטע קרייזן פֿון יידישן פֿאָלק אויף אַ לעבעדיקן אופֿן פֿאַרבונדן מיטן ארץ־ישראל־אויפֿבוי און האָט זיי צוגעוווינט רעגלמעסיק און אין אַ שטייגנדיקער מאָס צו ברענגען פֿינאַנסיעלע קרבנות לטובֿת דעם לאַנד.

די אויסלייזונג פֿון עמק יזרעאל

אין דער זעלבער צייט, ווען אין לאָנדאָן אויף דער ציוניסטישער יאָר־קאָנפֿערענץ זיינען אָנגענומען געוואָרן אַנטשיידענע באַשלוסן וועגן דער צוקונפֿטיקער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט, ווען אין ארץ־ישראל האָט די ציוויל־פֿאַרוואַלטונג אונטער דער לייטונג פֿון הערבערט סעמיועל אָנגעהויבן איר טעטיקייט און ווען די א"י־דיקע אַרבעטער זיינען געשטאַנען פֿאַר נייע קאָלאָניזאַציע־פֿאָרמען — אין דער זעלבער צייט האָט דער קק"ל דערוואָרבן די ערשטע גרויסע באָדן־שטחים אין עמק יזרעאל, אויף וועלכע ס'האָט זיך אין די נאָענטסטע יאָרן געדאַרפֿט קאָנצענטרירן די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

דאָס דערוווערבן פֿון עמק יזרעאל האָט באַשעפֿטיקט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אָדער בעסער געזאָגט, איר באָדן־דערלייזער, י ה ו ש ע ח א נ ק י ן, אין משך פֿון 30 יאָר. נאָך אין יאָר 1891 האָט זיך ח א נ ק י ן פֿאַרזיכערט דעם קויף פֿון 160 טויזנט דונאַם אין עמק, אָבער ער האָט דעם קויף ניט געקאָנט אויספֿירן, ווייל דער איינוואַנדערונגס־פֿאַרבאָט פֿון דער טערקישער רעגירונג האָט געבראַכט צו דער אויפֿלעזונג פֿון די צאָלרייכע באָדן־

קויף־געזעלשאַפטן. אין 1910 איז מיטן קויף פון מרחביה (9.500 דונאַם) געמאכט געוואָרן דער ערשטער טריט צו קאָלאָניזירן דעם עמק. זייט דע־מאָלט האָט זיך חאַנקין אומאויפהערלעך באמיט צו קויפן נייעם באָדן. אין 1913 איז אים געלונגען צו פאַרזיכערן אויף להבא פאַר דער „חברת הכשרת הישוב" דעם באָדן פון תל־עדש (18.000 דונאַם), און אין 1914 האָט ער אָפּגעשלאָסן אַ פּרעלימינאַר־אָפּמאַך מיטן גרויסן גרונט־באַזיצער סורסוק, וואָס האָט געוווינט אין ביירות, וועגן דער דערווערבונג פון אַ ריזיקן שטח פון 140 טויזנט דונאַם. צוליבן קריג־אויסברוך איז די קויף־דורכפירונג געשטערט געוואָרן. דער משא־ומתן אין דער פראַגע איז באַנייט געוואָרן אין אנהויב 1920. דעם 27־טן אויגוסט 1920 האָט ח אַ נ ק י ן אונטערגעשריבן אַ פּראָוויזאָרישן קאָנטראַקט אויף 70 טויזנט דונאַם. דער קויף־פּרייז האָט באַטראָפן 300 טויזנט פונט און האָט געזאָלט תיכף מיטן איבערנעמען פון דעם באָדן באַצאָלט ווערן. חאַנקין האָט זיך געווענדעט צום ועד הצירים און צו דער א"י־דיקער פאַרטרעטונג פונעם קק"ל, וואָס איז באַשטאַנען פון מנחם אוסישקין, ד"ר רופין און עקיבא עטינגער מיט אַ פאָרשלאָג, אַז דער קק"ל זאָל איבערנעמען דעם קאָנטראַקט. דאָס איז אָבער געווען אוממעג־לעך, ווייל דער קק"ל האָט ניט דיספּאָנירט מיט גענוג געלט, כדי תיכף צו קענען באַצאָלן דעם געפאָדערטן קויף־פּרייז. ערשט נאָכדעם, ווי חאַנקין האָט, לויט רופינס עצה, מצליח געווען צו ענדערן די באַדינגונגען פון קאָנטראַקט און אויסגעפּועלט, אַז דער קויף־פּרייז זאָל — אין קעגנזאַץ צום אָנגענומענעם מנהג — באַצאָלט ווערן אין זעקס יערלעכע ראַטן, האָבן די מיטגלידער פון דער קק"ל־פאַרטרעטונג מסכים געווען צום קויף און האָבן, ניט פרעגנדיק די קק"ל־צענטראַלע, וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט געפונען אין האָלאַנד, אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט.

די דאָזיקע האַנדלונג אויף אייגענער אחריות און דאָס דערווערבן פון דעם עמק אין אַלגעמיין האָבן גורם געווען צו אַ שאַרפן קאָנפליקט מיטן קק"ל־לייטער, דע־לימע, וואָס איז גראָד דעמאָלט (אָקטאָבער 1920) צוזאַ־מען מיט יוליוס סימאָן און ראָבערט סאָלד, אַלס מיטגלידער פון דער „רע־אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע", געקומען קיין ארץ־ישראל אויף אַן אויפנטהאַלט פון זעקס וואָכן, כדי אין נאָמען פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו רע־אָרגאַניזירן די ארץ־ישראל־אַרבעט און זי צוצופּאַסן צו די ווייניקע געלט־מיטלען, וואָס זיינען געווען אין רשות פון דער עקזעקוטיווע. דער חדשים־דויערנדיקער סכסוך האָט זיך געענדיקט מיט דער באַשטעטיקונג פונעם באָדן־קויף. אויף דער צוועלפטער קאָנגרעס (סעפּטעמבער 1921) האָט נאָך אַ העפטיקן ויכוח באַשטעטיקט די טראַנזאַקציע, נאָך וועלכער ס'האָבן באַלד געדאַרפט קומען נייע באָדן־קניות אין עמק.

אויפן 12־טן קאנגרעס איז אויך פארלויפיק אָפּגעשלאָסן געוואָרן די לאַנגיעריקע דיסקוסיע וועגן דער קאָלאָניזאַציע־שיטה פונעם באָדן, וואָס איז שוין אויסגעלייזט געוואָרן און וואָס וועט להבא אויסגעלייזט ווערן. ס'זיינען געווען דריי ריכטונגען. די ערשטע וואָס איר גייסטיקער פאָטער איז געווען יצחק ווילקאַנסקי, האָט געפאָדערט מ'זאָל פאַרווענדן דעם גרעסטן טייל פון די געלט־מיטלען אויף דער דערוואַרבונג פון, ווי ווייט מעגלעך, גרויסע באָדן־קאָמפּלעקסן און זיי אין אַנהייב עקסטענסיוו באַאַרבעטן. גלייכצייטיק דאַרף געגרינדעט ווערן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער פאָרשונגס־אינסטיטוט, וואָס וועט דאַרפן, דורך סיסטעמאַטישע פאַרזוכן, פעסטשטעלן די אַנטשפּרעכנדע באַאַרבעטונגס־מעטאָדן פון דער דאָזיקער ערד. אויב נאָך אייניקע יאָרן וועט די גאַנצע אין באַטראַכט־קומענדיקע ערד זיך געפינען אין יידישע הענט, און דער פאָרשונגס־אינסטיטוט וועט דערגיין צו געוואונשענע פּראַקטישע רעזולטאַטן — וועט די ערד קענען פּלאַנמעסיק קאָלאָניזירט ווערן. מיט די הויפּט־פּונקטן פון דער אויפפאַסונג האָבן אויך מסכים געווען די „רעאָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע" און אַ טייל פון די אַמעריקאַנער ציוניסטן אונטער דער אָנפירונג פון בראַנדייס. דאַקעגן זיינען אַנדערע, און באַזונדערס סאָסקין, געווען פאַר אַן אינטענסיווער ווירטשאַפט (גרינסן־גערטנערײַ). רופּין און עטינגער האָבן אָנגענומען אַ פּשרה־שטעלונג. אויך זיי האָבן אונטערשטיצט דאָס גרינדן פון אַ פאָרשונגס־אינסטיטוט, וואָס איז טאַקע אַנטשטאַנען אין יאָר 1920. אָבער צוזאַמען מיט דעם האָבן זיי געפאָדערט אַ באַלדיקע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, ווייל נאָר אַ דאַנק דער צוזאַמענווירקונג פון דער פאָרשונגס־אַרבעט מיט דער פּראַקטישער קאָלאָניזאַציע וועט — לויט זייער מיינונג — געפונען ווערן די אַממייסטן אַנטשפּרעכנדע שיטה, און צווייטנס, ווייל ס'איז ניט דענקבאַר ווייטער אָפּצושטופּן דאָס קאָלאָניזירן פון אַרבעטער מיט אַ גוטער לאַנדווירטשאַפטלעכער דערפאַרונג, וואָס געפינען זיך שוין לאַנג אין לאַנד און וואַרטן זייט יאָרן אויף דער מעגלעכקייט באַזעצט צו ווערן. די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט דאַרף מיט מער אָדער ווייניקער עקסטענסיווע מעטאָדן אָנגעהויבן ווערן, אָבער גלייכצייטיק דאַרף געשטרעבט ווערן צו אַ שטייגנדיקער אינטענסיפיקאַציע פון דער ווירטשאַפט, צו אַ ראַציאָנעלער אויסנוצונג פונעם באָדן, וואָס איז שוין ווירטשאַפטס־פעיק. אין גייסט פון דער דאָזיקער אָנשוייונג איז אויך אָנגענומען געוואָרן דער קאָנגרעס־באַשלוס. נאָך האָט דער קאָנגרעס ניט פאַרענדיקט די פאַרהאַנדלונגען — און די ערשטע קבוצות זיינען שוין אַרויף אויפן באָדן פון עמק.

די קאָלאָניזאַציע אין די יאָרן 1921—1924

די קאָלאָניזירונג פון עמק יזרעאל

די יידישע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין עמק יזרעאל האָט זיך אָנגע־הויבן אין 1911 אין מיטלטייל פון זיין שטח. מיט העראָישע אָנשטרענגונגען און אַ סך קרבנות האָבן דעמאָלט די ערשטע קאָלאָניסטן דעראָבערט די ערד פון מרחביה. די שכנותדיקע שטחים פון תל־עדשים (18 טויזנט דונאַם), וואָס זיינען קורץ פאַרן מלחמה־אויסברוך געפּאַכטעט געוואָרן דורך דער „חברת הכשרת הישוב" און זיינען דורך איר אַנטגילטיק דערוואָרבן געוואָרן סוף 1921, זיינען זייט 1914 באַאַרבעט געוואָרן דורך אַ קבוצה, וועמענס אויפגאַבע איז לכתחילה געווען בלויז דעם באָדן צו פאַרזיכערן. אין 1923 איז אויף דעם פּלאַץ געגרינדעט געוואָרן אַ מושב עובדים. 8 טויזנט דונאַם פון דעם דאָזיקן שטח האָט די חברת הכשרת הישוב תיכף פאַרקויפט דער „קהילית ציון" אין אַמעריקע, אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1914 אין ניו־יאָרק און וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל צו דערווערבן און צוגרייטן באָדן פאַר אירע מיטגלידער. זייט ענדע 1919 האָט, אין אויפ־טראַג פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, דאָ געאַרבעט אַן אַרבעטער־גרופּע, טיילווייז אַמעריקאַנער לעגיאָנערן, ביי דער צוגרייטונג פון באָדן פאַר דער צוקונפטיקער קאָלאָניזאַציע. דער דאָזיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּונקט איז געווען דער ערשטער נאָך דער פאַרעפנטלעכונג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע און איז דערפאַר אָנגערופן געוואָרן: בלפוריה. אַזוי האָט אין 1921 אויסגעזען די לאַגע אין מיטלטייל פון עמק יזרעאל.

די גרינדונג פון ערשטן מושב עובדים: נהלל

די פּלענער פאַר דער קאָלאָניזירונג פון מזרחדיקן און מערבדיקן פליגל פון עמק, וואָס זיינען איצט דערוואָרבן געוואָרן דורכן קק"ל, זיינען אין אָנהייב אָנגעצייכנט געוואָרן בלויז אין זייערע אַלגעמיינע הויפּט־שטריכן. ס'איז קלאָר געווען, אַז אין מערבדיקן טייל, אין דעם אַזוי גערו־פענעם גוש מהלול, וועט אַנטשטיין דער ערשטער מושב עובדים לויטן פּלאַן

פון אליעזר יפה, וואָס האָט באַקומען אַן אַלגעמיינע צושטימונג. צוויי טעג איידער דער 12־טער קאנגרעס האט באשלאסן וועגן דעם אנהייב פון דער קאָלאניזאציע אין עמק און איידער ער האט באשטעטיקט דעם בודזשעט פאר דער גרינדונג פון צוויי מושבי עובדים, (ח׳ אלול 11.9.1921) האבן — לויט דער דרינגענדער אויפפאדערונג פון יהושע חאנקין און מיט דער הסכמה פון פארשטייער פון דעם ועד הצירים, ד״ר יעקב טאן — 20 יוגנט־לעכע, חברים פון צוקונפטיקן מושב, אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אויפן שפּיץ פון אַ בערגל אין שכנות פון אַראַבישן דאָרף מהלול (מזרח פונעם היינטיקן נהלל), כדי צו דערגרעבערן דעם באדן פון גוש מהלול, אויף וועלכן זייער מושב האט געדארפט געגרינדעט ווערן. זייערע איבעריקע חברים האבן זיי נאכגעפאלגט אין פרילינג און זומער 1922. די גאנצע גרופּע איז באשטאנען פון 75 דערפארענע און איבערגעגעבענע חברים פון דער צוויי־טער עליה און האבן אנגעהערט דעם „הפועל הצעיר״. אַ גרויסער טייל פון זיי האט אדורכגעמאכט דעם גאנצן וועג פון דער צווייטער עליה, פון כבוש עבודה ביז צו דער גרינדונג פון די קבוצות און ביז צו דער אנטוי־שונג אין זיי; אייניקע פון זיי זיינען געווען צווישן די גרינדער פון דגניה. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען בעלי־משפחות. אַ תשובה אויף די פּראבלעמען, וואס האבן זיי געמאטערט, האבן זיי געפונען אין דער בראָשור פון אליעזר יפה וועגן דער גרינדונג פון מושבי עובדים, און זיי האָבן באשלאָסן פארווירקלעכן דעם געדאנק.

זייער דרינגענסטע אויפגאבע איז געווען געזונט צו מאַכן דעם באָדן. איידער די זאך וועט געטאן ווערן, איז אוממעגלעך געווען צוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַ ווירטשאפט. דער גאנצער שטח איז געווען רייך מיט גרויסע און קליינע זומפּן, וואָס זיינען אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס די שכנותדיקע וואסער־קוואלן האָבן ניט געהאט קיין גענוגענדן אָפּפלוס. אין די זומפּן האָבן געהאט זייערע נעסטן די אַנאָפעלעס־קאָמאַרעס, וואָס פירן איבער מאלאריע און פארניכטן אלץ וואס לעבט אין זייער תחום. צוויי ישובים, אַ דייט־שער און אַן אראבישער, וואס האבן זיך געפונען אויף דעם באדן, זיינען צוליב די קראנקייטן אומגעקומען. וויסט איז געווען דער דאָזיקער שטח. די אַראַבער האָבן געטענהט, אַז ווער ס׳טרינקט פון די דאָזיקע וואַסערן — ווערט זיין בויך געשוואלן און שטארבט אין פארלויף פון דריי טעג. גלייכצייטיק מיט דער באשטעטיקונג פונעם באדן־קויף האט דעריבער דער קק״ל באשלאסן אדורכצופירן די אנטשפרעכנדיקע אמעליאָראציעס און וואַ־סער־איינריכטונגען, ווי אויך צו בויען פארבינדונגס־וועגן צו די הויפּט־כבישים. און מ׳איז טאַקע גלייך צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער אַרבעט, וואָס האט געדארפט אויסגעפירט ווערן דורך די צוקונפטיקע קאלאניסטן, וואס

האבן נאך דערווייל געלעבט אין דער פארם פון אַ קבוצה. „נהלל" האבן זיי אנגערופן דעם דאזיקן לאגער פון געצעלטן און באראקן, דעם קערן פון נייעם ישוב.

די קאָלאָניזאַציע פון גוש נוריס

גלייכצייטיק מיט די ארבעטן אין מערב־טייל פון עמק האבן זיך אנ־געהויבן די צוגרייטונגס־ארבעטן אין גרויסן מזרחדיקן טייל פון עמק, דעם אַזוי־גערופענעם „גוש נוריס" (אויפן נאָמען פון אַראַבישן דאָרף נוריס). די מחלקת ההתישבות (קאלאניזאציע־אפטיילונג) האט אמת ניט פארגעשלאגן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס קיין שום קאָנקרעטן פלאַן בנוגע דעם דאָזיקן שטח. איינס איז אבער געווען קלאר, אז די סאנירונגס־און אמעליאָראציע־אַרבעטן פון דעם באָדן וועלן אַדורכגעפירט ווערן דורכן „גדוד העבודה". אויך דא האט דער „גדוד העבודה" לויט חאנקינס עצה אנגעהויבן צוגרייטן די באזעצונג פון שטח נאך איידער ס'איז באשטעטיקט געווארן דער בודזשעט פאר דעם צוועק. און אין דער אמתן — איז דער גדוד העבודה געווען די פאסיקסטע קערפערשאפט וואָס איז געווען באַרופן דערצו.

אין יאָר־טאָג פון זיין גרינדונג, י"א אלול תרפ"א (14.9.1921), אין טאג אין וועלכן דער גדוד העבודה האט אויף זיין צוזאמענפאר אין חיפה באשלאסן ארויפצוגיין אויפן באדן פון עמק, האט די צאל פון זיינע חברים באטראפן 560, דאס רוב פון זיי — חלוצים פון דער דריטער עליה, אבער צווישן זיי איז אויך געווען אַ באדייטנדע צאל ארבעטער פון דער צווייטער עליה, מענטשן מיט אַ רייכער דערפארונג אין ארבעט און אין שמירה. אַ וואך שפעטער, י"ח אלול תרפ"א (21.9.1921), דאָס הייסט — 10 טעג נאכדעם ווי די הכשרה־גרופע פון נהלל איז ארויף אויפן באדן, איז אונטער דער אנפי־רונג פון באקאנטן שומר צבי ניסאַנאָוו אריין די ערשטע קבוצה פון 35 גדוד־חברים אין עמק נוריס. א צווייטער טייל, וואָס איז באשטאנען פון 40 מאַן, האָט זיי צומאָרגנס נאָכגעפאָלגט. אין שכנות פון אוראַלטן קוואַל עין־חרוד, ווו גדעון האָט אַמאָל אויסגעהרגעט די מדין־שבטים, וואָס האָבן אהער ארייגגעדרונגען פון דעם מדבר, האבן זיי אויפגעשטעלט אַ גרויסע באפעסטיקטע געצעלטן־מחנה, וואס איז געווען ארומגערינגלט מיט שטעכעל־דראטן און מיט שנעל אויסגעגראָבענע שוצגראָבנס. די מחנה האָבן זיי אנגערופן מיטן היסטארישן נאמען „ע י ן ־ ח ר ו ד". זיי האבן זיך פעסט גענומען צו דער ארבעט, און וואס מער די ארבעט האט זיך פונאנדער־געוויקלט — זיינען אלע מאל צוגעקומען נייע מענטשן. דעם 13־טן דעצעמ־בער 1921 האט דער גדוד, ניט פרעגנדיק די קאלאניזאציע־אפטיילונג, אויפ־געשטעלט אויף אַ בערגל, וואָס האָט זיך געפונען 4 קילאָמעטער צו מזרח

פון עין חרוד, אַ צווייטע באַפּעסטיקטע מחנה, וואָס איז צום אָנדענק פון יוסף טרומפּעלדאָר אָנגערופן געוואָרן „תל־יוסף". אין סוף פון 1921 האָבן זיך שוין אין ביידע מחנות געפונען מער ווי 300 חברים פון דעם גדוד העבודה, וואָס האָט אַריבערגעטראָגן זיין צענטראַלע קיין עין־חרוד. דורך דער באַזעצונג פון דעם געביט מיט אַ גרויסער צאָל מענטשן און באַפּעסטיקטע לאַגערס איז געלונגען צו פאַרזיכערן דעם פּלאַץ אָן מלחמות און קרבנות, וואָס האָבן באַגלייט די ערשטע קאָלאָניזאַציע־שריט אין עמק — אין מרחביה.

אויב דער קאָנגרעס און די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס האָבן פאַרלויפּיק ניט געוואָלט באַשטימען די פאָרם פון דער צוקונפטיקער קאָלאָניזירונג פון גוש נוריס, האָט דאַקעגן דער גדוד העבודה געוווּסט וואָס ער וויל און האָט געהאַט אַ קלאָרע כוונה: ער האָט געשטרעבט צו דעראָבערן דאָס אָרט ניט פאַר אַנדערע, נאָר פאַר זיך אַליין. באַלד נאָך דער גרינדונג פונעם גדוד איז צו אים צוגעטראָטן לעווקאָוויטש און מיט אים אַ טייל פון די חברים פון דער קבוצת כנרת. זיי האָבן אין גדוד געזען דעם כוח, וואָס וועט קענען פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון דער „גרויסער קבוצה". צו דעם צוועק האָט לעווקאָוויטש און דער גדוד געוואָלט איבערנעמען אין זייער רשות דעם גאַנצן שטח פון גוש נוריס (29.000 דונאַם). דער גאַנצער געביט האָט געדאַרפט איינגעטיילט ווערן אין דריי ווירטשאַפטס־קרייזן: אין איינעם האָבן זיך געדאַרפט געפינען אַלע מאַגאַזינען, וואַרשטאַטן, גרינס־גאָרטנס, שטאַלן, הינערשטייגן און בינשטאָקן, — ד. ה. די הויז־ און הויף־ווירטשאַפט; אין די איבעריקע צוויי קרייזן האָבן געדאַרפט געפירט ווערן די עיקרדיקע פעלדארבעטן, אין איינעם — די פלחה און אין צווייטן — די פּלאַנצונגען. די אַלע דריי קרייזן צוזאַמען האָבן געדאַרפט בילדן איין גרויסע בשותפותדיקע ווירטשאַפט, וואָס וועט אַליין פּראָדוצירן אַלע מענטשלעכע געברויכס־אַרטיקלען און וועט שפּייזן אַ גרויסע שטאָטיש־דאָרפישע באַפעלקערונג, פון אָנהייב אייניקע הונדערטער און שפּעטער — אייניקע טויזנטער.

טראָץ אַלע באַוואָרענישן, וואָס מ'האָט געקאָנט האָבן צו דער רעאַליזאַציע־מעגלעכקייט פון דעם פּראָיעקט, האָט מען געמוזט מודה זיין, אַז ס'איז אָנגעוואָרפן געוואָרן אַ גרויסצוגיקער פּלאַן פאַר דער סיסטעמאַטישער באַאַרבעטונג פון דעם גאַנצן נוריס־בלאָק. דער פּלאַן איז אָבער לכתחילה פאַרשמעלערט געוואָרן אין אַן ענגערער ראַם. די סיבה איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף פאַרשידענע טיילן פון דעם גוש נוריס האָבן זיך געפונען אויך אַנדערע פּרעטענדענטן, וואָס האָבן באַקומען די הסכמה פון דעם מרכז חקלאי ביי דער הסתדרות און פון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע קאַנדידאַטן זיינען באַשטאַנען

פון חברים פון דער צווייטער און דריטער עליה, און כמעט יעדע גרופע האָט זיך אויסגעוויילט אַן אנדערע קאָלאָניזאַציע־פאָרם.

דעם 17־טן דעצעמבער 1921 (4 טעג נאכן אויפשטעלן די מחנה אין תל־יוסף) זיינען די ערשטע 23 חברים פון צווייטן מושב עובדים ארויף אויפן בערגל טבעון אין דער צפון־זייט פון עמק, אקעגנאיבער דעם קוואל פון עין חרוד און האבן דארט אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן. דעם נייעם פונקט, אין וועלכן ס׳האבן זיך געדארפט באזעצן 60 ארבעטער, האבן זיי פון אָנהייב גערופן „כפר טבעון" און שפעטער — כ פ ר י ח ז ק א ל".

גלייכצייטיק מיט די ערשטע חברים פון כפר יחזקאל זיינען אנגעקו־מען 12 חברים פון אַ קליינער קבוצה, וואס האט שוין עקזיסטירט זיט איי־ניקע יארן און האבן אויפגעשטעלט אַ צעלטן־לאגער פאר זייערע חברים אויף אַ בערגל אין מזרח פון כפר יחזקאל. זיי האבן דא געוואלט גרינדן אַ קליינע קבוצה. דעם ארט האבן זיי אַ נאמען געגעבן „הגבעה" (דאס בערגל) און שפעטער — „ג ב ע".

אין פרילינג 1922 איז נאך צוויי אנדערע קבוצות דערלויבט געווארן זיך צו קאָלאניזירן אין גוש נוריס. די חברים פון איינער פון זיי האבן געשטאמט פון טשעכאָסלאָוואַקיי און דייטשלאנד. זיי האבן נאך פאר זייער עליה באקומען אַ געוויסע לאנדווירטשאפטלעכע הכשרה, און אין לאנד האבן זיי געארבעט אין דער אחוזה חפצי־בה (ביי חדרה), וואס האט גע־הערט צו דער געזעלשאַפט „אגודת נטעים". צוליב דעם האָבן זיי זיך אָנגע־רופן „חפצי בה". די צווייטע קבוצה איז באשטאנען פון חברים פון „השו־מר הצעיר" אין גאַליציע. אין זומער 1922 זיינען די ערשטע חברים פון דיביידע קבוצות געגאנגען אויף הכשרה־ארבעטן אין עמק אריין. אין נאוועמ־בער האבן זייערע איבעריקע חברים זיי נאָכגעפאָלגט און האָבן אויפגע־שטעלט צוויי מחנות אין בית־אלפא, מזרח פון תל־יוסף.

מיט דער גרינדונג פון די דאָזיקע ישובים איז באשרענקט געוואָרן דער פּלאן פון גדוד וועגן איין גרויסער לאנדווירטשאפטלעך־אינדוסטריע־לער קבוצישער ווירטשאפט, וואָס זאָל ארומנעמען דעם גאנצן גוש נוריס. אַנשטאָט די פריער אין באטראכט גענומענע 29 טויזנט דונאם, איז איצט געשטאנען צו דער דיספּאָזיציע פון גדוד נאָר 13 טויזנט דונאם. אויף יעדן פאַל איז דאָס געווען אַ פיל גרעסערער שטח, ווי די שטחים, וואָס זיינען ביז איצט איבערגעגעבן געוואָרן אַ קבוצה. ערגער פון דעם איז געווען דער פאַקט, וואָס עין־חרוד און תל־יוסף האָבן יאָרן־לאנג ניט געקאָנט אויפגעבויט ווערן אַלס סטאבילע ישובים. די ביידע מחנות פון צעלטן און באראקן אין דרום־טייל פון עמק זיינען לכתחילה באטראכט געוואָרן בלויז אלס צייטווייליקע: זיי האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט פון זומפּן, וואָס מ׳האָט געדארפט

אויסטריקענען, און ביי דעם וויכטיקן קוואַל פון עין חרוד. זייער אויפגאַבע איז געווען אָפּהיטן דעם קוואַל און צו פאַרלייכטערן די אויספירונג פון די דרענאַזש־אַרבעטן. די סטאַבילע קאָלאָניזאַציע־פּונקטן האָט מען געקלערט אויסצובויען אויף אַ העכערן אָרט, אויף די בערגלעך אין צפון־טייל פון עמק, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אַלס דאָס געזונטסטע אָרט אין גאַנצן גוש. אָבער דאָרט האָבן זיך איצט שוין געפונען כפר יחזקאל און גבע. צוליב דעם איז דער גדוד געווען געצוווּנגען איבערצולאָזן זיינע מחנות אין אַ ניט־געזונטער געגנט, ביז ס׳איז ענדלעך געלונגען דעם קק״ל אין 1928 צו דער־ווערבן דעם בערגיקן שטח קומי, וואָס האָט זיך דערהויבן אין מזרח פון גבע.

די אוממעגלעכקייט אויסצובויען די ישובים צוליב זייער צייטווייליקן כאַראַקטער און דער הויכער פּראָצענטזאַץ פון מאַלאַריע־קראַנקע אין דעם טייל פון עמק — האָבן זייער שלעכט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון עין־חרוד און תל־יוסף.

די דרענאַזש־אַרבעטן אין עמק

די ערשטע אַרבעטן זיינען כמעט אומעטום געווען: בויען שאָסייען און אויסטריקענען זומפּן. די אַרבעטן זיינען פינאַנסירט געוואָרן דורכן קק״ל און האָבן געדאַרפט דערמעגלעכן דעם אָנהייב פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער אַרבעט. נאָכן באַשטימען די פּלענער האָט זיך אין זומער 1922 אָנגעהויבן די אייגנטלעכע און ענדגילטיקע אַרבעט פון אויסטריקענען די זומפּן. דאָס זיינען געווען די גרעסטע אַרבעטן פון דעם מין, וואָס זיינען ביז דעמאָלט אַדורכגעפירט געוואָרן אין ארץ־ישראל: מ׳האָט געדאַרפט אויסטריקענען 16.000 דונאַם זומפּן אין גוש נוריס און 3500 דונאַם אין דער געגנט פון נהלל. ס׳איז קלאָר געווען, אַז דאָ האָט מען זיך גענויטיקט אין אומפּאַסענדע אַרבעטן, כדי דעם גוש געזונט צו מאַכן און צוגרייטן אים פאַר דער לאַנדווירטשאַפט.

די אַלע אַרבעטן זיינען אויסגעפירט געוואָרן בלויז דורך יידישע אַרבעטער, צום גרעסטן טייל דורך די מתישבים אַליין. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויפגעטון אַ גאָר גרויסע זאַך. זיי האָבן דאָ געדאַרפט גובר זיין גאָר גרויסע שוועריקייטן. אין אַ שטאַרקער היץ — בית אלפא ליגט 70 מעטער אונטערן ים־שפּיגל, — אין באַדינגונגען פון שלעכטער דערנערונג און אומ־אויפהערלעכן פיבערן, זייער אָפט שטייענדיק ביז צו דער ברוסט אין זומפּיקן און שטינקענדיקן וואַסער, האָבן זיי אויסגעפירט אַרבעטן, וואָס ווערן אין אַלע קאָלאָניאַל־לענדער געטון דורך איינגעבוירענע. אַ טייל פון זיי האָבן פאַר די הערויִשע אָנשטרענגונגען באַצאָלט מיט זייער לעבן, פיל אַנדערע מיט אַ דערשיטערטער געזונטהייט און כמעט אַלע איבעריקע — מיט יאָרב־

לאנגער נויט און קראנקייטן. אבער מיט דער דאזיקער פרייוויליקער ארבעט־זאמקייט האבן זיי ניט נאר געעפנט די טויערן פון עמק פאר דער יידישער קאלאניזאציע, נאר האבן אויך אפגעראטעוועט דאס יונגע קאלאניזאציע־ווערק פון א חורבן, וואס האט אים געדראט באלד ביים סאמע אנהייב.

דער אויפבוי־פלאן פון די נייע משקים

די קאלאניזאציע־אפטיילונג, פאר וועמענס פאכלעכער לייטונג ס׳זייִנען געווען פאראנטווארטלעך עקיבא עטינגער און ד״ר רופין, אלס מיטגליד פון דער א״י־דיקער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז געווען בדעה, אין קעגנזאץ צו דער פארמלחמה׳דיקער קאלאניזאציע, אויפצובויען די נייע ישובים ווי וויניק מעגלעך פלאנמעסיק. די ערשטע ישובים פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס זיינען לכתחילה אלס סטאביל־פונקטן געגרינדעט געווארן, האבן געדארפט דינען אלס מוסטער־ווירטשאפטן. מ׳האט געוואלט די בוי־און ווירטשאפטס־פלענער זארגפעלטיק צוגרייטן און אין משך פון דריי יאר אויפשטעלן אלע נויטיקע בנינים, ווי אויך זארגן פארן באשאפן דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאר, כדי די ישובים זאלן קענען פון פאראויס בויען זייער ווירטשאפט אויף געזונטע יסודות. די געלטער, וואס זיי וועלן באקומען אלס הלוואות פון קרן היסוד, וועלן זיי כמעט אויסשליסלעך דארפן פארווענדן פאר פראדוקטיווע צוועקן. ביז דעמאלט פלעגן די ארבעטער אין די קבוצות פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע באקומען מאנאטס־געהאלט, און פון פינאנסיעלן שטאנדפונקט זיינען זיי געווען פאראינטערעסירט אין דער הצלחה פון די ווירטשאפטן נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפל זיי האבן אנטיילגענומען אין די פארדינסטן גלייך מיט דער קאלאניזיר־אינסטיטוציע. פאר די דעפיציטן דאקעגן איז נאר די לעצטע געווען פאראנטווארטלעך. פאקטיש האבן אלע ווירטשאפטן אן אויסנאם, וועמענס פינאנסירונג איז לויט א קאנגרעס־באשלוס איבערגעגאבן פון קק״ל צו קרן היסוד, אפגעשלאסן זייער נאכמלחמהדיקן יאר־בילאנס מיט דעפיציטן. איצט האט מען אויפן קעגנזייטיקן ווונש פון דער קאלאניזיר־אינסטיטוציע און פון דער ארבעטערשאפט באשלאסן איבערצורייסן מיטן פריערדיקן סיסטעם און איבערצוגעבן די לייטונג פון די ווירטשאפטן אויף אייגענער אחריות פון די ארבעטער, סיי פון די עלטערע און סיי פון די נייאנטשטייענדיקע ישובים. מען האט דאס געטון, שטיצנדיק זיך אויף א פאררויסזעצונג, אז די קאלאניסטן וועלן אויסגעשטאטעט ווערן מיט אלעמען נייטיקן צו דער פירונג פון א רענטאבילער ווירטשאפט, ווי געביידעס, ארבעטס־געצייג, וואסער־אינסטאלאציע, און קודם־כל, מיט פי פאר דער איינריכטונג פון א מאדערנער מילך־ווירטשאפט — און מילך־ווירטשאפט

האָט געזאָלט לויט עטינגערס פּלאַן פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער דאָזיקער געמישטער ווירטשאַפט. די מתישבים דאַרף דערמעגלעכט ווערן אַליין צו פּראָדוצירן די נויטיקע דערנערונגס־אַרטיקלען פאַר אייגענעם געברויך און פאַר די בהמות, כדי אויף דעם אופן צו פאַרקלענערן דעם געלט־באַדאַרף צו אַ מינימום, ביז די אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט וועט זיי אַריינברענגען גרעסערע הכנסות דורכן פאַרקויף פון דער איבערגעבליבענער פּראָדוקציע.

אויך דער אויסערלעכער געבוי פון די ישובים וועט זיך דאַרפן באַפרייען פון דער פאַרמלחמהדיקער צופעליקייט. דעמאָלט פלעגט מען אַן געננויע פּלענער אויפשטעלן די הייזער אין דער לענג פון דעם ניט־אויס־געבויטן דאַרפס־כביש, און דעם דאָזיקן צופעליקן כאַראַקטער פון דאָרף האָט מען שוין קיין מאָל ניט געקאָנט ענדערן. איצט האָט מען פאַר צוויי מושבי־עובדים צוגעגרייט זאָרגפעלטיקע בוי־פּלענער, וואָס זייערע הויפּט־ליניעס האָט עטינגער נאָך אין 1916 פעסטגעשטעלט אין זיין בראשור וועגן די מעטאָדן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אויף גרונט פון די דאָזיקע פאַרשלאָגן האָט דער אַרכיטעקט ריכאַרד קויפמאַן צוגע־גרייט דעם פּלאַן פאַר נהלל, וואָס איז אָרגאַניש צוגעפּאַסט געוואָרן צו דער אָרטיקער לאַנדשאַפט און וואָס האָט געדאַרפט אַ דאַנק אַ לאָגישער פּאַרצע־לאַציע ווי וויט מעגלעך פאַרלייכטערן די אַרבעט פון די מתישבים. די הייזער — מיט אַ צען־דונאַמדיקן גאָרטן ביי יעדן פון זיי — האָבן זיך געדאַרפט געפינען אויף דער גרענעץ פון אַ רינגס־שאָסיי, וואָס רינגלט אַרום אַ גרויסן שטח פון אַ בערגל, אויף וועלכן ס׳האָבן געדאַרפט, אין אַ גלייכער דיסטאַנץ פון יעדן הויז, אויפגעבויט ווערן די צענטראַלע געביי־דעס: שול, פאָלקס־הויז, ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס א. אַ. וו. לויט די זעלבע פּרינציפּן, נאָר מיט אַ קלענער ענדערונג אין דער אויסערלעכער פאָרם, אַנטשפּרעכנד צו דער געאָגראַפישער פּאָזיציע פון אָרט, האָט קויפ־מאַן צוגעגרייט דעם פּלאַן פון כפר יחזקאל. אויך די שפּעטערדיקע מושבים זיינען אין אַלגעמיין אויפגעבויט געוואָרן לויט די זעלבע גרונטליניעס.

די פינאַנסיעלע שוועריקייטן

פאַרן רעגולמעסיקן ארץ ישראל־בודזשעט האָט דער 12־טער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשטעטיקט 656.000 פונט. דערפון האָבן געזאָלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָני־זאַציע געשטעלט ווערן 225.000 פונט (דאָס הייסט איבער 30%), און 10.000 פונט פאַר דער עקספּערימענטאַל־סטאַנציע. ס׳האָט זיך אָבער באַלד אַרויס־געוויזן, אַז מ׳האָט איבערגעשאַצט די צוקונפטיקע הכנסות פון דעם קרן

היסוד, אויף וועלכע דער דערמאָנטער בודזשעט האָט זיך געשטיצט. פּאַק־טיש איז אין ווירטשאַפטס־יאָר תרפ״ב (1921—22) געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער א״י־אַרבעט עטוואָס מער ווי די העלפט פונעם אויפ־געשטעלטן בודזשעט, און פאַר דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע בערך אַ דריטל פון דער סומע וואָס איז לכתחילה באַשטימט געוואָרן. ס׳קען זיין, אַז ווען מ׳זאָל זיך געווען ביים אָנהייב פון דער קאָלאָניזאַציע אין עמק דאַרפן רעכנען מיט אַזאַ קליינעם סכום, וואָלט מען צו איר אפשר איבערהויפּט ניט צוגעטראָטן, אָדער מ׳וואָלט זי געוואָן אָנגעהויבן אין אַ זייער קליינעם מאַסשטאַב. אָבער אַזוי ווי מ׳האָט זיך שוין געפונען אין מיטן פון דער אַרבעט, איז מען אָוועקגעשטעלט געוואָרן פאַר דער שווערער אויפגאַבע, ווי אַזוי צו דערהאַלטן און פאָרזעצן דאָס ווערק. אַנשטאָט דער פּלאַנמעסיקייט, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס הויפּטליניע פון דער טעט־טיקייט, איז געקומען דער קאַמף מיט די טאָג־טעגלעכע שוועריקייטן. אין ירושלים, אין דער א״י־עקזעקוטיווע, האָט מען פון טאָג צו טאָג ניט גע־ווּסט, ווי אַזוי צו שאַפן די נויטיקסטע מיטלען. די נייע ישובים האָבן צוליב געלט־מאַנגל, טראָץ אָנגעשטרענגטער אַרבעט, ניט געקאָנט אויף אַזוי ווייט אַנטוויקלען זייערע ווירטשאַפטן, אַז זיי זאָלן קענען — ווי מ׳האָט געפּלאַנט — דעקן דעם נויטיקסטן, אָדער לכל הפּחות דעם גרעסטן טייל באַדערפנישן פונעם אייגענעם געברויך. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז מ׳האָט אויך דאָ, ווי אין די אַלטע ישובים, געמוזט, טראָץ אַלע באַשלוסן און גוטע כוונות, פאַרווענדן אַן אַנזעעוודיקן טייל פון די קנאַפּע סומעס אויף ניט־פּראָדוקטיווע הוצאות, ווי די דערנערונג פון מענטשן און בהמות. די נויט איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג: ס׳זיינען געווען צייטן, אַז פאַר די שווער־אַרבעטנדיקע מתישבים איז ניט געווען קיין ברויט אין אַ גענוגנדער מאָס.

אָט אַזוי זיינען פון די צעלט־לאַגערן און נויט־באַראַקן, אין אַן אַט־מאָספער פון ספקות, דערשיטערונגען און אומאויפהערלעכע קריזיסן, אַרויסגעוואַקסן די קאָלאָניזאַציע־פונקטן אין ארץ־ישראל. די געלט־מיטלען זיינען תמיד געווען קנאַפּע און זיינען קיין מאָל ניט געווען גענוג פאַרן נויטווענדיקסטן באַדאַרף אין געביידעס און אינווענטאַר. אמת, מ׳איז גע־וואָרן פאָרזיכטיקער מיט דער אויפשטעלונג פון די בודזשעטן, און דער־פאַר האָט מען ניט געדאַרפט ענדערן און רעדוצירן די פּאָזיציעס אין מיטן יאָר, אַזוי ווי ס׳איז געשען אין ערשטן יאָר; און דאָך זיינען די משקים ווייטער געבליבן אָפּהענגיק פון דעם אויסגאַנג פון די זאַמל־אַקציעס אין חוץ־לארץ, וואָס האָט זייער שלעכט געווירקט אויף דער פּלאַנמעסיקייט פון דער אַרבעט. דאָס אָפּט פאַרשפּעטיקטע אָנקומען פון געלט פלעגט פאַר־

שווערן זיין צוועקמעסיקע פאַרוואַנדלונג און האָט אויף טריט און שריט פאַר־טייערט די אַרבעט. אַ גרויסער טייל פון די פעלערס, וואָס זיינען שפּע־טער קריטיקירט געוואָרן, שטאַמט פון די דאָזיקע סיבות.

די אַנטוויקלונג פון די ערשטע מושבי־עובדים

זייער שנעל — אַזוי ווי ס'איז געווען פאַרויסצוזען — האָבן זיך אַנטוויקלט די צוויי מושבי־עובדים. די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין זיי באַזעצט, האָבן געהאַט אַ לאַנגיעריקע לאַנדווירטשאַפטלעכע דערפאַרונג; די זאָרג פאַר זייערע משפחות האָט זיי פעסט פאַרבונדן מיט דער ווירט־שאַפט. די מושבים האָבן אויך פריער פון די קבוצות באַקומען די נויטיקע געביידעס, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר דער הצלחה פון דער ווירטשאַפט. זיי האָבן באַקומען, פאַרשטייט זיך, אין אַ קלענערער מאָס, ווי דאָס איז לכתחילה פעסטגעשטעלט געוואָרן.

לויטן מוסטער פון די צוויי מושבי עובדים זיינען אין יאָר 1922—23 אויף אַנדערע שוין לאַנג עקזיסטירנדיקע ישובים איבערגעגאַנגען צו דער דאָזיקער קאָלאָניזאַציע־פאָרם: אין עמק גופא: די קאָלאָניעס מ ר ח ב י ה און ב ל פ ו ר י ה, אין שרון — כ פ ר מ ל ״ ל (עין חי); אין יהודה — נ ח ל ת ־ י ה ו ד ה, ע ט ר ו ת און ב ן ־ ש מ ן. פון דעם באָדן פון דער אַמאָלי־קער קק״ל־פאַרם אין בן־שמן, האָט די עקספּערימענטאַלע סטאַנציע באַקומען איין חלק (80 דונאַם), און אויפן צווייטן טייל האָט מען באַזעצט 11 אַר־בעטער־משפחות. צו אַ באַזונדערער זאָרגפעלטיקייט האָט דאָ פון אָנהייב זוכה געווען די מילך־ווירטשאַפט, וועלכע האָט פון דער בן־שמן־פערמע באַקומען איר אויסגאַנגס־פונקט פאַר דער גאַנצער יידישער ווירטשאַפט. ווען די עקספּערימענטאַלע סטאַנציע איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין רחובות, איז אויף דעם באָדן אויפגעשטעלט געוואָרן (1927) דער כפר הנוער בן־שמן. אין סוף 1923 זיינען געגרינדעט געוואָרן נייע דריי מושבי עובדים: ת ל ־ ע ד ש י ם, צווישן מרחביה און בלפוריה, און דרום'דיק פון זיי — כ פ ר ג ד ע ו ן (אַלס ישוב פון טראַנסילוואַנער יידן), און כ פ ר ח ט י ן (ביי טבריה), דער ערשטער ישוב פון „מזרחי״־חברים.

די שטרעמונגען אין „גדוד העבודה״: די קאָמונע און די גרויסע קבוצה

אויף די קליינע קבוצות זיינען געגאַנגען פאָרויס אין אויפבוי פון זייערע ווירטשאַפטן. אין 1922/23 זיינען אין מזרח־טייל און מערב־טייל פון עמק יזרעאל געגרינדעט געוואָרן נאָך דריי קבוצות: ג נ י ג ר (מזרח פון נהלל), מ ז ר ע (אויפן כביש נצרת־עפולה) און י ג ו ר (ביי חיפה).

פּראָבלעמאַטיש איז אין משך פון אייניקע יאָרן געבליבן דער פאַר־

זוך פון אַ גרויסן משק, וועלכן דער גדוד העבודה האָט געוואָלט פאַרווירק־לעכן אין מזרח־טייל פונעם עמק. שוין פון זיין אנהייב אין דער גדוד העבודה ניט געווען קיין איינהייטלעכע קערפּערשאַפט. די ביידע קערן־גרופּן, פון וועלכע דער גדוד איז אויסגעוואַקסן און וועלכע האָבן אַמ־שטאַרקסטן משפיע געווען אויפן גאַנג פון זיין אַרבעט, האָבן זיך אונטער־שיידעט אין זייערע אַנשויונגען וועגן ציל און וועג פון גדוד. די קרימער גרופּע, וואָס האָט געגעבן דעם ערשטן שטויס צו דער גרינדונג פון גדוד, איז קודם־כל געווען פאַראינטערעסירט אין שאַפן פון אַ גרויסער אַרמיי פאַר אַרבעט און שמירה. מיט איר הילף האָט זי געוואָלט אריינ־דרינגען אין אַלע אַרבעטס־געביטן אין שטאָט און אין דאָרף און אויפ־שטעלן אַ קאָמונע, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע גרעסערע טיילן פון דער אַר־בעטערשאַפט. די צווייטע קערן־גרופּע אין גדוד האָבן געבילדעט די לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, וואָס זיינען געקומען פון כנרת און וואָס האָבן דאָרט געמאַכט דעם ערשטן פאַרזוך אויפצו־שטעלן אַ פאַרברייטערטע קבוצה דורך דער פאַרבינדונג פון לאַנדווירט־שאַפטלעכער מיט ניט־לאַנדווירטשאַפטלעכער דרויסן־אַרבעט. דער גדוד האָט אַקצעפּטירט זייער פּלאַן פון אַ גרויסער קבוצה און האָט אים איינ־געגלידערט אין זיין אַלגעמיינעם פּראָגראַם. ס׳קען זיין, אַז ווען זיין פאַר־ווירקלעכונג וואָלט געווען געגאַנגען אין דעם טעמפּאַ, אויף וועלכן מ׳האָט געהאָפט ביים אָנהייב פון דער אַרבעט אין עמק, וואָלטן אפשר די פאַראַ־נענע קעגנזאַצן ניט געווען דערשינען אזוי שאַרף און זיי וואָלטן אפשר פאַמעלעך, אַ דאַנק דער געמיינזאַמער אַרבעט און הצלחה, פאַרשווונדן.

פאַקטיש איז דער צושטאַנד געווען אַן אַנדערער. דער אָפּשלוס פון ערשטן ווירטשאַפטס־יאָר האָט אַרויסגעוויזן אַ דעפיציט פון 2.500 פונט. די דערנערונג, וועלכע איז אין אָנהייב געווען צופרידנשטעלנדיק, איז זייט אָנהייב פון 1922 אַלע מאָל ערגער געוואָרן. די מענטשן האָבן געהונגערט, און ס׳זיינען געווען טעג, אַז ס׳איז איבערהויפּט קיין ברויט ניט געווען. צו דער פאַרשאַרפונג פון דער סיטואַציע האָט אויך געבראַכט דער מאַנגל פון דערפאַרונג פאַרן אויפבוי פון אַ גרויסער ווירטשאַפט און פון פאַכלעכער אויסבילדונג ביי אַ גרויסן טייל אַרבעטער. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַן אַל־געמיינע אומצופרידנקייט און ממילא געדינט אַלס גרונט־לאַגע פאַר ריי־בונגען, מיספאַרשטענדנישן און קאָנפליקטן.

אין די העפטיקע דיסקוסיעס צווישן די ביידע ריכטונגען איז וואָס אַ מאָל בולטער געוואָרן דער פּרינציפּיעלער קעגנזאַץ צווישן זייערע אָנ־שויונגען. די אָנהענגער פון דער גרויסער קבוצה זיינען קודם־כל געווען פאַראינטערעסירט דורך שנעלער און דערפאַלגרייכער אויפבוי־טעטיקייט צו

באַווייזן, אַז זייער פּלאַן איז ריכטיק און דורכפירבאַר; אַז דאָס איז דער בילליקסטער און ראַציאָנעלסטער וועג אין דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע; און אַז די דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־פאָרם דערמעגלעכט דאָס באַזעצן פון אַ רעלאַטיוו גרויסער צאָל מענטשן אויף אַ באַשטימטן שטח. דעריבער איז די וויכטיקסטע אויפגאַבע: מיט דער גרעסטער שנעלקייט צו אַנטוויקלען די משקים עין־חרוד—תל־יוסף און אויף זיי דאַרף מען קאָנצענטרירן אַלע כוחות און געלט־מיטלען. די אָנהענגער פון דער גרויסער קבוצה האָבן געהאָפט, אַז די הצלחה פון דעם משק וועט באַוועגן די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך ביז איצט צו זיי סקעפּטיש פאַרהאַלטן, צו אָנערקענען זייער וועג אַלס עיקרדיקן אין דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע. צוגלייך וועט דאָס דערמוטיקן אַנדערע משקים איבערצוגיין צו דער פאָרם פון גרויסער קבוצה. אויף דעם אופן וועט זיך פאַמעלעך, אָן קאַמף און צוואַנג, פאַרווירקלעכן דער אויפבוי פון אַ נייער ווירטשאַפט און פון אַ נייער געזעלשאַפט אויף אַ קאָלעקטיוויסטישן באַזיס.

דער גדוד איז מיט זיי איינשטימיק געווען בנוגע דעם ציל, אָבער זייער וועג האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אוטאָפּיש. אין קעגנזאַץ צו די אָנהענגער פון דער גרויסער קבוצה, וואָס האָבן געשטרעבט צו אַ טעריטאָריאַלער קאָנצענטראַציע פון דער שטאָטישער און דאָרפישער, לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער ווירטשאַפט, האָט דער גדוד געזען דעם פאַרווירקלעכונגס־וועג פון דער אַלגעמיינער קאָמונע אין דעם אַרייַנדרינגען אין אַלע פאַראַנענע און אַנטשיידנדיקע ווירטשאַפטס־צווייגן, סיי שטאָטישע און סיי דאָרפישע. די עמק־ווירטשאַפט, וואָס איז ביי די אָנהענגער פון דער גרויסער קבוצה געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט און דער רוקן־ביין פון זייער אַלגעמיינעם אויפבוי־פּלאַן, איז פאַרן גדוד געווען בלויז איינער פון אַ סך אַנדערע, ניט וויכטיקער וויכטיקע אָנשפּאַר־פּונקטן. וויכטיקער ווי די שנעלע אַנטוויקלונג פון דער עמק־ווירטשאַפט, וואָס האָט צוליב די הערשנדיקע פאַרהעלטעלעכן ניט געקאָנט נאָכיאָגן דעם פּלאַן, איז ביים גדוד געווען די אויסגלייכונג פון די לעבנס־באַדינגונגען אין אַלע אָפּטיילונגען פון גדוד, דאָס שאַפן פון אַן אומפאַסנדיקער קאָנסומענטן־קאָמונע, וואָס זאָל אויסגלייכן דעם געברויך פון אַלע גדוד־חברים, אומאָפּהענגיק פון דער הויך פון די הכנסות פון די איינצעלנע פּלוגות. נאָר אויף דעם אופן וועט דער גדוד קענען אָננעמען אַרבעטן, וואָס מוזן ביז צו דער צייט, ווען די אַרבעטער וועלן פאַכלעך אויסגעבילדעט ווערן אָדער אפילו תמיד ברענגען דיפיציטן. נאָר אין דער פאָרם האָט דער גדוד געזען אַ מעגלעכקייט פון כסדרדיקן וואַקסן און אויפנעמען נייע עליה־שטראָמען.

די סתירות צווישן דיביידע אויפפאסונגען און די אבסאָלוטע פאָרם, אין וועלכער זיי זיינען אויסגעדריקט געוואָרן, האבן געפירט צו אַלץ שאַר־פערע צוזאַמענשטויסן, ביז ס'איז סוף־כל־סוף ניט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, ווי דאָס פונאַנדערטיילן פון דער בשותפותדיקער ווירטשאַפט. דאָס איז טאַקע געשען. אין זומער 1923 האָט זיך דער משק עין־חרוד—תל־יוסף צעטיילט: תל־יוסף איז איבערגעבליבן ביים גדוד און עין־חרוד איז אריבער צו די אנהענגער פון דער „גרויסער קבוצה". אין אנהייב פון ווירטשאַפטס־יאָר 1923—24 האבן זיי אנגעהויבן זייער טעטיקייט אלס באַזונדערע משקים. פון דעם יאָר הייבט זיך ערשט אייגנטלעך אָן דער אויפבוי פון ביידע ישובים. די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע האט באַשטעטיקט פאַר יעדן פון די ביידע משקים דאָס באַזעצן פון 120 משפחות (240 אַרבעטנדיקע) אויף אַ שטח פון 6.500 דונאַם.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה פון די אַרבעטערינס

צו די וויכטיקסטע אויפטועןן פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן געהערט דאָס אויפשטעלן פון לאַנדווירט־שאַפטלעכע לערן־פערמעס פאַר אַרבעטערינס. מיטן וווּקס פון דער עליה נאָך דער מלחמה און מיט דער פאַרברייטערונג פון קאָלאָניזאַציע־ווערק איז די פראַגע פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער הכשרה פאַר דער פרוי געוואָרן זייער אַקטועל. ס'איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן דאָס באַוווסטזיין, אַז די הצלחה פון די ישובים איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דעם, אויב עס וועלן זיך אין זיי געפינען לאַנדווירטשאַפטלעך־אויסגעבילדעטע אַרבעטערינס; סיי אין די מושבי עובדים און סיי אין די קבוצות האבן זיי זיך בעיקר באַשעפטיקט מיטן אויפבוי פון דער הויף־און הויז־ווירט־שאַפט (גרינסן־גאָרטן, פלאַנצונגען און פלאַנצן־שולעס, הינער־צוכט און מילך־ווירטשאַפט, אין די קבוצות איז נאָך דערצו צוגעקומען די לייי־טונג פון די געמיינזאַמע קיכן). עס איז קלאָר געווען, אַז דעם רוב חלוצות פעלט די אנטשפּרעכנדע הכשרה, און אַז זיי וועלן נאָר דעמאָלט קענען פאַרנעמען דעם ריכטיקן פּלאַץ אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, אויב זיי וועלן דערצו זיין געהעריק צוגעגרייט.

צוויי וועגן האבן געפירט צו דער לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע. דער ערשטער איז געווען — די פאַרזעצונג פון ווערק, וואָס איז דורך חנה מייזל־שוחט אנגעהויבן געוואָרן אין כנרת (אַ פערמע פאַר מיידלעך). אונטער איר לייטונג און לויט איר פּלאַן איז מען תיכף נאָכן 12־טן קאָנ־גרעס צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער שול פאַר מיידלעך אין נהלל אויף אַ שטח פון 500 דונאַם, וואָס איז פאַר דעם

צוועק איבערגעגעבען געווארן דורכן קק"ל. די מיטלען דערצו האבען טייל־ווייז געשטאמט פון בודזשעט פון דער א"י־עקזעקוטיווע, אבער צום גרעסטן טייל זיינען זיי צונויפגעבראכט געווארן דורכן וועלטפארבאנד פון די ציוניסטישע פרויען („ויצ"ו") און דורך פריוואטע שפענדונגען. אין 1922 האָט מען אָנגעהויבן די צוגרייטונגס־ארבעטן, אין אָקטאָבער 1924 האָט מען געלייגט דעם גרונד־שטיין פון די בנינים און אין צוויי יאר ארום איז דערעפנט געווארן די שול פאר לאנדווירטשאפטלעכער הכשרה — צוערשט פאר 60 מיידלעך. זייט דעמאָלט איז די שול שטופנווייז פארגרע־סערט און פארפולקאמט געווארן.

וויכטיקער איז פון אָנהייב געווען דער צווייטער וועג, וואָס זיין אויסגאנגס־פונקט שטעקט אין די ארבעטערינס־פארמעס, וואס זיינען געגרינדעט געווארן בשעת דער מלחמה. נאכדעם ווי מ'האט זיך איבער־צייגט, אז דעמאָלט האָבן פיל ארבעטערינס דורך פראקטישער ארבעט אונער דער לייטונג פון דערפארענע חברות, באקומען אַ הכשרה אין גארטנעריי, האט מען באשלאסן אויפצובויען ווירטשאפטן, אין וועלכע ניט־דערפאַרענע חלוצות וועלן אין משך פון צוויי יאַר דאַרפן לערנען ניט לויט אַ שול־סיסטעם, נאָר דורך פראקטישער ארבעט און אונ־טער גרעסערער אייגענער אחריות אלע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן, וועלכע זיי וועלן דאַרפן אויספירן אין די ישובים. די ערשטע פון די אַר־בעטערין־ווירטשאפטן (משקי הפועלות) איז געגרינדעט געווארן אין הערבסט 1921 אין נחלת יהודה ביי ראשון לציון; אין אַ געוויסע צייט שפעטער זיינען אזעלכע משקים געגרינדעט געווארן אין פתח־תקוה און ירושלים (די לעצטע דורכן גדוד העבודה); אין פרילינג 1923 איז אַנטשטאַ־נען אַ משק־פועלות אין שכונת בורוכוב און אין צפון תל־אביב. אין 1930 איז צוגעקומען דער גרויסער און פארפולקאמענער משק פועלות אין עיינות ביי נס־ציונה.

זייער גרויס איז געווען די השפעה פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס אויף דער אנטוויקלונג פון די נייע ישובים. ערשט זיי האָבן געגצלעך איינגעגלידערט די פרוי אין דער לאנדווירטשאפט. די יינגע ישובים האבן פון זיי באקומען אַ שטענדיקן צוווקס פון קוואליפיצירטע ארבעטערינס. די יונגע מיידלעך האבן זיך שוין מער ניט געפילט ווי אַ נאכשלעפעניש נאָך דער מענער־ווירטשאפט. און אזוי האט מען זיך אלץ מער דערנענ־טערט צום צושטאַנד פון גלייכגעוויכט אין דער אַרבעט פון מאַן און פרוי, וואָס דינט אַלס פאַרבאַדינג פאַר דער הצלחה און סטאַביליטעט פון אַ לאנדווירטשאפטלעכן ישוב.

די פערטע עליה [1929—1924]

דער ריטם פון די עליות

ווען מ׳כאַפּט אַן איבערבליק איבער די פאַרשידענע עליה־שטראָמען זינט דעם אָנהייב פון דער נייער יידישער קאָלאָניזאַציע (1882), קומט מען צום אויספיר, אַז זיי האָבן געשטראָמט לויט אַ באַשטימטן ריטם. די ערשטע צו דער עליה זיינען תמיד חלוצישע עלעמענטן, אָן געלט־מיטלען אָדער מיט קליינע. זיי שאַפן די פּראָדוקציע־ און דינען אַלס צוציונגס־קראַפט פאַר דער עליה פון באַמיטלטע עלעמענטן. אַ באַדייטנדער טייל פון אָט די באַמיטלטע עלעמענטן קומט קיין ארץ־ישראל, ווייניקער צוליב איבערצייגונג אין דער ווichטיקייט פון דעם ציוניסטישן ציל און מער צוליב אויסזיכטן אויף אַ זיכערער און בעסערער פּרנסה. נאָך דער עליה פון באַמיטלטע עלעמענטן און צייטווייליקער „פּראָספּעריטי" (ווירטשאַפטלעכער אויפשוווּנג), צו וועלכער זיי זיינען גורם, קומט געוויינטלעך אַ קריזיס, אין וועלכן עס ווערט צוזאַמענגעבראָכן אַלץ, וואָס איז ניט גוט איינגעפעסטיקט, און דאָס איבערגעבליבענע — איז גובר די שוועריקייטן און קאָנסאָלידירט זיך. די נייע עליה, וואָס הייבט זיך אָן נאָכן באַהערשן דעם קריזיס, ווערט ווידער דערעפנט דורך אַ חלוצים־מחנה וואָס ציט נאָך זיך אַ פאַרגרעסערטע צאָל באַמיטלטע עלעמענטן.

אַזוי איז עס געווען אין די צייטן פון דער ערשטער עליה, אויב ס׳איז דערלויבט אונטער דעם באַגריף אַרונטערצונעמען די עליה־באַוועגונג פונם אָנהייב פון די ניינציקער יאָרן, וועלכע מ׳קען אויך באַצייכענען אַלס אַ נייע באַזונדערע עליה. די זעלבע דערשיינונגען זעען מיר אין דער צווייטער עליה, וואָס האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פאַרן מלחמה־אויסברוך אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין אַן עליה פון מיטלשטאַנד, און ס׳איז גאַנץ וואַר־שיינלעך, אַז זי וואָלט אפילו, אומאָפּהענגיק פון וועלטקריג, דערפירט צו אַ קריזיס. אַזאַ צושטאַנד האָט אויך געהערשט אין דער עליה־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך דער מלחמה, — אין דער דריטער עליה. אין איר שפּיץ זיינען געגאַנגען מחנות פון יוגנטלעכע, אַלע דורכ־

געדרונגען מיטן גייסט פון חלוציות און מסירות־נפש פאַרן פאָלק און לאַנד ; די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן פון די עולים זיינען געבליבן אומ־געענדערט ביז 1922. אָבער אין מיטן פון יאָר 1922 ביזן פרילינג 1923 האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן דער עלעמענט פון מיטלשטאַנד, קרובים פון די ערשטע עולים און קליינע בעלי־מלאכה׳עס. די צאָל פאַרהייראַטע און זייערע משפחה־אָנגעהעריקע איז געשטיגן ביז צוויי דריטל פון דער אַלגע־מיינער צאָל עולים. פון דעמאָלט האָט די עליה, צוליב דער אַרבעטס־לאָזיקייט, אָנגעהויבן צו פאַלן.

די פערטע עליה

אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1923, ביים סוף פון דער דריטער עליה, האָט אין לאַנד געהערשט אַ דעפרעסיע אין עקאָנאָמישן לעבן. דער פלאַג פון אַרבעטסלאָזיקייט האָט געדריקט אויף דער אַרבעטערשאַפט.

מיט דער הילף פון עפנטלעכע אַרבעטן און אַ דאַנק דער איבערפי־רונג פון שטאָטישע אַרבעטער אין די אַלטע קאָלאָניעס אין געלונגען אין אַ באַדייטנדער מאָס צו פאַרקלענערן די אַרבעטסלאָזיקייט. אין לאַנד האָט צוליב דעם אָנגעהויבן צו הערשן אַן אָפּטימיסטישע שטימונג, וואָס האָט באַקומען איר בולטן אויסדרוק אין אַ נייעם פאַרשטאַרקטן עליה־שטראָם, זינט דעם פרילינג פון יאָר 1924. אין 1925 האָט די עליה דער־גרייכט אַ רעקאָרד־צאָל פון 35.000 עולים בערך (אַנטקעגן דער דורכ־שניטלעכער צאָל פון 8000 אין די יאָרן 1920—1923 און 14.000 אין 1924). נאָך אין דער ערשטער העלפט פון 1926 האָט זיך די עליה געהאַלטן אויף אַ באַדייטנדיקער הויך פון כמעט 10.000 עולים ; אין די שפּעטערדיקע חד־שים האָט די עליה פלוצים אָנגעהויבן צו פאַלן, ביז זי האָט אין יאָר 1927 אַראָפּגעזונקען ביז 3.000. סך־הכל זיינען אין די צוויי און אַ האַלב יאָר, צווישן יוני 1924 און סוף 1926, עולה געווען בערך 60.000 נפשות.

צווישן די עולים פון דער נייער עליה־באַוועגונג פון די יאָרן 1924—26, וואָס איז בדרך כלל באַקאַנט אַלס „פערטע עליה״, איז דער חלוצישער אַרבעטער־עלעמענט צאָלמעסיק בשום אופן ניט געווען קליין ; דעם איבערוויגענדן טייל פון דער עליה האָבן אָבער געבילדעט די עולים פון מיטלשטאַנד, על פי רוב פונעם קליינעם מיטלשטאַנד : בעלי־מלאכה׳עס און קליינע סוחרים. אמת, ס׳האָבן זיך צווישן זיי אויך געפונען פאַכלעך דערפאַרענע אינדוסטריעלער מיט היפּשע געלט־מיטלען און מען מוז מודה זיין, אַז פיל פון זיי זיינען געשטויסן געוואָרן צו דער עליה ניט בלויז דורך עקאָנאָמישע פאַקטאָרן : אויך דער ציוניסטישער מאָמענט, טיילווייז מיט רעליגיעזער באַפאַרבונג, האָט געדינט אַלס שטויס־קראַפט

צו זייער עליה. איבער אַ העלפט פון די עולים האבן געשטאמט פון פוילן, ווו ס׳האט זיך, צוליב דער אנטיסעמיטישער פינאנץ־פאליטיק פון מיניס־טער גראבסקי, צוזאמענגעבראכן זייער ווירטשאפטלעכער קיום. 20% זיי־נען געקומען פון רוסלאנד (אין דער זעלבער צייט איז כמעט לגמרי אפ־געשלאסן געווארן די איינוואנדערונג פון די מזרח־אייראפעאישע יידן קיין אמעריקע, וואס האט ביז איצט געדינט אלס וויכטיקער עמיגראציע־צענ־טער פאר זיי. אין 1921 האבן אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע 119.036 יידן, אין יאר 1924 — 48.989, אין יאר 1925 — נאר 10.292, בשעת אין דעם זעלבן יאר זיינען עולה געווען קיין ארץ־ישראל 36.933, דאס הייסט דריי און אַ האלב מאל מער ווי קיין אמעריקע).

אַזוי אַרום האָט ארץ־ישראל, צום ערשטן מאָל און אין קעגנזאַץ צו די פאַרשידענע אויסרעכנונגען, באַוויזן איר פעאיקייט אויפצונעמען אַ גרויסע צאל עולים פון אלע לענדער און שיכטן, אַ „פאלקס־עליה״, ווי מ׳איז זי געווּינט אָנצורופן. אמת, ס׳האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז דאס לאנד איז פארלויפיק צו אזא גרויסער עליה ניט געווען צוגעגרייט.

די אנטוויקלונג פון דער שטאט

די סאציאלע אפשטאמונג פון די עולים און זייער פראפעסיאנעלער צוזאמענשטעל האבן גורם געווען דערצו, אז דער איבערוויגענדער טייל פון זיי האָט זיך באזעצט אין די שטעט. זיי האָבן זיך פארטיילט אין די דריי הויפט־שטעט — ירושלים, חיפה און תל־אביב, — אין דער מאס ווי די שטעט האבן זיך אנטוויקלט זינט דער ענגלישער דעראבערונג.

פון אלע דריי שטעט האט זיך אמווייניקסטן אנטוויקלט ירושלים, ווו די בוי־באוועגונג איז געווען גאנץ שוואך, טראץ דער דערוווערבונג פון גרויסע ערד־שטחים דורך דער געזעלשאַפט „הכשרה הישוב״. שטאַר־קער איז די בוי־באוועגונג געווען אין חיפה און איר אומגעגנט. אויך דארט איז דער „הכשרת הישוב״ געלונגען צו דערוווערבן אַ סך באָדן: אויפן כרמל, אין מיטן דער שטאט און אויפן ים־ברעג, און עס האט זיך באלד אנגע־הויבן אַ לעבהאפטע בוי־טעטיקייט, באזונדערס אויפן הדר־הכרמל. דער שטאָט־קוואַרטאַל הדר הכרמל, וואָס איז נאָך געגרינדעט געוואָרן פאַר דער מלחמה און איצט אין אַ באדייטענדער מאס פארברייטערט געווארן, האט זיך אין יאר 1922 ארגאניזירט אלס אַ באזונדערער ישוב. פאר דער צוקונפטיקער אנטוויקלונג פון חיפה איז זייער וויכטיק געווען דאס אנט־שטיין פון אַ האנדלס־צענטער אין דער נאענט פון ים אויף שטחים, וואס זיינען דערווארבן געווארן דורך דער „הכשרת הישוב״.

אמשנעלסטן פון אלע שטעט האט זיך אנטוויקלט תל־אביב. אין

1914 זיינען אין איר געווען ניט מער ווי 139 הייזער מיט 1419 איינוווינער. אין 1921 זיינען שוין געשטאנען 242 הייזער, אין וועלכע ס'האבן געלעבט 3604 יידן. די יפו'ער געשעענישן פון 1921 האָבן באַוויגן פיל יידן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט געוווינט אין יפו, איבערצוגיין קיין תל־אביב. אין יוני 1921 האט תל־אביב באקומען מוניציפאלע רעכט און אין אַ קורצער צייט ארום — די דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן אַן אייגענע שטאָטישע פּאָליציי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע פּאָלקסטימלעכע בוי־באַוועגונג, ס'זיינען אנשטאנען פיל בוי־געזעלשאפטן פון אלע קרייזן, און באלד זיינען אויס־געוואקסן נייע שטאט־קווארטאלן און פאַרשטעט. אין יאר 1922 איז די צאל הייזער געשטיגן פון 242 ביז 1009, און די צאל איינוווינער פון 3.600 — ביז כמעט 13.000.

אַ דאנק דער שטורמישער בוי־באוועגונג, וואס האט זיך פארצויגן ביז דער ערשטער העלפט פון 1923, איז אַ סך חלוצים געגעבן געווארן די מעגלעכקייט איבערצוגיין פון זייער ביזאיצטיקער ארבעט אויף די כבי־שים צו בוי־ארבעט אין שטאט; אויך פיל נייע עולים האבן דא געפונען באשעפטיקונג. דעמאלט האט זיך צום ערשטן מאל אין ארץ־ישראל אויס־געפורעמט אַ שטאָטישער ארבעטער־צבור וואָס איז געווען ראוי דעם נאָ־מען. צוויי ציוניסטישע פינאנס־אינסטיטוציעס האָבן א סך געהאָלפן ביי דער פינאנסירונג פון דער בוי־טעטיקייט: „די אלגעמיינע היפאטעקן־באנק פאַר ארץ־ישראל", וואָס איז אין יאָר 1922 געגרינדעט געוואָרן דורכן „קרן היסוד" און „אַנגלאָ־פּאַלעסטינאַ־באַנק" און די „באַנק פאַר משכנתאות און קרעדיט", וואס איז געגרינדעט געווארן דורך די אמעריקאנער ציוניסטן.

איצט, בשעת דער פערטער עליה, האבן די שטעט אויף דאס ניי אנגעהויבן צו בויען — בפרט תל־אביב, וועלכע האט אויפגענומען איבער 65% פון דער עליה. לויט דער פאלקס־ציילונג פון 1922 האט די יידישע שטעטישע באפעלקערונג באטראפן 68.601 נפשות. ביזן פרילינג פון 1925 איז זי געשטיגן ביז 85.000, און צום סוף פון דעם דאָזיקן יאָר האָט זי שוין אויסגעמאכט 114.000 נפשות (אנטקעגן אַ דאָרפישער באפעלקערונג פון 24.000); די יידישע באפעלקערונג אין ירושלים איז פון פרילינג 1925 ביזן סוף פון יאָר געוואַקסן פון 38.000 ביז 42.000, און אין חיפה — פון 8.000 ביז 14.000. אין תל־אביב האבן סוף 1923 געוווינט 16.500 יידן און סוף 1925 — 40.000; ניט אריינרעכנענדיק אין דעם די יידישע באפעלקע־רונג פון יפו, וואָס איז אויך געוואַקסן אין צאָל (8.000 בערך). דער גרויסער וווּקס פון דער שטעטישער באפעלקערונג האט געדינט אלס שטאַרקע שטויס־קראַפט פאַר דער בוי־באַוועגונג. אין תל־אביב אַליין

זיינען אין יאָר 1925 געגעבן געוואָרן 1300 בוי־דערלויבענישן (אין 1924 — 677) און אין די נייע בנינים זיינען אינוועסטירט געוואָרן אַ קיימאַ־לן פון 1,2 מיליאָן פונט. אין 1926 זיינען שוין געווען אין תל־אביב בערך 3.000 הייזער. פון אַלע תל־אביב׳ער אַרבעטער זיינען זומער 1925 כמעט אַ העלפט געווען באַשעפטיקט אין דער בוי־אינדוסטריע.

דער וווקס פון דער אינדוסטריע

אין דער זעלבער צייט האָט אָנגעהויבן צו בליען די א״י־דיקע אינ־דוסטריע. ביזן סוף פון דער מלחמה איז אַ חוץ די פרימיטיווע אראבישע זייף־פאבריקן און די גרויסע ראטשילדישע וויין־קעלערס, איבערהויפט ניט געווען קיין אינדוסטריע אין לאַנד. אין יוני 1923 איז אויפגעשטעלט גע־וואָרן אין תל־אביב די ערשטע עלעקטרישע סטאַנציע דורך פנחס רוטענ־בערג, וועלכער האָט באַקומען די קאָנצעסיע אויף צו עלעקטריפיצירן דאָס לאַנד. דורך דעם אויפבוי פון דער עלעקטרישער סטאַנציע איז געשאַפן געוואָרן דער פאַרבאַדינג פאַר דער גרינדונג פון גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. אין יוני 1925 זיינען אויסגעבויט געוואָרן עלעקטרישע סטאַנציעס אין חיפה און אין טבריה. אַ דאַנק דער באַטייליקונג פון יק״א זיינען אין 1922 אַנטשטאַנען: די זאַלץ־אונטערנעמונג אין עתלית, די „גרויסע מילן״ אין חיפה און די אייל־פאַבריק „שמן״. אין אָקטאָבער 1925 איז נאָך לאַנגיעריקע צוגרייטונגס־אַרבעטן דערעפנט געוואָרן ביי חיפה די צעמענט־פאַבריק „נשר״. אין די דאָזיקע יאָרן זיינען אַנטשטאַנען אָדער האָבן פאַרברייטערט זייער טעטיקייט פאַרשידענע טעקסטיל־פאַבריקן.

די דאָזיקע אונטערנעמונגען, ווי מיר זעען, זיינען ניט געווען קיין פּראָדוקט פון דער פערטער עליה; זייער גרינדונג איז אין משך פון יאָרן צוגעגרייט געוואָרן, און נאָר צופעליק איז אַ טייל פון זיי אין דעם צייט־אָפּשניט דערעפנט געוואָרן. כאַראַקטעריסטיש פאַר די מענטשן פון דער פערטער עליה מיט זייערע על־פּי־רוב באַגרענעצטע געלט־מיטלען און זייער קליינביר־געלעכן שטרעבן צו זעלבסטשטענדיקייט — איז געווען די גרינדונג פון אַ גרויסער צאָל מיטעלע און קליינע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן זיך אָנגערופן „פאַבריקן״, אָבער וועלכע זיינען פאַקטיש געווען מער אָדער ווייניקער גרויסע האַנדווערקער־וואַרשטאַטן. אַ חוץ דעם זיינען אַזוי ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן נייע געשעפטן און כל מיני קליי־נע אונטערנעמונגען, וועמענס איינריכטונג האָט ניט געפאָדערט קיין גרוי־סע געלט־סומען. קלאָר, אַז אַ סך פון זיי זיינען מיט דער ערשטער עקאָנאָ־מישער דערשיטערונג חרוב געוואָרן.

דער קריזיס

סוף 1925 האָבן זיך אַנטפּלעקט די ערשטע סימנים פון קריזיס אין תּל־אביב. אין די קומענדיקע חדשים האָט זיך דער קריזיס פאַרשאַרפט און האָט אויסגעשפּרייט זיינע פליגל אויך איבער די איבעריקע שטעט. די וואָרצלען פון דעם קריזיס האָבן טיילוויז געשטעקט אין לאַנד און טיילוויז אין חוץ־לארץ. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט געבושעוועט אין פּוילן, וואָס פון איר האָבן געשטאַמט דער רוב פון די נייע עולים, האָט זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגן אויף ארץ־ישׂראל. די דאָזיקע סיבה, ווי אויך געוויסע אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדענונגען פון דער א״י־רעגירונג, האָבן גורם געווען דערצו, אַז די עליה האָט זיך פאַרקלענערט און איר צוזאַמענשטעל האָט זיך געענדערט: די צאָל עולים מיט גרעסערע מיטלען האָט אַראָפּגעזונקען, און דער פּראָצענטזאַץ פון עולים מיט באַשרענקטע מיטלען און מיטללאָזע איז געשטיגן. די דאָזיקע דערשיינונג האָט זיך אויף אַ טאָפּלטן אופן אָפּגעשלאָגן אויפן בוי־מאַרק: דער געלט־צופלוס איז געוואָרן קנאַפּער, און די נאָכפראַגע אויף דירות איז פאַרקלענערט געוואָרן.

די דאָזיקע אויסערלעכע מאָמענטן האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער בוי־באַוועגונג, וואָס איז אויך פון אינעווייניק דערשיטערט געוואָרן. די בוי־באַוועגונג, צוזאַמען מיט דער שוועריקייט צו געפינען אַ מעגלעכקייט צו אינוועסטירן די געלטער אויף אַן אַנדערן זיכערן און רענטאַבילן אופן, האָבן גורם געווען צו אַ ווילדער באָדן־ספּעקולאַציע, וואָס ארץ־ישׂראל האָט נאָך ביז איצט ניט געזען. דעמאָלט איז צום ערשטן מאָל קלאָר געוואָרן, ווי שעדלעך ס׳איז געווען, וואָס דער קק״ל האָט ניט צוגעגרייט קיין גענוגנדע באָדן־רעזערוון אין די שטעט. די מגרשים (בוי־פּאַרצעלן) האָבן געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, און ביז זיי זיינען פאַרבויט געוואָרן איז זייער פּרייז אַזוי אויפגעשרויפט געוואָרן, אַז די אויף זיי אויפגעשטעלטע בנינים האָבן ניט געקאָנט אַריינברענגען קיין גענוגענדן ריוח. די ספּעקולאַציע האָט אויך גורם געווען דערצו, אַז דער רוב פון די געלטער איז אינוועסטירט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכע גיטער און איז צוליב דעם ארויס פון געלט־אומלויף. און אַזוי ווי דער גרעסטער טייל פון דער שטעטישער ווירטשאַפט איז געווען איינגעשטעלט אויף דער עליה און בוי־באַוועגונג און איז פון דער לעצטער אויך אָפּהענגיק געווען, האָט די זאַך געבראַכט צו אַ פּאַראַליזש פון עקאָנאָמישן לעבן. פיל אונטערנעמונגען האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן, אַ סך אַרבעטער זיינען געבליבן פּרנסהלאָז: אין אָקטאָבער 1925 האָט די צאָל אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס באַטראָפן איבער 1.000. אַווגוסט 1927 איז זי דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פּונקט — 8.440 אַרבעטסלאָזע,

(כמעט אַ דריטל פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד), דערפון האָט זיך בערך אַ העלפט קאָנצענטרירט אין תל־אביב. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע אויסוואַנדערונגס־באַוועגונג פון לאַנד, וואָס האָט זיך אין די יאָרן 27—1926 פאַרוואַנדלט אין אַ בהלה׳דיקן אַנטלויפן. אין 1926 האָבן 7365 יידן פאַרלאָזט דאָס לאַנד (ביי אַן עליה פון 13.853); אין 1927 האָט די אויסוואַנדערונג איבערגעשטיגן די נישטיקע איינוואַנדערונג (5000 אַקעגן 3034); אין 1928 האָבן זיך די איין־און אויסוואַנדערונג כמעט אויסגעגלייכט (2178 אַקעגן 2168). ערשט אין 1929 האָט די עליה איבערגעשטיגן מיט עטלעכע טויזנטער די אויסוואַנדערונג.

די אַנטוויקלונג פון דאָרף

דער קריזיס איז בעיקר געווען אַן עליה־קריזיס. דעריבער האָט ער זיך געלאָזט אַמשטאַרקסטן פילן אין תל־אביב; שוואַכער איז ער געווען אין חיפה, ווו מ׳האָט געהאַלטן אין מיטן אויפשטעלן די גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. אין דאָרף, ווו די ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט זיך דווקא אין די דאָזיקע יאָרן פאַרבעסערט, איז דער קריזיס כמעט ניט געווען באַמערקבאַר.

ס׳וואָלט געווען אַ טעות צו באַהויפּטן, אַז די פּערטע עליה האָט זיך געווענדעט בלויז אין שטאָט אַריין. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז אַ חשובער טייל פון די עולים, אויך פון מיטלשטאַנד, האָט געשטרעבט זיך איינוואָרצלען אין דאָרף. אַ פּאָר פּרוּוון אויף דעם געביט, ווי למשל די קאָלאָניזאַציע פון די חסידים, זיינען בולטע באַווייזן פאַר דעם פעסטן ווילן איבערצוגיין צו לאַנדווירטשאַפט. אויך די פאַרשטאַרקטע באַוועגונג צו דערווערבן באָדן, וואָס איז אין דער צייט אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל און אין די לענדער פון וועלכע די עולים האָבן געשטאַמט, ספּעציעל אין פּוילן, האָט איר מקור אין דער שטרעבונג צו באַקומען אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס. נאָר ערשט שפּעטער איז די דאָזיקע באַוועגונג פאַרקריפּלט געוואָרן דורך די באָדן־ספּעקולאַנטן.

טראָץ דער ספּעקולאַציע איז אין די יאָרן 26—1924 דער יידישער לאַנדווירטשאַפטלעכער באָדן־באַזיץ פּאַקטיש שטאַרק געשטיגן. דער קק״ל האָט דערוואָרבן אין עמק נייע 63.000 דונאַם. אויך די געזעלשאַפט פאַר באָדן־קויף און קאָלאָניזאַציע „קהילית ציון״, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער ציוניסטן, און אויך די געזעלשאַפט „משק״ — אַ בשותּפותדיקע שאַפונג פון „קהילית ציון״ און „חברת הכשרת הישוב״ — האָבן אויפגעקויפט גרויסע ערד־שטחים אין עמק און קודם־כל ארום עפולה, וועלכע די „קהילית ציון״ האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען אין דער צענטראַ־

לער שטאט פון גאנצן עמק („עיר יזרעאל״). זייער וויכטיק פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון לאנד איז געווען דער באדן־קויף אין ים־אויסגוס חיפה—עכו. די באדן־קויף־טעטיקייט פון פריוואט־קאפיטאל האט זיך בעיקר קאָנצענטרירט אין דער געגנט פון ים־ברעג, צפון פון תל־אביב (עמק השרון), וואס אין זיין ווערט פאר דער פרדסים־פלאנצונג האט מען זיך ערשט דעמאלט איבערצייגט. אין די דאזיקע יארן האט דער עקספארט פון די ציטרוסן שוין אנגעהויבן צו ברענגען ריווח, און ממילא האט ער פאמעלעך אנגעהויבן צו שטייגן.

די פלאנטאציע־ווירטשאפט און די אנטוויקלונג פון די אלטע קאלאניעס

דאס פלאנצן פרדסים בילדעט די דריטע שטופע פון דער יידישער פלאנטאציע־ווירטשאפט אין ארץ־ישראל. אנגעהויבן האט מען אין די אכציקער יארן פון פריערדיקן יארהונדערט מיטן פלאַנצן פון וויינטרויבן פאר וויין־פראדוקציע. נאכן קריזיס אויפן וויין־אפזאץ־מארק איז מען אין די ניינציקער יארן איבערגעגאַנגען צו דער פלאנצונג פון מאַנדלען, וועלכע זיינען אין משך פון אַ סך יארן לייכט פארקויפּ געווארן און האבן פארזיכערט אַ שיינעם ריווח. גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן צו פלאַנצן ציטרוס־בוימער, באַזונדערס אין פתח־תקוה, אין וועלכער ס׳זיינען שוין אין 1914 כמעט אין אַ גלייכער מאס געפלאנצט געווארן מאראנצן מיט מאנדלען. צוליבן אפשליסן פון דעם אויסן־מארק, איז אין דער מלחמה איבערגעריסן געווארן די אנטוויקלונג פון אלע מינים פון דער פלאנטאציע־ווירטשאפט.

די מלחמה האט גורם געווען דערצו, אז אין משך פון אַ רייע יארן האָט מען ניט געוואָגט צו פלאַנצן גרויסע פרדסים — באַזונדערס אין די ערשטע יארן נאך דער מלחמה, אין וועלכע דער אָפזאץ איז געווען אזוי שלעכט, אז מ׳האט אפילו ניט געקענט טרוימען וועגן ריווח. אַ סך יידן האבן פארקויפט זייערע פרדסים בחצי חנם. „דאס פלאנצן פון פרדסים איז דעמאלט באטראכט געווארן אלס דער מסוכנדיקסטער צווייג פון דער לאנד־ווירטשאפט אין באצוג אויף ריווח״ (לויטן אויסדרוק פון ד״ר רופין). ערשט זייט 1922 האָט דער מאַראַנצן־עקספּאָרט אָנגעהויבן צו וואַקסן. אין די סעזאנען 1922/23 און 1923/24 האט דער אלגעמיינער עקספארט פון די א״י־מאראנצן ווידער דערגרייכט די פאזיציע פון לעצטן פאר־מלחמה־יאר (1,5 מיליאָן קעסטלעך) און איז ביסלעכווייז אַריבער די דאָזיקע צאָל; גלייכצייטיק איז אויך געוואקסן דער ריווח און דאס הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער בעסערער אָרגאַניזירונג און פּאַרפּאַקונג. דער סוף איז געווען, אַז דער יידישער פלאנצונגס־שטח האט זיך פארברייטערט, און דער חלק פון

די יידן אין דער אלגעמיינער פראדוקציע איז געשטיגן. די פלאנצונג פון פרדסים איז אין איר מהות, מער ווי די געמישטע ווירטשאַפט אויף שווערן באָדן, נענטער געווען דעם טיפ עולים, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט דער פערטער עליה. אמת, ס׳איז בייטיק געווען אַ גרעסערע קאַפּיטאַל־איני־ וועסטיציע, און ס׳האָט געדויערט 6—5 יאָרן ביז מ׳האָט גענוצן דעם ערשטן ריוח, — אבער די פארדינסט־אויסזיכטן זיינען געווען גרעסער. אויך די ארבעט אליין איז געווען ווייניקער קאָמפּליצירט און אנגעשטרענגט, און די גרעסערע הכנסה האט דערמעגלעכט צו באשעפטיקן לוין־ארבעטער. דאס אלץ האט גורם געווען, אז די עולים פון מיטלשטאנד, וואס זיינען אריבערגעגאנגען צו דער לאנדווירטשאפט, האבן זיך בעיקר געווענדעט צום פלאנצונגס־געביט. זיי האָבן אייגנטלעך דאָס דאָזיקע געביט געעפנט פאר דער יידישער קאלאניזאציע.

פון דעמאָלט אָן האָבן זיך אויך די אלטע קאָלאָניעס אָנגעהויבן צו אנטוויקלען. אין ראשון לציון זיינען שוין אין 1927 געווען איבער 1800 נפשות, אין רחובות — כמעט 1200, אין פתח־תקוה — 5760, אין בנימינה, וואס איז געגרינדעט געווארן אין 1922 דורך פיק״א — כמעט 400 נפשות. גלייכצייטיק זיינען אין עמק השרון אנטשטאנען נייע ישובים אויף פריי־ וואט־ווירטשאפטלעכע יסודות: אין אנהייב 1924 — מגדיאל און בני ברק; אין 1925 — רמתיים און הרצליה, וואס איז מיט גרויסע געלט־אינוועסטיציעס געגרינדעט געווארן דורך דער „קהילית ציון״; אין 1928 — גן־חיים (לכבוד חיים ווייצמאַן) און די גרויסע קאָלאָניע פון פיק״א — פרדס חנה, אין 1929 — תל־מונד (לכבוד אלפרעד מאנד) און נתניה — דאָס זיינען די ערשטע און וויכטיקסטע פונקטן אויף דעם געביט. צו זיי איז אין די שפעטערדיקע יארן צוגעקומען אַ רייע נייע פלאנ־ צונגס־ישובים.

אלע די זיינען אנטשטאנען לויט דער איניציאטיוו פון פריוואטע גרופן און ציוניסטישע געזעלשאפטן און זיינען אין אַ גרויסער מאס דורך די קאָלאָניסטן אַליין פינאַנסירט געוואָרן. און דאָך האָט די קאָלאָניזאַציע־אָפּ־ טיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע ניט קיין קליינעם חלק אין דער גרינדונג פון די ערשטע צווישן די דאזיקע פונקטן. פאר מגדיאל האט זי אויסגעארבעט אַ נייעם ווירטשאפטס־פלאן. זי האט אין משך פון די קומענדיקע יארן די קאלאניסטן געגעבן קרעדיט פון „קרן היסוד״, צו 475 פונט פאר אַ משפחה, און האט דורך דעם ווי אויך דורך פאכמענישער אינסטרוקטירונג אָפּגעראטעוועט דעם יונגן דאָרף פון אַ זיכערן חורבן. אין בני־ברק, וואס האט פון איר אנהייב געטראגן אַ האלב־שטאטישן און אַ האַלב־לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער, האָט מען פּלאַנלאָז געקויפט פּאַר־

צעלן פון פאַרשידענער גרויס און זיך אויף זיי באַזעצט. אויך דאָ האָט די קאלאניזאציע־אפטיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע געגעבן 20 איינוווינער קרעדיטן אויף אויפצושטעלן דאַרפישע ווירטשאפטן. אויך די ערשטע קאלאניסטן פון הרצליה האבן באקומען הלוואות פון „קרן היסוד״. אין 1928 האבן 13 קאלאניסטן, מיט דער באזונדערער הילף פון דער האלענדישער אפטיילונג פון „קרן היסוד״, געלייגט דעם פונדאמענט פון רמתיים. דורך דער הילף, וואָס די ציוניסטישע אָרגאניזאציע האָט געלייסטעט פאר די חלוצישע פונקטן אין עמק השרון, האָט זי ענדגילטיק מיטגעהאלפן צום אנשטיין פון דער פלאנצונג־זאָנע, וועלכע האט זיך בעיקר אנטוויקלט א דאנק דער פריוואטער איניציאטיוו און פריוואטן קאַפּיטאַל. וואָלטן דיערשטע קאָלאָניעס ניט מצליח געווען, אזוי ווי דאָס איז געשען מיט די „אחוזות״ פאר דער מלחמה, וואלט דער פריוואט־קאפיטאל זיך זיכער נאר אין אַ קליינער מאס געווען באטייליקט אין דער גרינדונג פון נייע ישובים. דורכן ערטיילן איינצעלנע קאלאניסטן לאנגיעריקן קרעדיט דורך „קרן היסוד״ און קורצטערמיניקן דורך אפ״ק, האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע אויך מיטגעהאָלפן צו דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון די אלטע קאָלאָניעס; דאסגלייכן האָט זי מיט הלוואות אונטערשטיצט די קאָלאָניזאציע פון די זין פון די קאָלאָניסטן ביי גדרה און נס־ציונה („כפר אהרן״).

די יידישע ארבעט אין די פלאנטאציע־קאָלאָניעס

דער אויפבוי פון דער פלאַנצונגס־ווירטשאפט אין די אַלטע קאָלאָניעס, דער כסדרדיקער וווקס פון די פארפלאנצטע שטחים און די גרינדונג פון די נייע ישובים, האָבן דערעפנט אַ ניי ברייט פעלד פאר יידישער לוין־אַרבעט און האָבן געשאַפן די פאַרבאַדינגונגען פאַרן איבערפירן פיל ארבעטער פון די שטעט אין די מושבות. מיט דער פארשארפונג פון קריזיס אין שטאט איז די דאזיקע איבערפירונג געווארן אלץ מער דרינגלעכער.

דער קאמף פאר כבוש העבודה אין די אלטע קאלאניעס, זיין אנטשטיין, פּראָבלעמאטיק און וואנדלונגען — זיינען שוין באהאנדלט געווארן אין די פריערדיקע קאפיטלען. נאך דער וועלט־מלחמה איז אין דער דאזיקער באַוועגונג פאָרגעקומען אַ פויזע, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר יאָר. די צאָל יידישע ארבעטער אין די קאלאניעס האט מער אָפּגענומען ווי צוגענומען. צו דעם דאזיקן ריקצוג האבן גורם געווען פארשידענע מאמענטן. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די קאָלאָניעס איז אין משך פון יאָרן געווען זייער שלעכט, און דאקעגן האבן די גרויסע עפנטלעכע ארבעטן, די בוי־באוועגונג אין די שטעט און די גרינדונג פון נייע ארבעטער־ישובים גע־שאפן נייע ארבעטס־מעגלעכקייטן. ערשט דאס אָפּשטעלן די עפנטלעכע

רעגירונגס־ארבעטן און דער קריזיס, וואס האט אויסגעבראכן ווינטער 1923—24, האבן באוויזן די ארבעטס־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און די הסתדרות העובדים, זיך ענערגיש צו נעמען צו דער איבערפירונג פון יידישע ארבעטער אין די אלטע קאלאניעס, כדי אויף דעם אופן צו שאפן אויפנאמס־מעגלעכקייטן פאר די שטעטישע ארבעטער.

די שטויס־קראפט פאר דער דאזיקער באוועגונג האבן געגעבן די אַרבעטער־ח ב ו ר ו ת (קאָלעקטיוון), וואָס זיינען טיילווייז ספּעציעל פאַר דעם צוועק געשאַפן געוואָרן און טיילווייז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די גרויסע קבוצים. דער רוב פון די חבורות האָט באַטראַכט זייער אַרבעט אין די מושבות אַלס אַן איבערגאַנג. די נייע עולים, וואָס האָבן געבילדעט דעם גרעסטן טייל פון די ארבעטער אין די מושבות, האבן אין די דאזיקע חבורות, אונטער דער לייטונג פון דערפארענע ארבעטער, זיך געדארפט קוואליפיצירן אין דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, כדי זיי זאלן קענען אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען זיי וועלן באַשטעטיקט ווערן צו זעלבסטשטענדיקער קאלאָ־ניזאַציע, אַרבעטן אַלס דערפאַרענע לאַנדווירטן אין די אייגענע ישובים. אויך פאר די ארבעטס־געבער איז די דאזיקע ארבעטס־פארם פון חבורות גע־ווען גאנץ באקוועם; צוליב דעם, וואס די חבורות האבן בדרך כלל גענו־מען אויף זיך אויסצופירן געוויסע ארבעטן אויף קבלנות, (לויט דער אַקאָרד־סיסטעם), האָבן די קאָלאָניסטן ניט געדאַרפט צאָלן קיין צו הויכע לוינען די ניט־דערפארענע ארבעטער; אויך די סכנה, אז די ניט־דערפא־רענע נייע עולים וועלן דורך שלעכטער ארבעט באשעדיקן די פלאנצונגען איז דורך דער פאראנטווארטלעכער צוזאמענארבעט פון די עלטערע און יינגערע אַרבעטער פאַרקלענערט געוואָרן. אַ סך פון די נייע עולים האָבן די דאזיקע חבורות און קבוצות טאקע בלויז אויסגענוצט אלס הכשרה־פלעצער און האבן פארגעזעצט די ארבעט אלס „בודדים", אלס איינצעלנע זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער, אָדער זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן אין ארגונים וואָס האָבן געהאַט בדעה זיך שפּעטער צו קאָלאָניזירן, אין דער פאָרם פון „מושבי עובדים". די ציוניסטישע ארגאניזאציע און אירע פאנדן האבן פון סאַמע אָנהייב אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון די חבורות און האָבן זיי ווי ווייט מעגלעך אונטערשטיצט. די חבורות זיינען אין דער טעטיקייט געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג, אין וועלכע זייערע פאָרגייער, די ארבעטס־דעראבערער אין די מושבות, האבן אנגעהויבן די דאזיקע ארבעט אין אַ קליינעם מאסשטאב פאר דער מלחמה, נאר איצט איז עס געטון גע־ווארן אין אַ גרעסערן פארנעם און מיט אַ שטרענגערער סיסטעמאטיק.

אין די יאָרן 1924—1927 האָט די אַרבעטער־אָפּטיילונג ביי דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אַסיגנירט 25.000 פונט פון די „קרן

היסוד״־געלטער אלס הלואות פאר דערוועריבן געצעלטן, וווין־און ווירט־שאפטס־באראקן, ארבעטס־בהמות און ארבעטס־געציי̈ג פאר 78 ארבעטער־חבורות, אַ חוץ דעם האָט זי אויסגעגעבן קלענערע סומען, כדי צו פאַר־פעסטיקן די לאגע פון איינצעלנע ארבעטער און כדי איינצוריכטן ארבע־טער־קיכן. און ענדלעך האט זי אין אקטאבער 1926 דערמעגלעכט דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעטער־ארגאניזאציע ביי דער הסתדרות (הסתדרות הפועלים החקלאיים) אויפצושטעלן דעם „משרד הקבלני לעבודות החקלאיות״ (אונטערנעמונגס־ביוראָ פאר לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטן), וואס זיין אויפגאבע האט געדארפט זיין צו באפרייען די קאפי־טאל־שוואכע קליינע ארבעטער־חבורות פון נעמען אויף זיך דאָס אויספירן גרויסע פלאנצונגס־ארבעטן.

גלייכצייטיק האָט די קאָלאָניזאציע־אָפטיילונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איינגעאָרדנט געהילפס־ווירטשאַפטן (משקי־עזר) ביי די חבורות אין די מושבות. די דאזיקע ווירטשאפטן האבן, דורך דער פאר־קלענערונג פון די דערנערונגס־הוצאות, געדארפט פארלייכטערן די חבורות זייער ארבעט אין די מושבות. אין די ווירטשאפטן האבן די ארבעטער גע־דארפט לערנען יענע לאנדווירטשאפטלעכע צווייגן, מיט וועלכע זיי האבן ניט געהאט צו טון אין די פרדסים.

די דאָזיקע טעטיקייט, וואָס האָט אנגענומען אלץ מער און מער אַ סיסטעמאטישן כאראקטער, האט דערפירט צו וויכטיקע רעזולטאטן, הגם עס האבן איר תמיד געפעלט די נויטיקע מיטלען פאר איר ריכטיקן פאר־נעם: פון 700 ארבעטער אין 1923 און 1000 אין אָקטאָבער 1924 האָט די צאל יידישע ארבעטער אין די מושבות געשטיגן ביז מערץ 1927 אויף 5.200. פון זיי זיינען בערך 60% געווען באַשעפטיקט אין דער לאַנדווירט־שאפט. דער רוב פון די דאזיקע ארבעטער און ארבעטערינס, וואס זיינען שפעטער קאָלאָניזירט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע — שטאמען פון די דאָזיקע חבורות און פלוגות אין די מושבות; אַ גרויסע צאל געהילפס־ווירטשאפטן, וואס זיינען דעמאלט געגרינדעט געווארן, האָבן זיך אַנטוויקלט און פאַרוואַנדלט אין זעלבסטשטענדיקע גרויסע ישובים, ווי, למשל, ג ב ע ת ה ש ל ו ש ה ביי פתח־תקוה.

די סיסטעמאַטיזירונג פון דער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט

אויב ביים גרינדן די פריוואַטע פלאַנצונגס־קאָלאָניעס און ביי דער פארפעסטיקונג פון דער יידישער ארבעט אין די מושבות, האט זיך די קאלאניזאציע־אפטיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע באגנוגנט בלויז מיט אַ טיילווייזער באַטייליקונג אין זייער טעטיקייט — האָט זי דאַ־

קעגן אלע אירע כוחות בעיקר קאנצענטרירט אין פאַרברייטערן און פאַר־זעצן איר אייגענעם קאלאניזאציע־ווערק. צו דער ווייטערדיקער אנטוויק־לונג פון דער קאלאניזאציע האט אויך געהאלפן דער וווקס פון די שטעט, וואס האט פארגרעסערט דעם אַפזאץ־מארק פאר דער לאנדווירטשאפטלע־כער פראדוקציע.

דאס קאלאניזאציע־ווערק האט זיך, ווי ס׳איז שוין פריער דערמאנט געוואָרן, אָנגעהויבן מיט אַ ברייטן פאַרנעם און אַ גרויסן שוווּנג, טראָץ דעם מאנגל אין גענוגנדער דערפארונג און אנטשפרעכענדע געלט־מיטלען. אין פרילינג 1924 האט זיך דערנענטערט צום סוף דער ערשטער הערא̇ישער עטאפּ פון דער ציוניסטישער נאך־מלחמה׳דיקער קאלאניזאציע. נאך צוויי און אַ האלב־יעריקער קאלאניזאציע־טעטיקייט האט זיך אנגעזאמלט אַ גע־ווויסע דערפארונג, וואס האט דערמעגלעכט די ארבעט פון דאס ניי צו אונ־טערזוכן און סיסטעמאטיזירן און דאָס אָנגעהויבענע ווערק פלאנמעסיק צו פארפעסטיקן, כדי עס אומאָפּהענגעק צו מאכן פון סובווענצען; גלייכצייטיק האט זיך ארויסגעוויזן פאר נויטיק, אויפן יסוד פון די ביזאיצטיקע דער־פאַרונגען, אויסצואַרבעטן אַ גענויערן ווי ביז איצט פלאַן פאַרן המשך פון דער קאלאניזאציע־טעטיקייט. די יארן, זינט דעם זומער 1924, זיינען בעיקר געווען געווידמעט דעם דאזיקן ציל.

די פּלאַנירונגס־קאָמיסיע

לויטן פארשלאג פון ש. קאפּלאנסקי, וואס האט צווישן די יארן 1924—1927 אנגעפירט מיט דער קאלאניזאציע־אפטיילונג פון דער א״י־דיקער עקזעקוטיווע, איז אין מאי 1924 באַמינירט געווארן אַ קאמיסיע פון פאכלייט, וואָס זייער אויפגאבע איז געווען אונטערצוזוכן די משקים פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און אויסצוארבעטן אַ פּלאן פאר זייער אנטגילטיקער פארפעסטיקונג. דער באשלוס וועגן דער דאזיקער פלאני־רונגס־קאָמיסיע איז געווען איינער פון די אַממייסטן געלונגענע אין דער געשיכטע פון דער יידישער קאלאניזאציע אין ארץ־ישראל. אַ דאנק איר האט די קאלאניזאציע־טעטיקייט זייט דעמאלט באקומען אַ קלארערע ריכ־טונג און אַ מער זיכערן יסוד.

שטיצנדיק זיך אויף די פריערדיקע ארבעטן פון ווילקאנסקי, רופּין און עטינגער האט די קאמיסיע, וואס האט יארן־לאנג געארבעט אונטער דער לייטונג פון ווילקאנסקי און לויט זיינע פרינציפּן, אויסגעארבעט אַ „קאלאניזאציע־שליסל״. דער דאזיקער „שליסל״ וואס איז כסדר, אויפן יסוד פון נייע דערפארונגען, אויסגעבעסערט געווארן, האט אנטהאלטן גע־נויע פרטים וועגן אינווענטאר, וואס איז נויטיק פאר יעדן משק און וועגן

די געלט־מיטלען פאר זיין דערוואַרבונג. אויב ביז אהער האט מען גע־דאַרפט פאַר יעדן ישוב פון דאָס ניי אָפּשאַצן די בערך׳דיקע הוצאות און יאָר־יערלעך אין אַן אַלגעמיינער פאָרם פעסטשטעלן די נויטיקע מיטלען, טא איז איצט אויפן סמך פון דעם „שליסל״ דערמעגלעכט געוואָרן, מיט אַ מער־ווייניקער וואַרשיינלעכקייט, פון פאָרויס אויסצורעכענען די אַלגע־מיינע הוצאות פאַר אַ ווירטשאַפט און צו פאַרטיילן זיי לויט דער צאל יאָרן פון צייט־אַפּשניט, אין וועלכן מ׳האט געקלערט אויפצושטעלן די ווירט־שאַפט. ווי וויכטיק און נויטיק ס׳זאָלן ניט זיין די ווייטערע פאָר־שונגען און אונטערזוכונגען, כדי פעסטצושטעלן די באַדן־איינהייט און אנדערע חשובע איינצעלנע פראגן, און ווי ווייט זיי זאלן ניט האבן מיט זייער קלאָרקייט און גענויקייט איבערגעשטיגן די ערשטע אונטערזוכונג, דאָך איז די דאָזיקע ערשטע אונטערזוכונג — די וויכטיקסטע און שווערסטע ארבעט, און אין דעם ליגט איר עיקרדיקע באדייטונג אין דער געשיכטע פון דער א״י־דיקער קאלאניזאציע.

די אויפגאַבע פון דער קאלאניזאציע־אפטיילונג איז געווען — ארויסצוציען פראַקטישע מסקנות פון די אויספאָרשונגען פון דער „פלאַני־רונגס־קאָמיסיע״, דאָס הייסט, צוגרייטן די ישובים סיסטעמאַטיש צו זייער זעלבסטשטענדיקייט. דאָס איז געשען אויף דעם אופן, אַז מ׳האָט פון דאָס ניי גענוי אונטערגעזוכט זייער ווירטשאַפטלעכע לאַגע, און לויטן אַנטוויק־לונגס־צושטאַנד זיי איינגעטיילט אין פאַרשידענע קאַטעגאָריעס; פאַר יע־דער פון די גרופן איז פון פאָרויס פעסטגעשטעלט געוואָרן, ווען זי דאַרף באַקומען דעם אינוועטאַר און די בנינים, וואָס זאָלן איר דערמעגלעכן צו פאַרזעצן און פאַרברייטערן די טעטיקייט אָן ווייטערדיקער פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג.

לויט דער רייענפאָלגע בערך, וואָס איז דעמאָלט פעסטגעשטעלט געוואָרן און בלויז מיט קליינע ענדערונגען, וואָס זיינען געווען אַ רעזול־טאַט פון אַ פּינקטלעכער אונטערזוכונג פון די משקים, איז אין די קומענ־דיקע יאָרן פאַקטיש פאַרפולקאָמט געוואָרן דער אויפבוי פון די ווירט־שאַפטן. אמת, צוליבן מאַנגל אין מיטלען איז דער אויפבוי ניט געגאַנגען אין דעם טעמפּאָ, וועלכן די פלאַנירונג־קאָמיסיע האט געהאַלטן פאַר נויי־טיק און געוואונטשן. צוליב דער דאָזיקער פאַמעלעכדיקער קאָנסאָלידירונג האָבן געשטיגן די הוצאות און ס׳איז געפאַלן דער ווערט פון די אינוועסטיר־טע סומען. אבער מיט דעם האט מען זיך געמוזט רעכנען, ווייל די הכנסות זיינען געווען אָפּהענגיק פון אויסגאַנג פון די קרן־היסוד־אַקציעס. אזוי ווי די דאָזיקע הכנסות זיינען ביז 1927 געשטאַנען אונטערן צייכן פון כסדר־דיקן אויפשטייג, איז דערמעגלעכט געוואָרן אין די צוויי יאָרן 1925—27 צו

ברענגען די ישובים אַ שטיק וועג ווייטער אין זייער אַנטוויקלונג. באַזונ־דערס גרויס איז געווען דער פאָרשריט אויפן געביט פון בויען בנינים. קאַפּלאַנסקיס זכות איז, וואָס ער האָט איינגעטיילט די בנינים אין פאַר־שידענע טיפּן און האָט אויף דעם אופן סיסטעמאַטיזירט און פאַרביליקט די אַרבעט; פאַר יעדער גרופּע פון וווין־און ווירטשאַפט־בנינים זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן עטלעכע פּלענער, וואָס האָבן געדינט אַלס יסוד און ביישפּיל אויף להבא. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז מען פּלאַנמעסיק און פולשטענדיק געגאַנגען אויף דעם דאָזיקן וועג; דאָס אָרט פון די געצעלטן און באַראַקן האָבן פאַרנומען שטיין־און בעטאָן־הייזער; די ישובים האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו פאַרלירן דעם לאַגער־כאַראַקטער און האָבן אַלץ מער באַקומען אַ פּנים פון אַ דאָרף.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטאַל־אינסטיטוציעס

פאַרן אינערלעכן אויסבוי פון די ישובים איז באַזונדערס וויכטיק גע־ווען דער פאַקט, אַז אין די דאָזיקע יאָרן איז, לויטן פאָרשלאַג פון דער פּלאַנירונגס־קאָמיסיע, פאַרברייטערט געוואָרן די נעץ פון די פאַרזוך־ און אינסטרוקציע־אינסטיטוציעס. אין הערבסט 1920 איז די ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע צוגעטראָטן צו די הכנות צום גרינדן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן אינסטיטוט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורכן 12־טן ציוניסטישן קאָנ־גרעס און האָט זינט דעמאָלט באַקומען אַ רעגעלמעסיקן יערלעכן בודזשעט פון 8—10 טויזנט פונט. אָבער ערשט אין די יאָרן 1926־27 איז געלונגען צו דערווערבן די אַנטשפּרעכנדע באָדן־שטחים פארן צענטראַלן אינסטיטוט (צווישן נס־ציונה און רחובות), ווי אויך פאַר זיין גרויסן סניף אין עמק יזרעאל (ביי גבת). אין 1932 איז נאָך לאַנגיעריקע פאָרברייטונגס־אַרבעטן דערמעגלעכט געוואָרן איבערצופירן די לאַבאָראַטאָריעס פון אינסטיטוט פון תל־אביב אין זיינע אייגענע בנינים אין רחובות. טראָץ די פיל שטע־רונגען, וואָס האָבן אָפּגעהאַלטן די אַנטוויקלונג פון אינסטיטוט, איז זיין השפעה אויף דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע געווען זייער וויכטיק און אַנטשיידנד. די פאַרזוך־סטאַנציעס אין: בן־שמן (פאַר פלחה, האָדעווען בהמות און הינער־צוכט — אין 1928 איבערגעפירט געוואָרן קיין רחובות), מרחביה און דגניה (אינטענסיווע קולטורן) און דער סניף אין גבת האָבן דערגרייכט יסודותדיקע רעזולטאַטן אין די פראַגן פון ערד־באַאַרבעטונג, באַמיסטיקונג, זאָמען־וועקסל און אין דער שטייגערונג פון דער גערעטעניש. די פאַרזוכן אויפן געביט פון האָדעווען בהמות און הינער־צוכט, וועלכע מ'האָט נאָך אָנגעהויבן פאַר דער מלחמה אין בן־שמן, האָבן באַדייטענד געהאָלפן אויסהאָדעווען גוטע און ווידערשטאַנד־פעיקע בהמות און הינער־

ראַסן, פעסטשטעלן זייער ראַציאָנעלע דערנערונג און דעם אופן פון איינ־אָרדנען שטאַלן און הינער־שטייגן.

די ארבעט פון די לאבאראטאָריעס אויפן געביט פון קאמף מיט די פּאַראַזיטן, די כעמישע אונטערזוכונג פון באָדן אאַז״וו האָבן געשאַפן די פּאָרבאַדינגונגען פאַרן אויפבוי פון ראַציאָנעלע ווירטשאַפטן. אַ חוץ דעם האָבן די עקספערימענטאַלע סטאַנציעס גענומען אַ לייטענדן אָנטייל אין דער טעטיקייט פון דער „פּלאַנירונג־קאָמיסיע״, פאר וועלכער זיי האָבן אויפגע־זאַמלט, מסדר געווען און באַאַרבעט דעם נויטיקן מאַטעריאַל.

דער אינסטרוקטאָרן־אַמט

דער קאָנטאַקט צווישן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּאַרזוך־סטאַנציע און די משקים איז געווען אין די הענט פון אן אינסטרוקטאָרן־אמט, וואָס איז אנטשטאנען גלייכצייטיק מיט דער סטאנציע און וואָס האָט אין קאפלאנסקיס צייטן זוכה געווען צו אַ גרויסן אויפשוואונג און אַ סיסטעמאַטישער אַנט־וויקלונג. די צאָל פון די אינסטרוקטאָרן איז געוואקסן פון 6 ביז 20. גלייכ־צייטיק האָט מען, לויט אן אמעריקאנישן מוסטער, איינגעאָרדנט אין די משקים אליין אָדער אין זייער שכנות אינסטרוקציע־פעלדער, וואָס זייער אויפגאבע האָט געדארפט זיין ניט נאָר אויף א פראקטישן אופן צו דע־מאָנסטרירן די נייע מעטאָדן, נאָר אויך פאָרזעצן די פּאָרבאַרייטונגס־ארבעטן פון דער פארזוך־סטאנציע, כדי זיי תיכף צו פארווירקלעכן אין דער ווירטשאפט. אין 1925 האָבן אין פארשידענע געגנטן פון לאנד עקזיס־טירט אַזעלכע 46 אינסטרוקציע־פעלדער אויף אַ שטח פון 270 דונאַם און 3 אינסטרוקציע־ווירטשאפטן אויף א שטח פון 390 דונאם. די רעזולטאטן פון די פּאַרזוכן זיינען פּאַרעפנטלעכט געוואָרן אין צאָלרייכע פּובליקאַ־ציעס און פּאָרטראגן.

אויף דעם אופן איז געלונגען אין א געוויסער מאָס צו פארריכטן דעם פעלערהאפטן מצב אין די משקים, וואָס אין זיי האָבן געפעלט פאכלייט מיט אַ גרונטלעכער פאכקענטעניש.

די אינערלעכע אַנטוויקלונג פון די ישובים

א דאנק דער פראקטישער ארבעט און די פּאַרשונגען פון די וויסנ־שאפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען דערגרייכט געוואָרן בעסערע רעזולטאטן אין דער ווירטשאפט, און די הכנסות פון די פארשידענע צווייגן האָבן פּאַ־מעלעך אָנגעהויבן צו שטייגן. באזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די תבואה־פעלדער און די מילך־פּראָדוקציע. צום אומאויפהערלעכן וווקס פון דער מילך־פּראָדוקציע האָט אַ סך צוגעהאָלפן די שנעלע אַנטוויקלונג פון די

שטעט, וואָס האָט געשאַפן אַן אַלץ שטייגענדן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן. פון יאָר צו יאָר האָט די מילך־ווירטשאַפט פאַר־נומען אַ גרעסערן אָרט אין רוב פון די ישובים. אין יאָר 1920־21 זייַנען דורכן „ה מ ש ב י ר" פאַרקויפט געוואָרן 96.000 ליטער מילך; אָבער אין יאָר 1926 האָט זייַן באַזונדערע אָפּטיילונג פאַרן אָפּזאַץ פון דער לאַנדווירט־שאַפטלעכער פּראָדוקציע פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן (געגרינדעט גע־וואָרן אין 1924 און האָט זיך אין 1926 אָרגאַניזירט אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציע אונטערן נאָמען „ת נ ו ב ה") פאַרקויפט אַ מיליאָן ליטער מילך. צען יאָר שפּעטער האָט די מילך־פּראָדוקציע דערגרייכט 33 מיליאָן ליטער אַ יאָר, און אין יאָר 1940 — 36 מיליאָן.

אין אַלגעמייַן האָט זיך אין די ישובים אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן דער גייסט פון גוטער ווירטשאַפטלעכקייט. דער ראָמאַנטישער גייסט פון דער קאָלאָניזאַציע האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס אויסגעוועפּט. דער קאַמף פאַרן קיום, דאָס טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקן זיך מיט פּראַקטישע ווירט־שאַפטס־ענינים, די וואַקסנדיקע אָפּהענגיקייט פון די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט, די שטייגנדיקע דערפאַרונג און די פאַרגרעסערטע הילף פון די פּאַכלייט, די פאַרבעסערטע וווינונגס־באַדינגונגען אין די ישובים און אפשר אויך די השפּעה פון דער פערטער עליה — די אַלע האָבן גורם געווען דער־צו, אַז דער העראָאישער כיבוש־גייסט האָט אָפּגעטראָטן זייַן פּלאַץ דעם מער ווירטשאַפטלעכן געדאַנקן־גאַנג. אויך דער קאַמף אַרום די קאָלאָניזאַציע־פאָרמען איז פאַמעלעך איבערגעגאַנגען אויפן ריין־ווירטשאַפטלעכן געביט. אויב אין די ערשטע יאָרן פון דער נאָך־מלחמה'דיקער קאָלאָניזאַציע האָט מען אָפּהענגיק געמאַכט די באַציונג צו אַ געוויסער קאָלאָניזאַציע־פאָרם בעיקר פון געזעלשאַפטלעכע מאָמענטן, האָט מען איצט מער געלייגט אַכט אויף דער ווירטשאַפטלעכער זייט. איצט איז, למשל, געוועזן וויכטיק צו באַווייַזן, אַז די קבוצה, וואָס איז פון פאַרשידענע זייטן אַטאַקירט געוואָרן, און באַזונדערס די גרויסע קבוצה, ברענגען די זעלבע אָדער נאָך בעסערע ווירטשאַפטלעכע רעזולטאַטן, ווי אַנדערע קאָלאָניזאַציע־פאָרמען. דאָס האָט מען ניט געקאָנט באַווייַזן בלויז מיט ווערטער, נאָר מיט מעשים, און ס'איז דעריבער געוועזן נויטיק קאָנצענטרירן אַלע כוחות אין דעם ראַציאָנעלן אויפבוי פון דער ווירטשאַפט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווירטשאַפטלעכער קאָנסאָלידאַציע פון די ישובים זייַנען אויך אַרויפגעשווומען אַ רייע געזעל־שאַפטלעכע פראַגן. אין די מושבים האָט מען זיך געמאַטערט מיט דער פּראָבלעם, ווי אַזוי אַמבעסטן צו אָרגאַניזירן די קעגנזייטיקע הילף אין קראַנקייטן און אומגליקס־פאַלן. דערצו איז צוגעקומען די פראַגע ווי אַזוי צו באַפרייַען די פרוי אין מושב פון דעם צו שווערן עול וואָס איז געלעגן אויף

איר, ווייל זי האָט געדאַרפט גלייכצייטיק זאָרגן פאַרן משק און פאַר דער משפחה. אין די קבוצות האָט מען געמוזט זוכן א וועג, ווי אזוי א סוף צו מאַכן צום כסדרדיקן חברים־ווּעקסל, וואָס האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און האָט זייער אָפט געשטעלט אין א סכנה איר קיום. אלס שוץ־מיטל קעגן די דאָזיקע שטערונגען האָט אין א געוויסער מאָס געדאַרפט דינען די אָרגאַניזאַטאָרישע פאַראייניקונג פון די ישובים לויט דער קאָלאָניזאַציע־פאָרם, וואָס האָט זיך אין די דאָזיקע יאָרן אָנגעהויבן אויסצובילדן.

די לאַנד־פאַרבאַנדן פון די קבוצים און קבוצות

דער אָנהויב אין דער ריכטונג פון שאַפן אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע איז געמאַכט געוואָרן דורכן גדוד־העבודה. די זאַך איז אָבער אים נישט געלונגען, צוליב דער שפּאַלטונג צווישן עין־חרוד און תל־יוסף, ווי אויך צוליב די אַנדערע שפּאַלטונגען, וואָס זענען נאָכדעם פאָרגעקומען. דאָס שטרעבן צו דעם ציל איז אָבער פאָרגעזעצט געוואָרן אין אַן אַנדערער פאָרם און מיט מער הצלחה — דורכן „קבוץ עין־חרוד". דורך דער בילדונג פון דעם „קבוץ עין־חרוד" האָט דער משק עין־חרוד געשאַפן פאַר זיך אַ רעזערוואָר פון פרישע כוחות; און הגם עין־חרוד איז געווען הינטער־שטעליק לגבי אַנדערע פונקטן אין הינזיכט פון בודזשעט, ווי אויך צוליבן צייטווייליקן כאַראַקטער פון איר זידלונגס־אַרט, האָט זי דאָך פאַרשטאַנען אַזוי גוט צו אַנטוויקלען איר משק, אַז זי איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוסטער פאַר אַנדערע קבוצישע ישובים. אַמייסטן ערשטוינט פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג זענען געווען די פאַרשיידענע פאַכלייט, וואָס האָבן אין איר תמיד געזען בלויז חסרונות און האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די דאָזיקע מענטשן וועלן מיטן כוח פון זייער אמונה און אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט קענען פאַרוואַנדלען אַ מחנה פון געצעלטן און באַראַקן אין אַ בליענדיקן ישוב פאַר הונדערטער נפשות.

גלייכצייטיק מיטן אויפבוי פון משק עין־חרוד, איז דער קבוץ אויך געוואַקסן אין פאַרנעם און אין כוח. אין זומער 1924 האָט זיך אין קבוץ עין־חרוד אָנגעשלאָסן די קבוצה „אחוה" פון יגור, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון צעברעקלונג. דורכן איבערבוי פון איר ווירטשאַפט לויט די פּרינציפּן פון דער „גרויסער קבוצה" — די פאַראייניקונג פון אויסערלעכער אַרבעט, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט — איז דעם קבוץ געלונגען אַוועקצושטעלן די קבוצה אויף פעסטע יסודות. אין זומער 1925 האָט דער קבוץ איבערגענומען די קבוצה ג ש ר ־ נ ה ל י ם אין עמק־הירדן, וואָס האָט געאַרבעט אויף פּיק"אַ־באָדן. ער האָט אַהין אַריבערגע־

פירט אַ ירושלימער קבוצה פון בוי־אַרבעטער, און לויטן מוסטער פון יגור האָט דער דאָזיקער ישוב אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אויפן יסוד פון פאַרבינדונג פון אויסערלעכער אַרבעט (אין רוטענבערגס עלעקטרישער סטאַנציע), מיט לאַנדווירטשאַפט. אין ווינטער 1925—23 האָט זיך אין קבוץ אָנגעשלאָסן די קבוצה אילת השחר, אין הגליל העליון. גלייכצייטיק מיט דער פאַרברייטערונג און איבערבוי פון די דאָזיקע ישובים, וואָס זיינען געבליבן זעלבסשטענדיק בנוגע דער לייטונג פון זייערע ווירטשאַפטן, האָט דער קבוץ געשיקט אַ רייע פּלוגות אויף אַרבעט אין די מושבות און שטעט; זיינע שליחים זענען געפאָרן קיין חוץ־לאָרץ און האָבן פיל געלייסטעט פאַר דער אָרגאַניזירונג פון „החלוץ", אַלס הכשרה־באַוועגונג פאַרן קומענדיקן דור. אַ דאַנק דער דאָזיקער טעטיקייט זענען אין חוץ־לאָרץ געגרינדעט געוואָרן שטאַרקע עליה־ און הכשרה־קבוצים, און אַ טייל פון זיי האָבן אין אַ קורצער צייט אַרום עולה געווען. אין איינִיקע יאָרן האָבן זיך די ראַמען פון „קבוץ עין־חרוד" שטאַרק פאַרברייטערט. מיט 200 חברים האָט דער קבוץ אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין יולי 1923, און אין אַפּריל 1927 האָט ער שוין געציילט 905 חברים, פון וועלכע איבער אַ העלפט — 460 — זענען געווען קאָלאָניזירט, 255 האָבן געאַרבעט אַלס לוין־אַרבעטער אין די מושבות, און 150 אין די שטעט. דער רוב פון די קבוץ־חברים זענען געווען נייע עולים.

אַלס די שטאַרקסטע קבוצישע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך ברייט פאַרצווייגט און איבערגעשטיגן דעם גדוד העבודה, וואָס פון זיינע דערפאַרונגען און פעלערן האָט זי אַ סך געלערנט, האָט זיך דער קבוץ עין־חרוד געשטעלט אַלס ציל צו פאַראייניקן די גאַנצע קבוצישע באַוועגונג און האָט געמאַכט אַ וויכטיקן שריט אויף דעם וועג. אין 1927 האָט ער זיך פאַראייניקט מיט אַ רייע אַנדערע קבוצות אין איין אָרגאַניזאַטאָרישער ראָם, אונטערן נאָמען „ה ק ב ו ץ ה מ א ו ח ד". אין דעצעמבער 1929 זיינען אויך די פאַרבליבענע טיילן פון גדוד העבודה צוגעטראָטן צום נייעם פאַרבאַנד. די „שטיף־שוועסטער" תל־יוסף און עין־חרוד, וואָס זענען אויף זייער נייעם ענדגילטיקן זידלונגס־אָרט (אויפן קומי־בערגל) געווען דערווייטערט איינע פון דער אַנדערער בלויז אַ פּאָר מינוטן גאַנג, האָבן זיך איצט אויך גייסטיק דערנענטערט. זיי האָבן ביידע געשטרעבט צום זעלבן ציל אויף באַנייטע יסודות: אויטאָנאָמיע פון יעדער קבוצה, קעגנזייטיקע הילף אין דער אַרבעט, מאַקסימאַלסטע אויסגלייכונג פון דעם לעבנס־סטאַנדאַרט.

איינִיקע חדשים נאָך דער גרינדונג פון „הקבוץ המאוחד", אין אַפּריל 1927, האָבן זיך אויך די קבוצים, וואָס זענען אַנטשטאַנען פון דער יוגנט־

באַוועגונג „השומר הצעיר", פאַראייניקט אין אַ לאַנדס־פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „הקבוץ הארצי השומר הצעיר" („השומר הצעיר" נצ"ח פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך אין דעם דאָזיקן פאַרבאַנד נישט אָנגעשלאָסן). די קבוצים פון „השומר הצעיר" האָבן צוליב באַשטימטע מיינונגס־אונטערשידן איבערן מהות פון דער קבוצישער ווירטשאַפט און געזעלשאַפט, ווי אויך צוליב זייער שטרעבונג צו אַ פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער קאָנסאָלידירונג, נישט געוואָלט צוטרעטן צום „הקבוץ המאוחד". אַ דאַנק זייער בשותפותדיקער דערציונג אין דער יוגנט־באַוועגונג „השומר הצעיר", זענען די חברים פון די דאָזיקע קבוצים געווען צווישן זיך ענג פאַרבונדן, און אָט די דאָזיקע אינטימקייט האָבן זיי געוואָלט אויך ווייטער אָפּהיטן דורך דער אָרגאַנישער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און געזעלשאַפט (באַגרענעצנדיק פון אָנהייב די צאָל חברים פון יעדן משק צו 120 און שפּעטער ביז 150 בערך). אין דער הינזיכט זיינען זיי אין אַ געוויסער מאָס, ענלעך געווען צו די „קליינע קבוצות". זיי האָבן זיך מיט דער צייט אויסקריסטאַליזירט אלס אַ באַזונדערע אידעאיש־פּאָליטישע ריכטונג, הן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און הן אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג.

אַ דאַנק דעם אַנטשטיין פון די לאַנד־פאַרבאַנדן איז אין די קבוצים מער אָדער ווייניקער געלעזט געוואָרן די פראַגע פון רעזערוון פאַר די ישובים, ווי אויך די פראַגע פון קעגנזייטיקער הילף אין פאַל פון מאַנגל אין אַרבעטס־הענט — איינע פון די האַרבסטע פראַגן אין די אַרבעטער־ווירטשאַפטן, וואָס זיינען געבויט אויף אויסשליסלעכער זעלבסט־אַרבעט. די דאָזיקע פראַגע איז אָבער נאָך אַ לאַנגע צייט געבליבן נישט געלעזט אין די „קליינע קבוצות", וואָס האָבן זיך נישט אָנגעשלאָסן צו קיין שום פון די דערמאָנטע לאַנד־פאַרבאַנדן. אמת, די דאָזיקע „קליינע קבוצות" האָבן מיטן וווקס פון זייערע ווירטשאַפטן אויך פאַרברייטערט זייער אומפאַנג אויסערן תחום פון דער ראָם, וועלכע זיי האָבן זיך מלכתחילה אָנגעצייכנט, און די פאַרברייטערונג האָט נאַטירלעך אָפּגעשוואַכט די „משפּחהדיקע אינטימקייט", מיט וועלכער זיי האָבן זיך פון אָנהויב פון זייער אַנטשטיין אויסגעצייכנט. גלייכצייטיק דערמיט האָבן זיי אָבער, ווי ווייט מעגלעך, געוואָלט אָפּהיטן דעם ריינעם לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער פון זייערע ווירטשאַפטן און די געזעלשאַפטלעכע געשלאָסנקייט פון די קבוצה־חברים, און האָבן זיך דעריבער געוועהרט קעגן דער גרענעצלאָזער פאַרברייטערונג פון זייערע ישובים און קעגן דער אויפנאַמע פון נייע חברים אָן יסודותדיקער אונטערזוכונג, צי זיי וועלן זיך קענען צופּאַסן צו דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט אין דער קבוצה אָדער ניט. צוליב די טעמים, ווי אויך צוליב

דעם וואָס די נייע עולים־חלוצים זיינען, אָנקומענדיק אין לאַנד אַריין, על פּי רוב אַריינגעטראָטן אין די קבוצים וואָס האָבן אָנגעהערט אין די לאַנד־פאַרבאַנדן — איז פּאַר די „קליינע קבוצות", וואָס האָבן זיך שפּעטער פאַראייניקט אין „ח ב ר ה ק ב ו צ ו ת" שווער געווען צו געפינען פּאַסיקע חברים פאַר דער פאַרגרעסערונג פון זייערע ישובים. ערשט נאָך דעם, ווי דער „חבר הקבוצות" האָט אין יאָר 1929 זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דער יוגנט־באַוועגונג „ג ו ר ד ו נ י ה", וועלכע האָט זיך דערצויגן אויף דער געדאַנקען־וועלט פון א. ד. גאָרדאָן און דעם „הפועל הצעיר" — און האָט זיך מיט איר אין 1933 פאַראייניקט — זיינען אויך צו זיין רשות געשטעלט געוואָרן מקורות פון נייעם מענטשן־מאַטעריאַל.

נישט בלויז אין דער באַוועגונג פון די קבוצות און קבוצים, נאָר אויך צווישן די חברים פון די מושבי עובדים האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשטאַרקן די שטרעבונג צו שאַפן אַ געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע־ראַם אין לאַנד־מאַסשטאַב. נהלל, וואָס האָט זיך שנעל אַנטוויקלט, און כפר יחזקאל האָבן געדינט אַלס מוסטער פאַר אַ סך אַרבעטער, פאַר וועלכע די קבוצישע לעבנס־פאָרם און די קאָלעקטיוויסטישעווירטשאַפט איז נישט געווען גייסטיק נאָענט. שטיי־צנדיק זיך אויף די דאָזיקע צוויי ערשטע מושבי עובדים — וועמענס חברים האָבן אָנגעהערט צו פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען — און טיילווייז אויך אומאָפּהענגיק פון זיי זיינען אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר געגרינדעט געוואָרן „אירגונים", וואָס האָבן געשטרעבט זיך צו קאָלאָניזירן אַלס מושבי־עובדים. אָבער זייער קאָנסאָלידירונגס־פּראָצעס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ענדע 1927. אין יאָר 1928 האָבן זיך נהלל און כפר יחזקאל און די איבעריקע מושבים און ארגונים, וואָס האָבן זיך אין זיי אָנגעשלאָסן, פאַראיי־ניקט אין איין לאַנד־פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „ת נ ו ע ת ה מ ו ש ב י ם ו ה א ר ג ו נ י ם".

אין אַ שפּעטערדיקער תקופה זיינען געגרינדעט געוואָרן די לאַנד־פאַרבאַנדן פון די קבוצות, מושבים און ארגונים פון דעם „הפועל המזרחי": „הקבוץ הדתי" (געגרינדעט אין יאָר 1938) און דער „איגוד המושבים והארגונים של הפועל המזרחי" (אין יאָר 1940). ענדלעך איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פאַרבאַנד פון די קבוצות פון דער „תנועת הנוער הציוני הכללי" אונטערן נאָמען „ברית הקבוצים של הנוער הציוני". אין די לעצטע יאָרן האָבן די אַלע לאַנד־פאַרבאַנדן געגרינדעט ספּעציעלע פאָנדן, וואָס זיינען בייהילפיק די אין זיי אָנגעשלאָסענע קערפּערשאַפטן אין אויפבוי און אַנטוויקלונג פון זייערע ווירטשאַפטן.

ווען מ'האָט אין 1924 באַשלאָסן קודם זעלבסטשטענדיק צו מאַכן די עקזיסטירנדיקע ישובים און ערשט נאָך דעם צוטרעטן צו נייע קאָלאָניזאַ־טאָרישע טאַטן, האָט מען געהאַפּט די דאָזיקע קאָנסאָלידאַציע פון די ישובים אין פארלויף פון 2־3 יאָר צו פאַרענדיקן און אויף דעם אופן שאַפן אַ געזונטן קרעדיט־באַזיס, וואָס זאָל דערמעגלעכן די ווייטערדיקע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט מיט גרעסערע און זיכערע מיטלען. צוליב דעם איז אין משך פון די צוויי יאָרן תרפ"ה (1924־1925) און תרפ"ו (1925־1926) נישט אונטער־גענומען געוואָרן קיין שום זעלבסטשטענדיקע קאָלאָניזאַציע־ אַרבעט מצד דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אַלע מיטלען וואָס זיינען געשטאַנען צו איר רשות זיינען פאַרוועדעט געוואָרן פאַר דער קאָנסאָלידאַציע פון די עקזיסטירנדיקע ישובים. די אַנטוויקלונג פון די משקים, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן איז אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק די דאָזיקע שריט דערמעגלעכט געוואָרן.

ברייטע קרייזן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבן דערפאַר געפאָדערט אָפּצולייגן דעם אָנהויב פון נייער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, ביז ס'וועט פאַרענדיקט ווערן די פאַרפעסטיקונג פון די אַלטע ישובים, אַפילו ווען דער דאָזיקער פּראָצעס זאָל דארפן געדויערן לענגער ווי מ'האָט פריער געפּלאַנט — צוליב דער ירידה פון די קרן־היסוד הכנסות זינט 1927, וואָס איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורכן קריזיס. ס'האָבן זיך אָבער געפונען אַנדערע סיבות, וואָס האָבן געפאָדערט די באַלדיקע פאַרברייטערונג פון דער קאָלאָ־ניזאַציע־טעטיקייט. 50 טויזנט דונאַם קק"ל־באָדן, מייסטנס אין מערב־טייל פון עמק יזרעאל, זיינען געלעגן פוסט און זיינען שוין דאָס דריטע יאָר נישט באַאַרבעט געוואָרן. 1000 אַרבעטער און אַרבעטערינס, בערך, האָבן גע־וואַרט, אַ טייל פון זיי זייט יאָרן, כדי קאָלאָניזירט צו ווערן אין ארגונים און קבוצים; דאָסגלייכן איז געוואַקסן די צאָל עולים־גרופּן, אָרגאַניזירט אויף אַ לאַנדסמאַנשאַפטלעכן באַזיס, פאַר וועלכע דער קק"ל האָט דער־וואָרבן באָדן כדי זיי צו קאָלאָניזירן אין לאַנדסמאַנשאַפטלעכע קאָלאָניעס. דעריבער האָט דער מרכז החקלאי שוין אין אָנהויב פרילינג 1925 געפאָ־דערט צו קאָלאָניזירן טויזנט אַרבעטער. מ'האָט געהאָפט, אַז די באַנייונג פון דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, נאָך יאָרן פון אינערלעכער פאַרגליווערונג, וועט שאַפן אַן אַטמאָספער פון בטחון און דערמונטערונג, און וועט העלפן גובר זיין דעם קריזיס. אויך די באַמיונגען איבערצופירן די אַרבעטסלאַזע פון די שטעט אין די מושבות וועלן באַקומען אַ נייע שטויסקראַפט, אויב די דאָרפישע לוין־אַרבעטער וועלן האָבן אַן אויסזיכט אין אַ קורצער צייט אַרום קאָלאָניזירט צו ווערן.

אונטערן דרוק פון די אומאויפהערלעכע פאָדערונגען פון דער אַר־בעטערשאַפט האָט זיך די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ארויסגעזאָגט פאַר אַ נייער באַלדיקער קאָלאָניזאַציע, און אויף דער זיצונג פונעם ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט אויגוסט 1926 איז טראָץ אַ שאַרפער קעגנערשאַפט אָנגענומען געוואָרן דער פאָרגעלייגטער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן און צו זיין פאַרווירקלעכונג איז באַשטעטיקט געוואָרן אַ בודזשעט פון 40.000 פונט.

בשעת די פאַרהאַנדלונגען וועגן דעם מערבדיקן טייל פון עמק יזרעאל האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן צוויי אָנשויונגען: לויט דער ערשטער מיינונג, וואָס איז בעיקר געווען פאַרטראָטן דורך דער פינאַנץ־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, האָט מען פאָרלויפיק געדאַרפט גרינדן בלויז עטלעכע (2—3) נייע ישובים, וועלכע מ'האָט געדאַרפט אין דער מעגלעכסט קורצער צייט אויסשטאַטן מיט אַלע נויטיקע מיטלען צום אויפבוי, אויף דעם אופן וועלן זיי שנעל זעלבסטשטענדיק ווערן און וועלן נישט דאַרפן ווי די פריער־געגרינדעטע ישובים יאָרנלאַנג וואַרטן אויף קאָנסאָלידאַציע. דאַקעגן די אַרבעטער און די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג האָבן געפאָדערט תיכף ומיד צוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַ גרויסער צאָל ישובים מיט אַ מאָל (11); אין יעדן פונקט האָט דערווייל געדאַרפט געשאַפן ווערן בלויז אַ קערן, און די זידלונגס־קערנס וועלן דאַרפן פּאַמעלעך פאַרברייטערט ווערן ביז זיי וועלן אַרומנעמען די פולע צאָל מיטגלידער, וואָס איז פון פאַרויס פאָרגעזען געוואָרן. אין דער ראַנגלעניש צווישן ביידע פּרינציפּן — דעם פּרינציפּ פון זיכערקייט און צווישן דעם פּרינציפּ פון דינאַמיק — האָט געזיגט דער לעצטער אָדער, בעסער געזאָגט, דער דינאַמישער כוח פון דער אַרבעטערשאַפט. דער פּלאַן פון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג איז באַשטע־טיקט געוואָרן, און נאָך געוויסע פאַרבאַרייטונגען וואָס זיינען נאָך זומער געמאַכט געוואָרן האָבן שוין די מתישבים געקאָנט אָנהויבן ווינטער 1926 מיט דער הכשרה פון זייער באָדן.

און אַזוי זיינען זינט ווינטער 26־1927 אַנטשטאַנען די קבוצות: שריד, רמת דוד (אויפן נאָמען פון דוד לויד דזשאָרדזש), גבת און משמר העמק, די מושבי עובדים: כפר יהושע, כפר ברוך און שדה־יעקב ווי אויך די קבוצה בית־זרע אין עמק הירדן (וועלכע איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן כפר נתן לסקי). גלייכצייטיק מיטן אָנהייב פון דער נייער קאָלאָניזאַציע אויף דער מזרח־זייט פון טייך קישון איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויך די פאַרווירקלעכונג פון דעם זעלבסטשטענדיק אַנטשטאַנענעם, אויף דעם מערב־זייט פון קישון, קאָלאָניזאַציע־ווערק פון די חסידים.

דאָס רעליגיעזע יידנטום און זייער חלק אין אויפבוי פון לאַנד

אין די יאָרן, אין וועלכע ס'האָבן געהערשט די כוואַליעס פון דער פערטער עליה, אין די צייטן פון דער באָדן־ספּעקולאַציע און דער „פּראָס־פּעריטי" אין די שטעט, האָט קיין שום געשעעניש אַזוי שטאַרק נישט פאַר־אינטערעסירט די עפנטלעכע מיינונג ווי די עליה און קאָלאָניזאַציע פון די חסידים. און מיט רעכט. זי האָט באַוויזן, ווי ווייט פאַלש ס'איז געווען צו משפּטן די גרויסע פאָלקס־עליה בלויז לויט אירע נעגאַטיווע זייטן, און אַז אַ שטאַרקן פעלער באַגיין די יעניקע וואָס פאַרגעסן, אַז אַחוץ די עקאָנאָמישע פאַקטאָרן האָט אויף דער ריכטונג און צוזאַמענשטעל פון דער פערטער עליה נישט ווייניק משפּיע געווען דאָס שטרעבן קיין ארץ־ישראל, וואָס האָט געשעפּט זיין יניקה פון די טיפענישן פון תורה און טראַדיציע.

אָנקוקנדיק דאָס מאָדערנע ארץ־ישראל פאַרגעסט מען זייער שנעל, ווי גרויס ס'איז געווען די באַטייליקונג פון דעם רעליגיעזן יידנטום אין דעם אויפבוי פון לאַנד. ביזן אָנהויב פון דער ביל"ו־באַוועגונג אונטערליגט איר חשיבות קיין שום ספק נישט. אויב נאָך דער רוימישער און אַראַבישער דעראָבערונג איז איבערהויפּט נישט איבערגעריסן געוואָרן די קייט, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס יידישע פאָלק מיט זיין לאַנד, אויב אין ירושלים, יריחו, צפת און טבריה און מער־ווייניקער אויך אין יפו האָט די גאַנצע צייט געוווינט אַ יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט געצייילט טויזנטער נפשות און וואָס האָט אויך שפּעטער געדינט אַלס אָנשפּאַר פאַר די ערשטע קאָלאָ־ניסטן פון דער נייער צייט, איז עס צו פאַרדאַנקן די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל צוליב רעליגיעזע טעמים. אויך שפּע־טער איז דער אָנטייל פון די רעליגיעזע קרייזן נישט געווען קיין קליינער — שוין אָפּגעזען דערפון, אַז אויך ביי עולים פון אַנדערע קרייזן און אַפילו צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער האָבן געווירקט מאָטיוון, וואָס האָבן זייער מקור אין רעליגיע און טראַדיציע, אמת, אין אַ „פאַרוועלטלעכטער" פאָרם. אין אָנהויב 1921 האָבן די רעליגיעזע אַרבעטער־עולים — על פי רוב חברים פון די „יונג־מזרחי־פאַרבאַנדן", וואָס זיינען געקומען אין לאַנד אַריין מיט דער דריטער עליה, אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אַ באַזונדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אונטערן נאָמען „הפּועל המזרחי", וואָס האָט גלייכצייטיק געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן די מצוות פון תורה און חלוציות, אָדער ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין זייער פּראָגראַם: „אויפבויען ארץ־ישראל אין גייסט פון תורה און אויפן יסוד פון זעלבסטאַרבעט". די חברים פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָבן זינט 1928 געגרינדעט אייי־ניקע קבוצים און מושבי־עובדים. אויך די גרינדער און קאָלאָניסטן פון די

פריער־דערמאָנטע מושבות — כפר גדעון, חיטין און בני־ברק און אין אַ געוויסער מאָס אויך פון מגדיאל — זיינען געווען רעליגיעזע יידן, וואָס האָבן מיינסטנס אָנגעהערט דער „מזרחי״־באַוועגונג.

די עליה און קאָלאָניזאַציע פון די חסידים

אין אויפבוי פון די דאָזיקע פונקטן האָבן זיך אויך באַטייליקט חסידים; אָבער דער חסידיזם, אַלס באַזונדערע שטרעמונג פון דעם רעלי־גיעזן יידנטום, איז ביז איצט געשטאַנען פון דער זייט. און אַט איז אין יאָר 1924 אַנטשטאַנען צווישן די פוילישע חסידים אַן עליה־און קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג, וואָס האָט ארומגענומען אַלע מאָל גרעסערע קרייזן. פון סאָ־ציאַל־עקאָנאָמישן שטאַנדפונקט איז די דאָזיקע באַוועגונג געטריבן געוואָרן דורך די זעלבע גורמים וואָס די עליה פון פוילן בכלל: מיטלשטאַנדס־לייט וואָס האָבן פאַרנומען באַשטימטע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין זייער ביזאיצטיקער סביבה און וואָס זיינען צוליב די ווירט־שאַפטלעכע רעפאָרמען און דעם אַנטיסעמיטיזם אין פוילן באַדראָאַט געוואָרן אין זייער קיום, האָבן געהאָפט צו געפינען זיכערע עקזיסטענץ־מעגלעכ־קייטן אין בליענדיקן ארץ־ישראל. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ טיפע אינער־לעכע איבערקערעניש: די דאָזיקע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך ביז איצט מפרנס געווען אין די שטעט אַלס קליינע הענדלער אָדער אַפילו אַלס חשובע סוחרים, האָבן געוואָלט פאַרלאָזן זייערע שטעטישע פרנסות; טראָץ דעם וואָס זיי זיינען שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן און מטופל מיט אַ סך קינדער, האָבן זיי געשטרעבט אויפצובויען זייער ווייטערדיקן לעבן אויף אַ גענצלעך נייעם באַזיס און האָבן געוואָלט אויף זיך נעמען דעם שווערן עול פון דעם דאָרפישן לעבן. זיי האָבן געשיקט שליחים קיין ארץ־ישראל און האָבן פון דער „חברת הכשרת הישוב״ און „קהילית ציון״ דער־וואָרבן 20.000 דונאַם באָדן אין עמק קישון נישט ווייט פון חיפה, און דער קק״ל האָט זיך פאַרפליכטעט צו שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פון זייערע אָרעמע חברים נאָך 6000 דונאַם.

ביז אַהער האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג. אין משך פון פרילינג און זומער 1925 האָבן זיך אין פיר פאַרשידענע קאָלאָניזאַציע־פונקטן באַזעצט בערך 80 משפחות, אין הערבסט — נאָך 30; זיי האָבן אויפגעשטעלט באַראַקן און זיינען צוגעטראָטן צו די פאַרברייטונג־אַרבעטן, כדי צו סאַנירן דעם שטח.

די מסירות־נפש, מיט וועלכער די דאָזיקע מענטשן האָבן אויף זיך גענומען די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, האָט אין אַלע קרייזן דערוועקט צו זיי סימפּאַטיע און פאַרוווּנדערונג און האָט אַריבערגעוואָרפן אַ בריק

צווישן זיי און דער א״י־דיקער אַרבעטערשאַפט, וואָס אין אירע אַנשויזונגען איז זי דאָך אַזוי ווייט פון זיי.

אָבער פון דעם מאָמענט, ווען די ערשטע קאָלאָניסטן זיינען אַרויף אויפן באָדן, האָבן זיך אַנטפּלעקט ערנסטע ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן, וואָס זיינען פון חודש צו חודש האַרבער געוואָרן און האָבן געשטעלט אין סכנה דעם העראָישן נסיון. פיל גורמים האָבן געבראַכט דערצו: נישט־פאַרויסגעזעענע גרויסע שאָדנס, וואָס די עולים האָבן געליטן בשעת דער ליקווידאַציע פון זייער פאַרמעגן אין פוילן; די צו גרויסע פרייזן, וואָס זיי האָבן באַצאָלט פאַרן באָדן און דער מאַנגל פון דערפאַרונג ביי די קאָלאָ־ניסטן און זייערע אַנפירער, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט מלכתחילה בעסער ראַטן און אינסטרוירן. נאָך פאַרשידענע פרוּוון זיי צו הילף צו קומען איז צום סוף נישט געבליבן קיין אנדערער אויסוועג ווי דער, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל מיט קרן־היסוד־מיטלען קאָלאָניזירן די יעניקע פון זיי, וואָס וועלן זיך אַרויסווייזן אַלס געאייגנטע דערצו. אַזוי אַרום איז די קאָלאָ־ניזאַציע באַגרענעצט געוואָרן אויף בלויז 58 קאַנדידאַטן און איז קאָנצענ־טרירט געוואָרן אויף אַ שטח, וואָס דער קק״ל האָט דערוואָרבן פון די חסידישע חברות. ווען דאָס וואָלט נישט געשען, וואָלט דער באָדן, פאַר וועלכן ס׳איז באַצאָלט געוואָרן נאָר האַנטגעלט, זיך אומגעקערט צו זיינע פריערדיקע אַראַבישע אייגנטימער. גלייכצייטיק זיינען אין דער שכנות באַזעצט געוואָרן 25 יונגע אַרבעטער־משפחות, חברים פון „הפועל המזרחי״. זיי האָבן געדאַרפט דינען אַלס מוסטער פאַר די עלטערע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען זיי אידעאיש נאָענט געווען, און אַזוי אַרום פאַרלייכטערן זייער אַר־בעט. די רעאָרגאַניזאַציע און אויפבוי פון דעם דאָזיקן קאָלאָניזאַציע־פּונקט זיינען נאַטירלעך געווען פאַרבונדן מיט רייבונגען און סכסוכים, און ס׳האָט געדויערט יאָרן ביז דער פונקט איז אין אַ באַדייטנדער מאָס פאַרגעשריטן. היינט קען מען זאָגן, אַז דער פרוּוו איז געלונגען. מיטן כוח פון זייער איבער־געגעבנקייט און אַ דאַנק דער גייסטיקער און מאַטעריעלער הילף פון די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוציעס און די שכנותדיקע אַרבעטער־ווירטשאַפטן, האָבן די נייע קאָלאָניסטן געפונען דעם וועג צו דער לאַנד־ווירטשאַפט און זעלבסטאַרבעט, און טראָץ זייער אַנדערער געזעלשאַפט־לעכער און סאָציאַלער אָפּשטאַמונג האָבן זיי זיך גוט איינגעגלידערט אין ציוניסטישן קאָלאָניזאַציע־ווערק אַלס מושב עובדים „כפר חסידים״.

דאָס קאָלאָניזירן דעם קישון־בלאָק האָט אויף אַ רייע יאָרן געדינט אַלס דער לעצטער גרעסערער קאָלאָניזאַציע־אויפטו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז די מיטלען, וואָס זיינען געשטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג האָבן

נישט געניגט, כדי גלייכצייטיק צו פאַרפעסטיקן די עקזיסטירנדיקע פונקטן און אויפשטעלן נייע. און נאָך איז קלאָר געוואָרן, אַז יעדע פאַרשלעפּונג פון דער פאַרפעסטיקונג וועט פאַרגרעסערן די הוצאות און פאַרקלענערן די אויסזיכטן פון ווירטשאַפטלעכער הצלחה. רעכנענדיק זיך מיט דער דאָזיקער מיינונג האָט דער 15־טער קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין זומער 1927 אין באַזל, פעסטגעשטעלט, „אַז די נאָענטסטע תקופה דאַרף בעיקר זיין געווידמעט דער פאַרפעסטיקונג פון די עקזיסטירנדיקע פונקטן", און אַז להבא דאַרף נישט געגרינדעט ווערן קיין שום נייער פונקט, אויב דער פינאַנציעלער מצב וועט נישט געבן קיין זיכערקייט, אַז אין משך פון אַ פעסטגעשטעלטן צייטאָפּשניט וועלן זיך געפינען אין רשות פון דעם פונקט דער געפאָדערטער באָדן־שטח און די פולשטענדיקע אויסשטאַטונג פון דער ווירטשאַפט".

דאָס בייקומען פון דער אַרבעטסלאָזיקייט און דער קריזיס

בשעת דער אויבן־דערמאָנטער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן, האָט די אַרבעטסלאָזיקייט אין ארץ־ישראל דערגרייכט איר קולמינאַציע־פונקט (ס'זענען רעגיסטרירט געוואָרן 8.440 אַרבעטסלאָזע, וואָס האָט אויסגעמאַכט כמעט אַ דריטל פון אַלע אַרבעטער אין לאַנד). דער מסוכנ־דיקער צושטאַנד, וואָס האָט אין אַ טייל ערטער גורם געווען צו שטורמישע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע און וואָס האָט געקאָנט דערפירן צו אַן אויפטרייסלונג פון דער גאַנצער א"י־דיקער ווירטשאַפט און ממילא אויך צו שווערע פּאָליטישע קאָנסעקווענצן, האָט געצווונגען די פאַראַנטוואָרט־לעכע אינסטיטוציעס, מיט דער צושטימונג פון דער הסתדרות, וואָס איז געווען אומדערמידלעך אין אירע אומאויפהערלעכע פאָדערונגען — צוטרעטן צו אַ שנעלער קאָנסטרוקטיווער לייזונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט־פּראָ־בלעם. די אָרגאַניזירונג פון גרויסע עפנטלעכע אַרבעטן אין שטאָט און אין דאָרף דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ווי אויך דורך דער א"י־דיקער רעגירונג, וואָס אַן איר שפּיץ איז דעמאָלט געשטאַנען דער לאָרד פּלומער, און די דורכפירונג פון אַ גרויסן בוי־פּראָגראַם, וואָס האָט גע־בראַכט פיל נוצן פאַר דער אַנטוויקלונג פון די קאָלאָניזאַציע־פונקטן — האָבן גורם געווען דערצו, אַז די צאָל אַרבעטסלאָזע האָט סיסטעמאַטיש אָנגעהויבן צו פאַלן. אין דער צייט האָט אויך די אינדוסטריע זיך אָנגע־הויבן צו אַנטוויקלען, און דאָס האָט אויך נישט ווייניק משפּיע געווען אויף דער לינדערונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט. די גרויסע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַוויזן בייצוקומען דעם קריזיס, האָבן זיך איצט אָנגעהויבן צו פאַרברייטערן; ס'זיינען צוגעקומען נייע אונטערנע־

מונגען, און הונדערטער אַרבעטער האָבן זיך ווידער איינגעגלידערט אין ווירטשאַפטלעכן פּראָצעס. אין נאָוועמבער 1927 האָבן זיך אָנגעהויבן די אַרבעטן ביי דער גרינדונג פון דער הידראָעלעקטרישער קראַפט־סטאַנציע אויפן ברעג פון ירדן (רוטענבערגס ווערק), וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס פינאַנסירט געוואָרן דורכן קרן היסוד און וואָס האָט סטאַביל באַשעפטיקט אַרום 400 יידישע אַרבעטער. אין סוף 1928 האָט מען שוין געקאָנט באַטראַכטן די אַרבעטסלאָזיקייט און דעם קריזיס אַלס ליקווידירט.

„קהילת ציון" און איר קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט

די ליקווידירונג פון דער אַרבעטסלאָזיקייט האָט נאָך נישט אַ סוף געמאַכט צו אַלע שוועריקייטן. דווקא אין דער צייט, ווען מ׳האָט אין ארץ־ישׂראל ווידער געקאָנט פרייער אָפּאָטעמען און ווען דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צו שטאַרקן, האָבן זיך אַנטפּלעקט ערנסטע שוועריקייטן אין אַ טייל גרויסע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט באָדן־קניות און קאָלאָניזיר־טעטיקייט. נאָר די דרינגענדע הילף פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן האָט געקאָנט באַזייטיקן די דאָזיקע שוועריקייטן.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען איז שוין דערמאָנט געוואָרן די טעטיקייט פון דער געזעלשאַפט „קהילת ציון". אַלס אינסטיטוציע, וואָס איז לויט דער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ניו־יאָרק געגרינדעט געוואָרן אין 1914, האָט זיך די „קהילת ציון" געשטעלט די גרויסע אויפגאַבע צו מאָביליזירן אויף אַ ווירטשאַפטלעכן אופן גרויסע געלט־מיטלען פאַר באָדן־קניות און קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישׂראל. דעם נויטיקן קאַפּיטאַל פאַר איר טעטיקייט האָט זי געוואָלט צונויפברענגען דורך דעם, וואָס זי האָט אין אַמעריקע אין אַ גרויסן מאַסשטאַב אָרגאַניזירט דעם פאַרקויף פון ארץ־ישׂראלדיקן באָדן. כדי געהעריק אויסצוברייטערן דעם פאַרקויפס־מאַרק האָט זי זיך פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפט „משק" און האָט איר איבערגעגעבן די אָרגאַניזירונג פון פאַרקויף אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער. די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט אין יאָר 1927 פאַרקויפט אַלע אירע אַקציעס דער „קהילת ציון". מיט דער הילף פון אַן אויפגעבלאָזענער אַגיטאַציע איז די צוויי געזעלשאַפטן געלונגען צו באַוועגן טויזנטער יידן אין דער גאָרער וועלט און באַזונדערס אין צפון־אמריקע און אין פוילן, זיי זאָלן אינוועסטירן גרעסערע און קלענערע געלט־סומען אין באָדן־קויף און זיך פאַרפליכטן אין משך פון אַ רייע יאָרן אויסצוצאָלן דעם רעשט געלט. אויפן יסוד פונעם דערהאַלטענעם האַנטגעלט און פון די שפּעטערדיקע אָפּצאָלונגען אין ראַטעס האָבן די דאָזיקע געזעלשאַפטן אַנטוויקלט אַן אומגעהייערע אַקטיוויטעט. 120.000 דונאַם שטאָטישער און דאָרפישער

באַדן זיינען דורך זיי ביז 1925 דערוואָרבן געוואָרן. דערצו האָבן זיי אויף זיך גענומען אַזעלכע קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבן, וואָס קיין שום אַנדערע אינסטיטוציע האָט כמעט אויף זיך נישט גענומען אין די צייטן פון איר גרעסטער אַקטיוויטעט.

זייערע וויכטיקסטע דערוואָרבונגען און קאָלאָניזאַטאָרישע אונטער־נעמונגען — בלפוריה, עפולה, הרצליה און מפרץ־חיפה (חיפה׳ער ים־אויסגוס) — וואָס זייער חשיבות פאַרן אויפבוי פון לאַנד אונטערליגט נישט קיין שום ספק, זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן.

די דערוואָרבונג פון מפרץ חיפה

דער מפרץ־חיפה (דער חיפה׳ער ים־אויסגוס), צווישן חיפה און עכו, וואָס איז היינט באַקאַנט אונטערן נאָמען „עמק זבולון״, איז אין 1925 דער־וואָרבן געוואָרן דורך דער געזעלשאַפט „החברה לפיתוח מפרץ עכו ועמק זבולון״ מיט אַן אַנטשיידנדיקער באַטייליקונג פון דער געזעלשאַפט „קהילית ציון״. דער קאַפּיטאַל פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט באַטראָפן 30.000 פונט, אַ צו קליינע סומע פאַר דער אויספירונג פון די גרויסע אַרבעטן, וואָס האָבן געדאַרפט אונטערגענומען ווערן כדי צו אַנטוויקלען און געזונט מאַכן די טיילווייז זומפּיקע געגנט.

די מיטלען פאַר דער פינאַנסירונג פון די דאָזיקע אַרבעטן און פאַר די אָפּצאָלונגען פאַר די דערוואָרבענע שטחים האָט מען געהאָפט צו באַקומען דורך דעם פאַרקויף פון באָדן, וואָס זיין ווערט האָט צוליב דער אַנטוויקלונג און קאָלאָניזירונג זיך געפונען אין אַ כסדרדיקן אויפשטייג. דורך דער דאָזיקער פינאַנסירונג, וואָס האָט זיך נישט געשטיצט אויף קיין שום זיכערן באַזיס, האָט דער גאַנצער ענין פון פאַרויס באַקומען אַ ספּעקולאַ־טיוון כאַראַקטער, און צוליב דעם, וואָס דער באָדן איז נישט פאַרפאַכטעט נאָר פאַרקויפט געוואָרן, האָט געדראָט אַ סכנה, אַז אַ טייל פון די קונים וועלן לכתחילה דערוואָרבן זייערע פאַרצעלן בלויז פאַר ספּעקולאַציע־צוועקן.

פון דער אַנדערער זייט איז כמעט נישט געווען קיין שום אַנדערער אויסוועג, ווי אַזוי די דאָזיקע געגנט איבערצופירן אין יידישע הענט. ווייל דער קק״ל האָט צוליב געלט־מאַנגל און צוליב דעם וואָס אין מפרץ־חיפה זיינען בעיקר אין באַטראַכט געקומען באָדנס פאַר שטעטישער קאָלאָני־זאַציע — זיך נישט געקענט אַנטשליסן זיך צו באַנוצן מיט דער דאָזיקער קויף־אַנגעלעגנהייט, וואָס איז אים פאַרגעשלאָגן געוואָרן ביזן אָנהייב 1925. אַ דאַנק די באַמיונגען פון זלמן שאָקען און ד״ר גראַנאָווסקי איז אין

1925, כמעט אין לעצטן מאָמענט, געלונגען צו דערווערבן פאַרן קק״ל לכל הפּחות אַ פערטל פון די דאָזיקע שטחים.

דער קריזיס פון דער פערטער עליה האָט, פאַרשטייט זיך, באַלד געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט די „קהילית ציון״ און אירע „טאָכטער־געזעלשאַפטן״. צוליב דעם, וואָס די געלטער, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנקומען פון פוילן און אַמעריקע, זיינען דאָרט פאַרבליבן, זיינען אַלע אירע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן אויך אַזוי געהאַט אונטער זיך אַ שמאָלן און נישט־זיכערן באַזיס, געשטאַנען פאַר אַ צוזאַמענברוך. ס׳האָט זיי געפעלט געלט, כדי מקיים צו זיין די פינאַנסיעלע פאַרפליכטונגען וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען, און ס׳האָט געדראָט אַ סכנה, אַז דער באָדן וועט זיך צוריקקערן צו די פריערדיקע אַראַבישע אייגנטימער. וואָלטן די נאַציאָנאַלע פאָנדן איר נישט געקומען צו הילף — וואָלטן פאַרן יידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק פאַרלוירן געגאַנגען גרויסע און ווערטפולע שטחים; דער ציוניסטישער פּרעסטיזש, וואָס איז שוין אויך אַזוי צוליב די דאָזיקע שטרויכלונגען געשעדיקט געוואָרן, וואָלט נאָך מער אָנגערירט געוואָרן, און אַ סך יידן וואָס האָבן דער געזעלשאַפט ערלעך אָפּגעצאָלט זייערע ביזאיצטיקע ראַטן וואָלטן געווען אָנגעוווירן זייער געלט, נישט באַקומענדיק קיין שום רעכט אויף די באָדן־פּאַרצעלעס, וואָס האָבן זיי פאַקטיש געהערט.

די ליקווידאַציע פון די געשעפטן פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן האָט קודם־כל געצווונגען דעם „קרן היסוד״ צו נעמען אויף זיך גרויסע פינאַנסיעלע פאַרפליכטונגען. ער האָט כמעט פאַרווענדעט אַ פערטל מיליאָן פונט, כדי צו ראַטעווען די „קהילית ציון״ און אירע „טאָכטער־געזעלשאַפטן״. אַ דאַנק דער דאָזיקער הילף איז דער באָדן געבליבן אין יידישע הענט, און די געזעלשאַפטן האָבן אויך געקאָנט ליקווידירן זייערע געשעפטן. אַ גרויסער טייל פון דעם באָדן איז אין פאַרלויף פון דער צייט אַריבער אין רשות פון קק״ל און קודם־כל — איבער 20.000 דונאַם אין עמק־יזרעאל (1931). אָבער באַזונדערס וויכטיק איז געווען דער פאַקט, וואָס ס׳איז געלונגען איבערצופירן אין נאַציאָנאַלן באַזיץ דעם באָדן פון מפרץ־חיפה.

דער איבערגאַנג פון מפרץ־חיפה אין רשות פון קק״ל און די באָדן־פּאָליטיק פון דעם קק״ל

אין זומער 1928 איז געקומען צו אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן ס׳זיינען אין רשות פון דעם קק״ל איבערגעגאַנגען ווייטערע 21.000 דונאַם פון דעם מפרץ־חיפה. אַנדערע 5.000 זיינען אַריבער אין די הענט פון דער „החברה הכלכלית הארץ־ישראלית״, אַ געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן

דורך דער בראַנדייס־גרופּע אין אַמעריקע, כדי אונטערצושטיצן דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל אויף סוחרישע פּרינציפּן, אָבער אויפן יסוד פון טובת הכלל. די איבעריקע 9.000 דונאַם לאַנדווירטשאַפטלעכער באָדן זיינען איבערגעבליבן אין רשות פון דער „חברה לפיתוח מפרץ עכו ועמק זבולון", כדי איר דערמעגלעכן מקיים צו זיין די פאַרפליכטונגען כלפּי די פּריוואַטע קונים וואָס זי האָט אויף זיך גענומען. אירע אַקציעס זיינען אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערוואָרבן געוואָרן דורכן קרן היסוד. צוזאַמען מיט די 11.000 דונאַם, וואָס דער קק"ל האָט נאָך פריער דערוואָרבן, האָבן זיך איצט אין זיין רשות געפונען 32.000 פון דער דזשידראַ־געגנט, דאָס הייסט 2/3 פון דער גאַנצער געגנט. אַזוי ווי די „חברה הכלכלית הארץ־ישראלית" האָט געשטרעבט צו די זעלבע צילן וואָס דער קק"ל, ווען אַפילו אויף פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע יסודות, איז אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן דער פאַרבאַדינג פאַר אַן איינהייטלעכער באָדן־פּאָליטיק אין דער גאַנצער געגנט.

מיט דער דערוואָרבונג פון דעם מפרץ־חיפה דורכן קק"ל הייבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון זיינע באָדן־קניות. ביז איצט האָט זיך דער קק"ל כמעט אויסשליסלעך באַשרענקט צו דער אויסלייזונג פון לאַנד־ווירטשאַפטלעכן באָדן, און אויף דעם געביט האָט ער זוכה געווען צו גרויסע דערגרייכונגען. צוליב דעם האָט ער זיך אין די יאָרן 1924—25 נישט באַנוצט מיט דער מעגלעכקייט צו דערווערבן די גאַנצע געגנט פון מפרץ־חיפה. דאָ איז אין באַטראַכט געקומען באָדן, וואָס האָט אין זיין איבער־וויגענדער מערהייט געדאַרפט דינען פאַר שטאָטישע צוועקן, פאַר דער פאַר־ברייטערונג פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער חיפה, וואָס האָט מיטן אויסבוי פון דעם פּאָרט און אַלס ענדע־פּונקט פון די מאָסולער נאַפט־רעזערוואַרן, געדאַרפט ווערן אַ שטאָט פון גרויסער חשיבות פאַרן וועלט־האַנדל. איצט האָט דער קק"ל דערוואָרבן דעם גאַנצן באָדן, וואָס איז אין דער דאָזיקער געגנט צום פאַרקויף געשטאַנען, און דער אָפּקלאַנג וואָס די בשורה פון דער קניה האָט אַרויסגערופן אין דער ציוניסטישער עפנטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט באַווייזט, אַז דער קק"ל האָט געהאַנדלט אין איינקלאַנג מיטן ווילן פון ברייטע קרייזן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נעמענדיק אויף זיך די אויפגאַבע אויך אָנצופירן מיט דער שטאָטישער באָדן־פּאָליטיק. מיט דעם דאָזיקן שריט איז דער קק"ל אַרויף אויפן וועג צו ווערן דאָס, וואָס די לאָנדאָנער קאָנפערענץ פון 1920 האָט פון אים געפאָדערט: **דער אינסטרומענט פון דער ציוניסטישער באָדן־פּאָליטיק אין שטאָט און אין דאָרף.**

פון באַזונדערער חשיבות איז געווען דער פאַקט, וואָס כמעט גלייכצייטיק מיטן ענדגילטיקן איבערנעמען די באַדן־שטחים אין מפרץ־חיפה האָט דער קק״ל, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער „חברת הכשרת הישוב״, דערעפנט פאַר דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע דאָס פלאַנצונגס־געביט, וואָס זיין ווערט איז געוואָקסן פון טאָג צו טאָג. נאָך אַ לאַנגיעריקן משא־ומתן איז האנקינען געלונגען צו דערווערבן 30.000 דונאַם אין ודי חוארית, וואָס איז היינט באקאנט אַלס עמק חפר. דער דאָזיקער שטח איז כמעט אינגאַנצן פרוכטבאר און וואַסער־רייך. הגם ער איז נאָך דערווייל געווען וויסט און זומפּיק, ווי אַלע גרעסערע באַדן־שטחים וואָס זיינען דערוואָרבן געוואָרן דורך די יידן אין ארץ־ישראל, איז דאָך קלאָר געווען, אַז אין דער צוקונפט, נאָכן דורכפירן פון די נויטיקע אַמעל־יאָראַציע־אַרבעטן, וועט ער ראוי זיין פאַר אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט פון אַלע מינים, ווי ציטרוס־פלאַנצונגען, גערטנעריי און פאַשע פאַר בהמות אויף באַוואַסערטן באָדן. אין קליינע, נאָענט־ליגנדיקע קאָלאָניזאַציע־פונקטן וועט מען דאָ קענען באַזעצן פון 1500 ביז 2000 משפחות, אַ צאָל, פאַר וועלכער ס׳איז אין עמק־ יזרעאל נויטיק אַ פינפאַכער שטח. אויך דאָס איז געווען וויכטיק, וואָס עמק חפר געפינט זיך כמעט אין דער מיטן צווישן חיפה און תל־אביב און דינט אַזוי אַרום אַלס פאַרבינדונגס־רינגעלע צווישןביידע קעגנזייטיק צו זיך שטרעבנדע קאָלאָניזאַציע־געביטן: דעם השרון אין צפון פון תל־אביב און השומרון אין דרום פון חיפה. נאָך אַ פאַרוויקלטן משא־ומתן איז דער שטח אין פרילינג 1929 אַריבער אין רשות פון קק״ל. די אוממיטלבאַרע השפעה פון דער דאָזיקער און פון די פריער דערמאָנטע קניות האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע לוין־אַרבעטער אין די מושבות גע־עפנט פערספעקטיוון אויף קאָלאָניזירט צו ווערן אין דער נאָענטער צוקונפט און האָט זיי דורך דעם דערמוטיקט אין די טעג פון צייטווייליקן שטילשטאַנד אין דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

שוין אין פרילינג 1929 איז געווען מערקבאַר, אַז די געדריקטע שטימונג, וואָס האָט אַלס רעזולטאַט פון דעם קריזיס און פון דער עליה־אָפּשטעלונג געהערשט אין ארץ־ישראל, הייבט אָן אָפּטרעטן איר אָרט אַן אַטמאָספער פון מער בטחון און אָפּטימיזם. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון לאַנד האָט זיך ווידער געפונען אין צייכן פון אויפשטייג. ס׳האָבן ווידער אָנגעהויבן צו קומען נייע עולים, די אָנזאָגער פון דער פינפטער עליה. צווישן וועלט־יידנטום האָט זיך איצט דערוועקט אַ גרעסערע פאַרשטענ־דעניש פאַרן בנין הארץ, און פיל וואָס זיינען ביז איצט געווען דערווייטערט

פון דעם אויפבוי־ווערק, האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוּווייזן אַ שטייגנדיקע גרייטקייט זיך אין אים צו באַטייליקן. דער 16־טער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס איז זיך צענויפגעקומען אין חודש אויגוסט 1929 אין ציריך — 25 יאָר נאָך הערצלס טויט — איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן דאָזיקן דערפרישנדיקן אָפּטימיזם, און ס׳האָט אין אים געהערשט אַן אַלגעמיין געפיל, אַז מיר שטייען אויף דער שוועל פון אַ נייער תקופה אין אונזער אויפבוי־אַרבעט. דעם 14־טן אויגוסט 1929 איז דורכן אַריינטריט פון די נישט־ציוניסטן אין דער „יידישער אַגענץ" אָפיציעל אָפּגעשלאָסן געוואָרן דער לאַנגדויערנ־דיקער משא־ומתן פון ד"ר וויצמאַן וועגן איר פאַרברייטערונג. מ׳האָט אָנגעהויבן צו האָפן, אַז אַ דאַנק דער פאַראַנטוואָרטלעכער באַטייליקונג פון די דאָזיקע קרייזן, וואָס זיינען ביז איצט געשטאַנען פון דער זייט אָדער וואָס האָבן מיטן אויפבוי־ווערק בלויז סימפּאַטיזירט, וועט פון איצט דער פינאַנציעלער כוח פון די נאַציאָנאַלע פאָנדן פאַרשטאַרקט ווערן און דער אויפבוי וועט אין אַ שנעלערן טעמפּאָ און מיט אַ שטרענגערער סיסטעמאַטיק אָנהייבן צו פּראָגרעסירן.

און אָט זיינען אין דעם מאָמענט, נאָך אַכט־יעריקער פאַרהעלטניס־מעסיקער רו, אויסגעבראָכן בלוטיקע אומרוען, וואָס האָבן אוועקגעשטעלט אין אַ שווערער סכנה דעם גאַנצן יידישן קאָלאָניזאַטאָרישן אויפטו אין ארץ־ישראל.

די פינפטע עליה [1929 – 1936]

די געשעענישן פון תרפ״ט (1929)

די בלוטיקע געשעענישן פון חודש אב תרפ״ט זיינען געווען די שווערסטע פון אַלע, וואָס דאָס לאַנד האָט ביז דעמאָלט איבערגעלעבט. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 23־טן אַווגוסט מיט די אַראַבישע אָנפאַלן אויף די יידישע וווין־קוואַרטאַלן אין ירושלים. דעם 24־טן אַווגוסט האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוראדיקע און דערשיטערנדיקע שחיטה צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין חברון, וואָס האָט דאָרט געלעבט לאַנגע יאָרן און ס׳זיינען דערמאָרדערט געוואָרן 66 נפשות: מענער, פרויען, זקנים און קליינע קינדער. ערשט אַ פּאָר שעה נאָך דעם בלוטיקן פּאָרפאַל איז אָנגעקומען ענגליש מיליטער פון ירושלים. אין די שפּעטערדיקע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן געוואַלט־טאַטן אין גאַנצן לאַנד. גאַנצע יידישע ישובים און שטאָטישע קוואַרטאַלן, באַוווינט דורך יידן, זיינען איבערפאַלן געוואָרן דורך אַן אונטערגעהעצטן, ווילדן, רויב־און מאָרד־דורשטיקן המון. די רעגירונג איז ווי געוויינטלעך געקומען צו שפּעט צו הילף און מיט נישט־גענוגנדע כוחות. באַזונדערס אכזריותדיק איז געווען דער איבערפאַל אויף די יידן אין צפת. דער בלוט־באַלאַנס פון דער ערשטער וואָך איז געווען: 126 געהרגעטע יידן און 217 פאַרווונדעטע. די שאָדנס פון דעם פאַרניכטעטן און צוגערויבטן פאַרמעגן האָבן באַטראָפן עטלעכע הונדערט טויזנט פונט. דער דאָזיקער אָרגאַניזירטער איבערפאַל אויפן יידישן ישוב האָט, אמת, אָפּגעקאָסט צאָלרייכע אומשולדיקע קרבנות און אָנגעמאַכט גרויסע שאָדנס, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער אַנטפּלעקט די שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם יידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק אַלס גאַנצעס. אומעטום האָט דער יידישער ישוב העלדיש און מוטיק אויסגעהאַלטן אויף זיין פּאָסטן. אויף די גרויסע מושבות פון פאַר דער וועלט־מלחמה האָבן די אַראַבער נישט געוואַגט אָנצופאַלן. פון די ישובים, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, אויף וויפל זיי זיינען איבערהויפּט אַטאַקירט געוואָרן, איז אַפילו קיין איינציקער נישט חרוב געוואָרן. נאָר אין די קליינע, פאַרוואָרפענע פונקטן ווי: הר־טוב, כפר־אוריה, באר טוביה, מוצא און חולדה און אין דער מחנה פון דעם גדוד

העבודה, רמת רחל, איז זיי געלונגען זייער פּלאַן אויסצופירן און אויך דאָ נאָך אַ קרבנותפולן און שעה'ן לאַנגן קאַמף מיט די מתישבים, צווישן וועלכע די פּאַרטיידיקער פון חולדה האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער גבורה. טראָץ די בלוטיקע איבערפאַלן און פּאָליטיש־ווירטשאַפטלעכע דער־שיטערונגען האָט זיך דער ישוב נישט צוזאַמענגעבראָכן. עס האָט זיך געשטאַרקט אין דעם ישוב די איבערצייגונג, אַז קיין שום זאַך איז נישט מסוגל אים צו שטערן אין זיין אויפבוי־טעטיקייט.

די געשעענישן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף די יידן פון דער גאָרער וועלט. קיינמאָל פריער איז נישט אַזוי בולט געוועזן די פאַרבינדונג צווישן וועלט־יידנטום און ארץ־ישראל, ווי אין יענע הייסע טעג.

די באַלד־אָרגאַניזירטע געלט־זאַמלונגען לטובת דעם הילפס־פאָנד פאַרן ווידעראויפבוי פון די צעשטערטע ישובים און פאַר דער אונטער־שטיצונג פון די געליטענע, האָבן אין פאַרלויף פון אַ פּאָר חדשים אַריינ־געבראַכט איבער 600.000 פונט, — דער גרעסטער סכום וואָס איז אין אַזאַ קורצער צייט ווען־עס־איז געזאַמלט געוואָרן פאַר ארץ־ישראל. און ווען אַפילו עס זיינען צוליב דעם געפאַלן די נאָרמאַלע הכנסות פון דעם קרן היסוד, איז דאָך דערמיט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אין אַ קור־צער צייט מיט קאָנסטרוקטיווע מיטלען צו פאַרריכטן די שאָדנס און די קאָלאָניזאַציע אין אַ גרויסער מאָס פאָרויס צו פירן.

דער ווידעראויפבוי פון צעשטערטן און די באַפעסטיקונג פון דעם „ישוב"

ווען מ'האָט געוואָלט אָנהייבן זיך צו באַנוצן מיט די געזאַמלטע געלטער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן ערנסטער מכשול וואָס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די לייטונג פון דעם הילפספאָנד האָט זיך נישט געפונען אין די הענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער דער סוכנות, נאָר אין די הענט פון אַ פאַרוואַלטונג וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון די פאַרטרעטער פון די פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די געלט־זאַמלונגען (פון דער דאָזיקער אינסטי־טוציע איז שפּעטער אַנטשטאַנען די קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „אמיקאָ" Emergency Fund—JCA,). ס'האָט געקאָסט אַ סך מי און קאַמף ביז ס'איז אָנגענומען געוואָרן דער שטאַנדפּונקט פון דעם ישוב און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַז פאַר אַלעמען דאַרפן אין באַטראַכט גענומען ווערן קאָנסטרוקטיווע אַקציעס, „הילף דורך אויפבוי" און נישט קיין פילאַנ־טראָפּישע אונטערשטיצונג.

מיט די געלטער פון דעם „הילפספאָנד" זיינען ווידער אויפגעבויט געוואָרן: הר־טוב און מוצא. אין דער שכנות פון דער אַמאָליקער מוצא

איז, אַ דאַנק אַ ספּעציעלן פֿאָנד וואָס איז אויפֿגעזאַמלט געוואָרן דורכן ועד לאומי געגרינדעט געוואָרן אַ קלײנער מושב עובדים: מ ו צ א ע ל י ת. די מחנה פֿון גדוד העבודה, רמת רחל, וואָס געפֿינט זיך ביי דעם ווײַן־קוואַרטאַל תלפּיות אין ירושלים, האָט באַקומען גרעסערע און פֿעסטערע געביידעס, טיילווייז פֿון די געלטער פֿון דעם „הילפֿספֿאָנד" און טיילווייז פֿון „קרן היסוד". אויך די מיידל־פֿערמע ביי תלפּיות איז פֿאַרברייטערט און פֿאַרשטאַרקט געוואָרן, אַדאַנק דער צוזאַמענאַרבעט צווישן ויצ"ו און דעם „הילפֿספֿאָנד".

מער פֿון אַלע פּונקטן איז צעשטערט געוואָרן באר־טוביה, וואָס געפֿינט זיך אין דרום־עק פֿון לאַנד. דאָ איז געגעבן געוואָרן די געלעגנהייט אויף דאָס ניי אויפֿצובויען דעם ישוב אויף געזונטערע ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע יסודות, נאָך דעם ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפֿן אָרט געפֿינט זיך וואַסער אין אַ גענוגנדער מאָס. די ביזאיצטיקע קאָלאָניסטן האָבן צוליב זייער עלטער — די קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1896 — שוין נישט אַרויסגעוויזן קיין חשק זיך צו פֿאַרנעמען מיטן ווידער־אויפֿבוי פֿון דער קאָלאָניע. זיי איז דערמעגלעכט געוואָרן זיך אָנצושליסן אין אַנדערע ישובים. אויף זייער אָרט זיינען אויפֿן פֿאָרשלאַג פֿון דעם מרכז חקלאי געקומען יונגע כוחות, אַ טייל פֿון זיי — אַמאָליקע חברים פֿון דעם יידישן לעגיאָן. אָנהייב מערץ 1930 איז די ערשטע מתישבים־גרופּע צוגעטראָטן צו די פֿאַרברייטונגס־אַרבעטן אויפֿן באָדן. סוף מאי 1931 זיינען לויט אַ פֿון פֿאָרויס פֿעסטגעשטעלטן פּלאַן פֿאַרענדיקט געוואָרן אַלע בוי־און פּלאַנצונגס־אַרבעטן. אַ יאָר נאָכן אָנהייב פֿון די אַרבעטן האָבן די מתישבים איבערגענומען די ווירטשאַפֿטן — דער איינציקער פֿאַל פֿון דעם מין אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אויפֿן אָרט פֿון דער אַלטער אָפּגעשטאַנענער קאָלאָניע מיט אירע ליימענע הייזקעס, האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ מושב עובדים מיט נייע בעטאָן־הייזער, אַ סימבאָל פֿאַרן ווילן: אויפֿן אָרט פֿון די חורבות — בעסערע און שטאַרקערע ישובים אויסצובויען.

אויך אין די ישובים, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן די אָנגריפֿן, האָבן זיך אין די שווידער־טעג פֿון אַווגוסט 1929 אַרויסגעוויזן געוויסע פֿעלערס, וואָס זיינען מיט די מיטלען פֿון דעם „הילפֿספֿאָנד" באַזייטיקט געוואָרן. אין אַ צאָל פּונקטן אין עמק יזרעאל האָבן געפֿעלט גוטע וועגן, וואָס זאָלן זיי פֿאַרבינדן מיט די הויפּט־שאָסייען; צוליב דעם איז שווער געווען בשעת די אָנפֿאַלן צו ברענגען פֿאַרטיידיקונגס־כוחות פֿון דרויסן. דער דאָזיקער פֿעלער איז באַזייטיקט געוואָרן דורך אַ בשותּפֿותדיקער טעטיקייט פֿון דער רעגירונג און פֿון דעם „הילפֿספֿאָנד".

אַ סך ערטער האָט געדראָט אַ גרויסע סכנה צוליבן מאַנגל פֿון פֿעסטע געביידעס ,וואָס זאָלן בשעת די אָנפֿאַלן קענען דינען אַלס אַ מקום־מקלט פֿאַר די פֿרויען און קינדער און אַלס צענטראַלע פֿאַרטיידיקונגס־פּונקטן. אויפֿן פֿאָרשלאַג פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע האָט דער „הילפֿס־פֿאָנד” אויסגעבויט אַזעלכע בנינים, דאָרט ווו ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר נייטיק. גלייכצייטיק האָט דער רוב פֿון די ישובים באַקומען טעלעפֿאָן־איינריכטונגען. ישובים, וואָס געפֿינען זיך אין מסוכנדיקע געגנטן, איז דער־מעגלעכט געוואָרן זיך ארומצוצוינגלען מיט געמויערטע שוץ־ווענט. די אָנ־גריפֿן האָבן אזוי ארום געבראַכט דערצו, אז די ישובים זיינען טראָץ די שאָדנס, וואָס זיי האָבן געליטן, איצט געוואָרן שטאַרקער ווי פֿריער. די איבערפֿאַלן האָבן דערגרייכט דעם היפּך פֿון דעם, צו וואָס זיי האָבן געשטרעבט.

די פּאָליטישע פֿאָלגן פֿון די געשעענישן

געפֿערלעכער זיינען געוועזן די פּאָליטישע פֿאָלגן פֿון די געשעענישן. די בריטישע מאַנדאַטאָר־מאַכט, וואָס האָט טראָץ די באַשטימונגען פֿון דעם מאַנדאַט און די באַמיונגען פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, קיינמאָל נישט געזען אַלס איר הויפּט־אויפֿגאַבע, אָדער אַלס איינע פֿון אירע הויפּט־אויפֿגאַבן, אַקטיוו אונטערצושטיצן דעם אויפֿבוי פֿון דער נאַציאָנאַלער היים פֿאַרן יידישן פֿאָלק אין ארץ־ישראל, האָט איצט אַלע מאָל מער אָנגעהויבן אויסצוטייטשן דעם מאַנדאַט אין גייסט פֿון די פֿאָדערונגען פֿון די אַראַבישע מנהיגים און נאָך מער צו פֿאַרקלענערן דעם טעמפּאָ און אומפֿאַנג פֿון דעם אויפֿבוי. אויך אויף די אומרועז פֿון 1921 האָט די ענגלישע רעגירונג אויף אַן ענלעכן אופֿן רעאַגירט. הערבערט סעמיועל, דער נציב העליון אין יענע טעג, האָט אין מאַי 1921 גענצלעך אָפּגעשטעלט די עליה אויף אַ פּאָר וואָכן, דאַן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט פֿאַראָרדנונגען, וואָס האָבן די עליה באַגרענעצט. צום סוף האָט ער פֿאַרפֿאַסט דאָס באַקאַנטע „טשערטשיל־ווייסבוך” (1922), וואָס האָט אין אַ סך פּונקטן ערגער פֿאַר יידן אויסגע־טייטשט די בלפֿור־דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט, ווי דאָס איז דורך ענגלישע רעגירונגס־מענער פֿריער געטון געוואָרן.

דעם 13־טן סעפּטעמבער 1929, באַלד נאָך דער אונטערדריקונג פֿון די אומרועז, האָט דער ענגלישער קאָלאָניאַל־אַמט געשיקט קיין ארץ־ישראל אַ פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיסיע אונטערן פֿאָרזיץ פֿון דעם געוועזענעם אויבערריכטער שאָו (פֿון דאַנען דער נאָמען: „די שאָו־קאָמיסיע”), וואָס האָט געדאַרפֿט אויספֿאָרשן די „אוממיטלבאַרע סיבות” פֿון די אומרועז און פֿאָרשלאָגן מיטלען, וואָס זאָלן להבא אַזעלכע אומרועז אוממעגלעך מאַכן.

די קאָמיסיע וואָס האָט איבערגעשריטן אירע פולמאַכטן האָט פעסטגעשטעלט, אַז די אומרוען זײַנען אַ רעזולטאַט פון דער ציוניסטישער עליה און באָדן־פּאָליטיק: די דאָזיקע פּאָליטיק האָט, לויט דער מיינונג פון דער קאָמיסיע, נישט נאָר אַרויסגערופן אַ באַרעכטיקטן פאַרדאַכט ביי דער אַראַבישער באַפעלקערונג, אַז מ׳וועט זי פאַרדרענגען פון איר באָדן און אַרויסשטויסן פון אירע אַרבעטס־פּלעצער, נאָר מ׳האָט עס שוין אין אַ סך פאַלן פאַרווירקלעכט. באָדן פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די אַרויסגעשטויסענע איז מער נישט בנמצא. די פאַרזעצונג פון דער יידישער עליה וועט אַזוי אַרום שאַפן אַ באַדנלאָזע און אומצופרידענע אַראַבישע מאַסע, וואָס וועט מיט זיך פאַרשטעלן אַ כסדרדיקע סכנה פאַרן שלום פון דעם לאַנד. „פּאַלעסטינע — האָט די קאָמיסיע קאַטעגאָריש געפסקנט — וועט נישט קענען דערנערן קיין גרעסערע ווי ביז איצט באַפעלקערונג, אויב ס׳וועלן נישט פאָרקומען קיין ראַדיקאַלע ענדערונגען אין די אַרבעטס־מעטאָדן פון דער לאַנדווירטשאַפט״.

די דאָזיקע מסקנות זיינען אין זייערע עיקרדיקע פונקטן אויך באַשטעטיקט געוואָרן דורך סער האָפּ סימפּסאָן, וואָס איז אַלס מומחה דעלעגירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל דורך דער ענגלישער רעגירונג ווי אויך דורכן דירעקטאָר פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט, לואי פרענטש, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין 1931 צו פאַרווירקלעכן די פאָרשלאָגן פון סימפּסאָן; אין דעם זעלבן גייסט איז אויך פאַרפאַסט געוואָרן דאָס „ווייס־בוך״ פון דער ענגלישער רעגירונג אין 31 אָקטאָבער 1931. די יידישע אַגענץ און דער קק״ל זיינען באַלד שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די דאָזיקע באַשולדיקונגען און פאַלשע מסקנות. זיי האָבן באַוויזן, אַז 90% פון דעם באָדן, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורכן קק״ל, איז געקויפט געוואָרן פון גרויסע גרונט־באַזיצערס, און אַז די פאַקטערס פון דעם באָדן איז, טראָץ דעם וואָס מ׳איז דערצו נישט געווען פאַרפליכטעט, געגעבן געוואָרן גענוגנדע אַנטשעדיקונגען ,כדי צו פאַכטן אַנדערן פאַסיקן פאַר זיי באָדן אָדער איבערצוגיין צו אַנדערע באַרופן. טיילווייז האָט מען זיי אויך אויף אַ געוויסע צאָל יאָרן פאַרפאַכטעט באַשטימטע ערד־שטחים פון די אויבן־דערמאָנטע. די דערפער, וואָס האָבן בלויז אַ טייל פון זייער באָדן פאַרקויפט די יידן, האָבן אַדאַנק די דערהאַלטענע געלטער באַקומען די מעגלעכקייט דעם איבערגעבליבענעם באָדן בעסער צו אַנטוויקלען, לויט די מאָדערנע מעטאָדן, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ביי זייערע יידישע שכנים. און פאַקטיש, אונטערשיידן זיך די אַראַבישע דערפער, וואָס געפינען זיך אין דער נאָענטקייט פון די יידישע ישובים, מיט זייער אויסערלעכן אויסזען און גוטער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַנדערע אַראַבישע דערפער,

וואָס קומען נישט אין באַרירונג מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע. בכלל האָט די יידישע עליה און דער שטענדיקער צופלוס פון יידישן קאַפּיטאַל, וואָס האָט געשטראָמט אין דער אַראַבישער ווירטשאַפט פאַר באָדן־פאַרקויף, פאַר לעבנסמיטל און פאַר דער באַשעפטיקונג פון אַראַבישע אַרבעטער אין דער יידישער ווירטשאַפט, גוט געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַראַבישער ווירטשאפט, בשעת דער עוֹל פון דער ארבעטסלאָזיקייט וואָס האָט עקזיסטירט אין די קריטישע פעריאָדן פון דער יידישער עליה האָט אויסשליסלעך געלאַסטעט אויף דער יידישער ווירטשאַפט. ס׳איז גענוג צו פאַרגלייכן דעם ווירטשאַפטלעכן אויפשטייג פון מערב־ארץ־ישראל מיט דער סטאַגנאַציע וואָס הערשט אין עבר־הירדן, כדי צו באַווייזן, ווי גינסטיק די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט משפּיע געווען אויפן גאַנצן לאַנד און נישט נאָר אויף די יידן אַליין. אויך די טענה, אַז טויזנטער אַראַבישע פעלאַכן און פעכטער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער ערד, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ לעגענדע. נאָר 652 פאַלן זיינען דורך דער א״י־רעגירונג אָנערקענט געוואָרן אַלס באַרעכטיקטע, און דערביי איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז כמעט אַ העלפט פון דער צאָל זיינען פלוצים געוואָרן „באָדנלאָז״ ערשט נאָך די אומרועז פון 1929. און ווען די רעגירונג האָט זיי באַשלאָסן צו קאָלאָניזירן און זיי געשטעלט צו דיספּאָזיציע 17.000 דונאָם אין עמק בית שאן — האָבן זיך געמאָלדן נאָר 146 משפחות!

אָבער צוליב דעם, וואָס די רעגירונג האָט געטענה׳עט, אַז אין דער צוקונפט קען די סיטואַציע זיך פאַרערגערן, און ווייל די לעגענדעס וועגן דער אַרויסשטויסונג האָבן נישט אויפגעהערט זיך צו פאַרשפּרייטן, טראָץ דעם וואָס ס׳איז אַרונטערגעריסן געוואָרן דער באַזיס אויף וועלכן זיי האָבן זיך כלומרשט געשטיצט — צוליב אַלע די טעמים זיינען די יידישע באָדן־קניות פון איצט אָן געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געזעצלעכע און אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן, וואָס האָבן גורם געווען דערצו, אַז אַפילו נאָך דער פאַרמעלער איבערפירונג פון דעם באָדן האָט נאָך געדויערט חדשים און יאָרן, ביז דער באָדן איז פאַקטיש איבערגעגאַנגען אין יידישע הענט. און דערווייל האָבן די אַראַבער משיג גבול געווען און אַרויסגערופן שטרייטיקייטן, וואָס האָבן געצוווּנגען די יידן זיך צו פאַרוויקלען אין קאָסטשפּיליקע פּראָצעסן. דאָס אַלץ האָט אומעטום אויפגעהאַלטן די פאַרזעצונג פון דער רואיקער קאָלאָניזאַציע. און אָט איינער פון די פיל ביישפּילן: דער באָדן־שטח פון ואדי־חאווארית (עמק חפר) איז דערוואָרבן געוואָרן אין 1928, אָבער דער משא־ומתן מיט דער רעגירונג און די פּראָצעסן האָבן געדויערט ביז 1934, און נאָר ערשט דעמאָלט איז דער שטח איבערגעגאַנגען אין רשות פון דעם קק״ל.

ביי דער איבערווינדונג פון די דאָזיקע שוועריקייטן האָבן די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס געקאָנט בייהילפיק זיין די קאָלאָניסטן בלויז מיט עצות און אינסטרוקטאָרן, ווי אויך פינאַנסיעל — אויף וויפל דאָס וועלט־יידנטום האָט געליפערט מיטלען דערצו. די הויפט־אַרבעט האָבן די ישובים אַליין געדאַרפט אויספירן. ס'איז דעריבער געווען זייער וויכטיק, ווי אַזוי דער ישוב און די אַרבעטער אין די קאָלאָניעס האָבן רעאַגירט אויף די בלוטיקע געשעענישן פון 1929. ס'וואָלט געווען פאַרשטענדלעך, ווען נאָך דער שפּאַנונג וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פאַרטיידיקונג קעגן די אָנגריפן, וואָלט געקומען אַן אָפּשוואַכונג, מ'וואָלט זיך נישט געדאַרפט וווּנדערן ווען די פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע שטערונגען וואָלטן איינגעצוימט דעם אויפבוי־ווילן. פאַקטיש אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן דער היפּוך פון דעם. בשעת די געשעענישן און אין זייערע נאָכווייען האָט זיך דער ישוב אַנטפּלעקט אין זיין פולסטער פּראַכט. אַזוי ווי אין די יאָרן 1920 און 1921, אַזוי איז אויך איצט געגעבן געוואָרן איין־און־איינציקע תשובה אויף אַלע דראָונגען: פ אַ ר ש ט אַ ר ק ט ע א ו י פ ב ו י־ ט ע ט י ק י י ט, פ אַ ר ג ר ע ס ע ר ט ע ע ל י ה, פ אַ ר־ ב ר י י ט ע ר ו נ ג א ו ן פ אַ ר פ ע ס ט י ק ו נ ג פ ו ן ד ע ם אָ נ ג ע ה ו י ב ע נ ע ם ו ו ע ר ק.

אין מיטן דער נויט און קאַמף פאַרן דערהאַלטן דעם עקזיסטירנדיקן ווערק — האָט ווידער אויפגעלעבט דער העראָיזם פון די ערשטע יאָרן. ווי די געשעענישן האָבן זיך נאָר אָפּגעשטעלט, איז תיכף די ערשטע קבוצה פון ארגון ויתקין — (אַרבעטער פון דער דריטער עליה וואָס האָבן זיך נאָך אין יאָר 1925 צונויפגעשלאָסן אין אַ גרופּע, וואָס האָט געוואָלט גרינדן אַ מושב עובדים) אַרויף אויפן באָדן פון עמק חפר, כדי אים אין נאָמען פון קק״ל צו דעראָבערן מיטן כוח פון טראַקטאָר און שמירה. אַ קבוצה פון „גורדוניה״ איז געגאַנגען קיין חולדה, כדי אָפּצוהיטן דאָס אָרט און כדי צו באַנייען די פלאַנצונגען פון „יער הרצל״, וואָס האָט שטאַרק געליטן פון שריפות בשעת די אומרוען. דער קבוץ „השומר הצעיר״, וואָס איינע פון זיינע חלוצישע פלוגות איז בשעת די געשעענישן געווען געצוווּנגען מפקיר צו זיין די פאַראייניזאַמטע מחנה אין משמר העמק, איז איצט פון דאָס ניי מיט דער באַטייליקונג פון אַלע זיינע חברים אַרויף אויפן באָדן; לויטן אויפטראַג פון דעם קק״ל האָט דער קבוץ געפלאַנצט אויף די אָרטיקע בערגלעך אַ וואַלד, און האָט אין משך פון עטלעכע יאָרן אויסגעבויט אַ מוסטערהאַפטע ווירטשאַפט. די אַרבעטער־ישובים האָבן אָנגעשטרענגט אַלע זייערע כוחות, כדי זיך ווי אַמשנעלסטן צו פאַרפעסטיקן, אויסברייטערן און זעלבסט־

שטענדיק מאַכן. אין דעם פּלאַנטאַציעס־געביט וואָס האָט זיך נישט אויפגע־הערט צו פאַרברייטערן און אַנטוויקלען, איז געוואַקסן די צאָל יידישע אַרבעטער, צווישן וועלכע דער ווילן צו שנעלער זעלבסטשטענדיקער קאָלאָ־ניזאַציע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי פלעגן אָוועקנעמען דעם ביסן פון מויל און האָבן צוזאַמענגעלייגט אַ פּרוטה צו אַ פּרוטה, כדי צו דערמעגלעכן דעם קק״ל צו דערווערבן דעם באָדן, וואָס איז געווען נויטיק פאַר זייער קאָלאָניזאַציע.

אַ דאַנק די אויבנדערמאָנטע מיטלען האָט דער רוב ישובים פון די נאָך־מלחמה־יאָרן (געגרינדעט צווישן 1932—1918) אין אַזאַ מאָס זיך אַנטוויקלט, אַז זיי האָבן ביזן דערהאַלטן פון דער רעשט אויסשטאַטונג, וואָס איז זיי געקומען לויטן קאָנסאָלידאַציע־פּלאַן און וואָס האָט זיי געפעלט צו דער קאָמפּלעטער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט, געקענט פירן זייער ווירטשאַפט אָן ווייטערדיקע סובווענצן.

אין מיטן יאָר 1931 האָט רופּין שוין געפונען פאַר מעגלעך פעסטצושטעלן (אויפן 17־טן ציוניסטישן קאָנגרעס), אַז ס׳איז איינגעטראָטן אַ סטאַביליזאַציע אין דער יידישער ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל. די עליה פון די יאָרן 1926/27 האָט זיך גוט פאַרוואָרצלט אין לאַנד. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָט איצט אויסגעזען אַ סך בעסער ווי ווען ס׳איז. די פּרייזן פון די אָ״י־דיקע אָראַנזשן אויפן וועלט־מאַרק זיינען געבליבן סטאַביל טראָץ דער אַלגעמיינער פּרייז־ירידה פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. די פאַקונג און טראַנספּאָרט־מעטאָדן פון די פּרוכטן זיינען פאַרפולקאָמט געוואָרן. נעבן די מאַראַנצן האָט אויך די אָ״י־דיקע גרייפּ־פרוכט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויפן וועלט־מאַרק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שווערער באָדן פון עמק יזרעאל און עמק הירדן, וואָס טויג נישט פאַר מאַראַנצן, איז פּאַסיק פאַרן גרייפּ־פּרוכט. די פּראָדוקטיוויטעט פון די משקים מיט געמישטער ווירטשאַפט, באַזונדערס פון מילך־ווירטשאַפט, איז געשטיגן פון יאָר צו יאָר. די אינדוסטריע האָט מיט הצלחה גובר געווען דעם אַראַבישן באָיקאָט, זי האָט איינגענומען דעם אינערלעכן מאַרק, און אירע סחורות האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די אויסן־מערק: מצרים, דרום־אַפריקע און סוריע. די גרויסע פּאָטאַש־געזעלשאַפט אויפן ברעג פון ים־המלח האָט שוין אָנגעהויבן איר טעטיקייט, און די הידראָ־עלעקטרישע קראַפט־סטאַנציע פון רוטענבערג ביי די ברעגעס פון דעם ירדן האָט געזאָלט אין קורצן דערעפנט ווערן. בשעת אויף דער גאַנצער וועלט האָט געהערשט אַן עקאָנאָמישער קריזיס, און די מאַסן זיינען געווען פאַרזונקען אין אַ מרה שחורה און יאוש, האָט זיך דאָס יידישע אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל אומגעשטערט ווייטער אַנטוויקלט, און אין אַלע קרייזן פון דעם ישוב האָט

זיך געלאָזט אַרויספּילן אַ שטימונג פון בטחון און אָפּטימיזם. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ נייער עליה, וואָס איז אין אַלגעמיין באַצייכנט געוואָרן אַלס „די פינפטע עליה״.

די פינפטע עליה

אַזוי ווי אַלע פריערדיקע עליות, האָט זיך אויך די „פינפטע עליה״ אָנגעהויבן מיט דער עליה פון חלוצים. אין די דריי יאָרן 1929—1931, אין דער צייט פון שווערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ראַנגלענישן, זיינען יאָר־יערלעך אָנגעקומען אין לאַנד אַריין 4000 — 5000 יידן, דאָס רוב אויפן יסוד פון אַרבעטער־סערטיפיקאַטן, וואָס זיינען אין אַ באַשרענקטער צאָל ווידער צוגעטיילט געוואָרן דורך דער רעגירונג נאָך אַ הפסקה, וואָס האָט געדויערט פון מערץ ביז נאָוועמבער 1930. אין 1932 האָט די צאָל עולים באַטראָפן 9.533, אַ טאָפּלטע צאָל אין פאַרגלייך צום פאַריקן יאָר. און אין די קומענדיקע יאָרן איז די עליה ווייטער שנעל געוואַקסן.

אין 1933 האָבן עולה געווען 30.327 יידן — דאָס הייסט, כמעט אַזוי פיל ווי אין יאָר 1925, וואָס איז געווען דער קולמינאַציע־פּונקט פון דער פּערטער עליה. אין יאָר 1934 זיינען געקומען 42.359 עולים, און אין יאָר 1935 — 61.254, נישט גערעכנט אין באַטראַכט די „אומלעגאַלע עולים״ ד. ה. די טוריסטן, וואָס זיינען געבליבן אין לאַנד אָן אַ דערלויבניש פון דער רעגירונג.

גלייכצייטיק מיטן וווקס פון דער עליה האָט זיך אויך געענדערט איר צוזאַמענשטעל. דער טייל פון די עולים אויפן יסוד פון אַרבעטער־סערטיפיקאַטן איז געפאַלן (פון 68% און 69% אין די יאָרן 1929—1930 ביז 52.1% אין יאָר 1934 און 44.8% אין יאָר 1935) ; די צאָל עולים פון אַנדערע קאַטעגאָריעס און קודם־כל פון באַמיטלטע עלעמענטן איז געשטיגן. נאָך דער תקופה פון די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן, ווען די עליה פון מענטשן און קאַפּיטאַל האָבן געשטראָמט באַזונדער (ד. ה. ס׳איז געווען אַ צופלוס פון קאַפּיטאַל אָן זיינע באַזיצער און אָן עליה פון מיטללאָזע עלעמענטן), און נאָך דעם פאַרשטאַרקטן צופלוס פון קאַפּיטאַלן, וואָס זייערע באַזיצער האָבן אויך עולה געווען (אין די יאָרן 1924—1929), אָבער וואָס זייערע מיטלען זיינען געשטאַנען אין אַ נישטיקער פּראָפּאָרץ צו דער אַלגעמיינער צאָל עולים — האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ גרויסער עליה־שטראָם, אין וועלכן דער צוגעקומענער קאַפּיטאַל איז שוין געווען אין אַ בערך׳דיקער פּראָפּאָרץ צו דער צאָל עולים. בשעת אין די צען יאָרן צווישן 1921 און 1931 זיינען — לויט די אָפּשאַצונגען פון חיים אַרלאָזאָראָוו — אינוועסטירט געוואָרן אין ארץ־ישראל 20 מיליאָן פונט, האָבן די יידישע אינוועסטיציעס אין די פיר

יאָרן 1935 — 1932, אין וועלכע די צאָל יידן איז פאַרטאָפּלט געוואָרן (פון 185.000 ביז 375.000 בערך) — געשטיגן ביז 31 מיליאָן פונט.

די עליה פון דייטשלאנד

אויך אין באַצוג אויף די לענדער, פון וועלכע די עולים האָבן געשטאַמט, איז אין דער גרויסער עליה פאָרגעקומען אַ יסודותדיקע ענדערונג. פוילן האָט אויך איצט, ווי פריער, געשיקט די גרעסטע צאָל עולים. רוסלאַנד איז כמעט פאַרשוואונדן געוואָרן פון דער ליסטע עליה־לענדער. די עליה פון אמעריקע איז געשטיגן. אָבער אַן אַנטשיידנדיקע ענדערונג איז זינט יאָר 1933 פאָרגעקומען אין באַצוג צו דער עליה פון דייטשלאַנד. די דייטשע יידן האָבן ביז איצט אין אַ גאָר קליינער מאָס אָנטייל גענומען אין דער עליה קיין ארץ־ישראל. פון יאָר 1920 ביז 1932 האָבן בסך־הכל עולה געווען עפעס מער ווי 2000 יידן פון דייטשלאַנד (אָדער ווייניקער ווי 2½% פון דער אַלגעמיינער עליה), און אַ טייל פון זיי איז נאָך דעם צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. איצט, ווען די היטלעריסטישע איבער־קערעניש האָט צעשטערט דיווירטשאַפטלעכע און גייסטיקע יסודות פון דעם דייטשן יידנטום, האָט זיך פלוצים אָנגעהויבן אַ גרויסע עליה־באַוועגונג פון דייטשלאַנד: אין 1933 האָט זי דערגרייכט ביז 7510 עולים, וואָס מאַכן אויס 25% פון דער אַלגעמיינער עליה; אין יאָר 1934 — 9.729 עולים (23%); אין 1935 — 8.460 (12%). סך־הכל האָבן אין די דריי יאָרן 1933 — 1935 עולה געווען פון דייטשלאַנד 25.700 יידן, ד. ה. 19% פון דער אַלגעמיינער עליה (134.540). ביז סוף 1939 — זיינען עולה געווען איבער 53.000 יידן פון דייטשלאַנד. אַזוי אַרום האָט דער יידישער קבוץ אין דייטשלאַנד, וואָס האָט ביז איצט נישט באַטראַכט ארץ־ישראל אַלס זיין אייגענעם ענין, אָנגעהויבן שלאָגן ברייט פאַרצווייגטע און טיפע וואָרצלען אין לאַנד.

נאָך מער ווי אין דער אַלגעמיינער צאָל עולים, איז די דייטשע עליה בולט געווען אין געוויסע עולים־קאַטעגאָריעס. בשעת זייער אָנטייל אין דער קאַטעגאָריע פון אַרבעטער און קרובים־עולים איז געווען נידעריקער פון זייער פראָצענטזאַץ אין דער אַלגעמיינער עליה, איז זייער פראָצענטזאַץ אין דער קאַטעגאָריע פון די עולים־קאַפּיטאַליסטן (מיט אַ קאַפּיטאַל פון 1.000 פונט) געווען אַ טאָפּלטער אין פאַרגלייך מיט זייער באַטייליקונג אין דער אַלגעמיינער עליה. (אין 1933 האָט ער באַטראָפן — 55%, אין יאָר 1934 — 43%, אין יאָר 1935 — 29%; דער דורכשניט אין די דריי יאָרן — 40%), אויך לויט זייער פראָפעסיאָנעלן צוזאמענשטעל האָבן זיי זיך אונטערשידן פון די עולים פון אַנדערע לענדער. זייער גרויס איז געווען די

צאָל פון די פרייע באַרופן: דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן און פאַרשידענע אַנדערע וויסנשאַפטלער. דער רוב עולים האָט נישט באַזיצט קיין שום יידישע בילדונג. דאַקעגן האָבן זיי באַזיצט אַ יסודותדיקע פאַכלעכע אויסבילדונג, דערפאַרונג אין האַנדל און אינדוסטריע, אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן און אַ זין פאַר אָרדענונג. איבער 25% פון די דייטשע עולים זיינען אַריבער צו לאַנדווירטשאַפט, אַן אומפּאַרהאָפטער גרויסער פּראָצענטזאַץ, ווען מ׳נעמט אין באַטראַכט ווי ווייט פון לאַנדווירטשאַפט איז געווען די סביבה, אין וועלכער די דאָזיקע עולים זייגען געוואַקסן. צוליב די אַלע דאָזיקע פאַקטאָרן איז די השפעה פון די דייטשע יידן אויפן ישוב אַ סך גרעסער, ווי ס׳איז זיי לויט זייער צאָל געקומען. זיי האָבן אין אַ גאָר גרויסער מאָס באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער פינפטער עליה.

דער געוואַלטיקער שטראָם פון דער פינפטער עליה איז פאַרן ישוב און פאַר די אָנפירער פון דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט געווען כמעט די זעלביקע איבעררעשונג, ווי די ערשטע פאָלקס־עליה פון פוילן אין די יאָרן 1924—26. פאַרשידענע פאַקטאָרן האָבן צוגעהאָלפן צו איר שנעלער איינגלידערונג אין לאַנד, צווישן זיי: די גוטע פאַכלעכע הכשרה פון פיל עולים און דער גרויסער געלט־שטראָם, וואָס איז מיט זיי געקומען אין לאַנד אַריין; די אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד אין אַ מאָס, אויף וועלכע די פריערדיקע עליות האָבן נישט אָנגעטראָפן, און ענדלעך — די פינאַנסיעלע און אָרגאַניזאַטאָרישע הילף, וואָס זיי האָבן באַקומען און באַזונדערס די עולים פון דייטשלאַנד. די לייטונג און איינאָרדנונג פון דער דאָזיקער עליה איז לויט אַ באַשלוס פון דעם 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס איבערגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע: „צענטראַל־ביוראָ פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די דייטשע יידן אין ארץ־ישראל", וואָס האָט אויך פאַרמאָגט ספּעציעלע פאָנדן פאַר איר אַרבעט.

עלית הנוער

ניי און פון באַזונדערער חשיבות איז אינערהאַלב דער דייטשער עליה געווען די אָרגאַניזירטע עליה פון יוגנטלעכע אין שול־עלטער, די אַזוי־גערופענע „עלית הנוער".

אמת, אויך פריער האָבן עלטערן־ציוניסטן פון אייראָפּע און אַמעריקע געשיקט זייערע קינדער קיין ארץ־ישראל, ווער אויף אַ קורצע און ווער אויף אַ לענגערע צייט, כדי צו לערנען אין העברעאישע שולן; באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס יוגנט־דאָרף בן־שמן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1927 (אויפן זעלבן אָרט, ווו בעלקינד האָט אין יאָר 1907 געמאַכט דעם ערשטן פּרווו צו געבן דער יוגנט לאַנדווירטשאַפטלעכע

אויסבילדונג), און איז אין משך פון אַ פּאָר יאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט פאַר יידישע יוגענטלעכע פון אַלע לענדער. אָבער ערשט דער יאוש און די אויסזיכטלאָזיקייט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע יוגנט אין דייטשלאַנד זינט דער נאַצישער איבערקערעניש, האָבן רייף געמאַכט דעם פּלאַן — די אַלע פּרווון צו פאַרברייטערן און זיי צו פאַרוואַנדלען אין אַ אָרגאַניזירטער עליה פון יוגנטלעכע, וואָס וועלן דאַרפן בלייבן אין לאַנד בישט נאָר אייניקע יאָרן, כדי צו באַקומען אַן אַנטשפּרעכנדע העברעאישע דערציאונג, נאָר וועלן זיך סיסטעמאַטיש צוגרייטן פאַר אַרבעט אין און פאַרן לאַנד. לויט דעם דאָזיקן פּלאַן פאַרברענגען די קאַנדידאַטן, וואָס ווערן זאָרגפעלטיק אויסגעוויילט, אייניקע וואָכן אין ספּעציעלע הכשרה־פּונקטן און דאַן קומען זיי אין געשלאָסענע גרופּן אין לאַנד אַריין און טרעטן אַלס אַזעלכע אַריין אין די קבוצים, קבוצות און מושבים אויף צוויי יעריקער הכשרה. 5—4 שעה אין טאָג ארבעטען זיי אין דער ווירט־שאַפט און אַזאַ צייט בערך לערנען זיי טעאָרעטישע למודים. אויף דעם אופן דערווערבן זיי ידיעות איבערן לעבן פון דעם לאַנד, אַרבעט און שפּראַך און גלייכצייטיק לערנען זיי די פליכטן, וואָס דאָס לאַנד לייגט אויף זיי אַרויף.

אויף דעם אופן זיינען שוין געקומען אין לאַנד אַריין קרוב 20 טויזנט יוגנטלעכע, און אַ גרויסער טייל פון זיי — אין די מלחמה־יאָרן.

היינט קענען מיר אויך שוין זען די רעזולטאַטן פון דעם ווערק. דער רוב (65%) פון זיי איז געגאַנגען אויף קאָלאָניזאַציע — אַ טייל האָט זיך אַנגעשלאָסן אין די עקזיסטירנדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, און אַן אַנדערער טייל האָט געגרינדעט זעלבסטשטענדיקע משקים.

די השפעה פון דער פינפטער עליה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט

די שטאַרקסטע השפעה האָט די פינפטע עליה געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון די גרויסע שטעט, וואָס האָבן אין די דאָזיקע יאָרן גענצלעך געענדערט זייער אויסזען. ס׳זיינען אַנטשטאַנען אַ סך גרויסע און קליינע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. אַ דאַנק דער עליה פון פאַכלייט מיט אייראָפּעאישע קוואַליפיקאַציעס איז געשטיגן דער ניווא פון דער אַרבעט פון די בעלי־מלאכה׳עס; די פיל ניי־געגרינדעטע געשעפטן האָבן מיט זייער אָרגאַניזאַציע און אויסערלעכער איינריכטונג אַנגעגעבן דעם געשעפטס־לעבן אַ מערב־אייראָפּעאישן כאַראַקטער; אין די שטעט האָט אָנגעהויבן צו פּולסירן אַ גרויסשטעטישער ריטם. באַזונדערס זיינען די ענדערונגען בולט געווען אין תל־אָביב, וואָס האָט צוזאַמען מיט אירע

פאַרשטעט אויפגענומען איבער אַ העלפט פון די נייע עולים, און צוליב דעם איז איר באַפעלקערונג געשטיגן פון 46.000 אין סוף 1931 בז 135.000 אין סוף 1593 (190.000 — 1947). דאָס צווייטע אָרט אויפן געביט פון אויפ־נעמען עליה האָט פאַרנומען די צוקונפט־שטאָט — חיפה, וואָס איר גרויסער מאָדערנער פּאָרט איז דערעפנט געוואָרן אין הערבסט 1933; איר יידישע באַפעלקערונג איז אין משך פון פיר יאָר געשטיגן מער ווי דריי־פאַכיק אין פאַרגלייך מיט איר צאָל אין 1931: פון 16.000 ביז 50.000 (86.000 — 1947).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך אין 1931 אָנגעהויבן די קאָלאָניזאַציע אין מפרץ־חיפה. די ערשטע דערלייזער פון זיין באָדן האָבן שוין אין 1926 אים אָנגעהויבן צו סאַנירן. די סאַנירונגס־ארבעט איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן צוליב מאַנגל פון מיטלען, ביז דער קק״ל צוזאַמען מיט דער „החברה הכלכלית הארצישראלית" האָבן אויף זיך גענומען פאַרזעצן די אַרבעט.

פון זומער 1929 ביז 1932 איז די ארבעט פאָרגעשריטן אין אַזאַ מאָס, אַז דער דרום־טייל פון דער געגנט, וואָס איז געווען נענטער צו דער שטאָט, איז שוין געווען ראוי פאַר קאָלאָניזאַציע. אין דער זעלבער צייט איז מען צוגעטראָטן צו דער צוגרייטונג פון אַ סיסטעמאַטישן אַנטוויקלונגס־פּלאַן פאַר דער גאַנצער געגנט. דער באַרימטער ספּעציאַליסט פאַר בויען שטעט, דער ליווערפּולער פּראָפעסאָר פּ. אַברקרומבי האָט אין אויפטראַג פון די אויבנדערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, לויט וועלכן דער באָדן־שטח פון דעם מפרץ איז איינגעטיילט געוואָרן אין פאַרשידענע פּאַסן. אַמנאָענטסטן צו דער שטאָט חיפה געפינט זיך דער אינדוסטריע־צענטער, אויף וועלכן ס'זיינען שוין אַנטשטאַנען איבער 50 גרויסע און קליינע אינדוסטריע־אונטערנעמונגען. אין צפון־טייל פון דעם שטח, ביזן טייך קורדאני, געפינט זיך דאָס וווינונג־קוואַרטאַל, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דעם אינדוסטריע־צענטער דורך אַ ברייטן גרינעם גאַרטל פון ביימער און גערטנער. דאָ זיינען שוין אויסגעבויט געוואָרן דריי גרויסע פאַרשטעט: דער גרויסער אַרבעטער־וווינונגס־קאָאָפּעראַטיוו (איבער 1000 הייזער) — קרית חיים (צום אָנדענקן פון חיים ארלאָזאָראָוו); דער קוואַרטאַל פון דעם מיטלשטאַנד שכונת מוצקין, און אין מזרח־זייט פון דעם נייעם כביש חיפה—עכו — שכונת ביאַליק, וואָס איז בעיקר באַוווינט דורך יידן פון דייטשלאַנד. שכונת ביאַליק באַשטייט פון צוויי טיילן: וווין־הייזער מיט קליינע לאַנדווירטשאַפטלעכע געהילפס־ווירטשאַפטן און אַ פולשטענדיק לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב. זייער אויפבוי איז, בעיקר, פינאַנסירט געוואָרן דורך דער „אָפּטיילונג פאַר די דייטשע יידן ביי דער יידישער אַגענץ".

קלענער, אָבער נישט באַדייטונגסלאָז, איז געוועזן דער וווּקס פון ירושלים. איר כראָנישן וואַסער־מאַנגל האָט די רעגירונג געלעזט דורכן לייגן נייע וואַסער־רערן, וואָס פירן קיין ירושלים וואַסער פון די ירקון־קוואַלן ביי ראש העין, וואָס געפינען זיך 60 ק״מ פון ירושלים. די יידישע באַפעלקערונג פון ירושלים, וואָס האָט סוף 1931 באַטראָפן 53.700 האָט ביז ענדע 1935 געשטיגן ביז 70.000 בערך (אין יאָר 1947 — 103.000).

50.000 עולים האָבן זיך אין די יאָרן 1932—35 באַזעצט אין די דערפער, וואָס זייער יידישע באַפעלקערונג איז ביז סוף 1936 געשטיגן ביז 91.000 (אין יאָר 1947 — 165.000 נפשות).

די פלאַנטאַציע־ווירטשאַפט און די פּראָבלעם פון „עבודה עברית״

די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע איז בעיקר באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דריי פאַקטאָרן: די אויסברייטערונג פון דעם פלאַנצונגס־געביט, די אַנטדעקונג פון נייע וואַסער־קוואַלן און דער וווּקס פון די שטעט.

דער שטח פון פרדסים אין ארץ־ישראל האָט אין יאָר 1925 אַרומגענומען 300.000 דונאַם. אַ העלפט האָט געהערט צו די יידן און די אַנדערע העלפט — צו די אַראַבער. גלייכצייטיק איז געוואַקסן דער עקספּאָרט: פון צוויי מיליאָן קעסטלעך אין סעזאָן פון תרפ״ז (1926 — 1927) ביז 5.9 מיליאָן אין תרצ״ו (35—1936). פון דעמאָלט האָט דער עקספּאָרט אָנגעהויבן נאָך מער צו שטייגן: תרצ״ז (36—1937) — 10,8 מיליאָן קעסטלעך, תרצ״ח (1937 — 1938) — 11,4 מיליאָן, תרצ״ט (38—1939) — 15,3 מיליאָן.

דער דאָזיקער אויפשווּנג פון דער פלאַנצונגס־ווירטשאַפט האָט געשאַפן נייע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר אַ גרויסער צאָל אַרבעטער, און פאַקטיש איז ביז 1933 אומאויפהערלעך געשטיגן די צאָל אַרבעטער אין די קאָלאָניעס, טראָץ דעם וואָס די פריער־געשילדערטע שוועריקייטן און דער הויכער אַרבעטס־לוין אין די שטעט האָבן צייטווייליק איבערגעריסן די דאָזיקע אַנטוויקלונג און האָבן געבראַכט צו דער באַשעפטיקונג פון ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, וואָס זיינען אַהער געקומען אַפילו פון חורן (סוריע) און עבר־הירדן. די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס האָבן באַשלאָסן אונטערצושטיצן די באַוועגונג וואָס האָט גערופן צו גיין אין דאָרף אַריין און אויסצובעסערן די לאַגע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע לוין־אַרבעטער.

דורך אַ סיסטעמאַטישער טעטיקייט זיינען די וויכטיקסטע מושבות אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ כסדר וואַקסנדיקער צאָל פון קבוצישע אַרבעטס־מחנות. זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן טיילווייז דורכן „צענטראַל־

ביורא פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די דייטשע יידן״; דער רוב פון זיי — דורך דער אַרבעטס־אָפּטיילונג פון דער „יידישער אַגענץ״ מיט די מיטלען פון דעם קרן היסוד. אַ חוץ די מחנות זיינען אויסגעבויט געוואָרן אַ סך איינצל־וווינונגען פאַר די לאַנדווירטשאַפטלעכע לוין־אַרבעטער.

דער פאָרשריט אין דער וואַסער־פראַגע

אין דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע האָט די וואַסער־פראַגע פון אָנהויב אָן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל. שוין הערצל האָט זי באַטראַכט אַלס די אַנטשיידנדיקע פראַגע פאַר דער סיסטעמאַטישער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד, און די וואַסער־אינזשינערן האָט ער באַצייכנט אַלס די אמתע בויער פון דעם „אַלטניילאַנד״. טראָץ דעם וואָס איינצלנע עסקנים ווי טריטש און סאָסקין האָבן נישט אויפגעהערט אונטערצושטרייכן די גרויסע באַדייטונג פון דער פראַגע, איז איר פּאַקטיש במשך פון יאָרצענדליקער נישט געווידמעט געוואָרן די געהעריקע אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געשען טיילווייז צוליב דעם מאַנגל פון מיטלען און טיילווייז, ווייל מ׳האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט פאַר דער אינטענסיפיקאַציע פון דער לאַנדווירטשאַפט דורך באַוואַסערונג, און קודם־כל ווייל ס׳האָבן געפעלט די וויסנשאַפטלעכע גרונדלאַגן און די אַנטשפּרעכנדע שיטות צו אַנטדעקן און אַנטוויקלען די וואַסער־קוואַלן. אמת, דער קק״ל און דער קרן היסוד האָבן זיך באַמיט — זייער אָפט דורך דער אינוועסטירונג פון באַדייטנדע מיטלען — אין איינצלנע ישובים צו געפינען וואַסער פאַר די מענטשן און בהמות, און אין פיל פונקטן האָבן זיי אויך מצליח געווען. אַ חוץ דעם האָט מען געגראָבן אַ סך ברונעמער אין דעם פּלאַנצונגס־געביט, מייסטנס נישט זייער טיף, און אַ טייל ישובים אין עמק יזרעאל און אין עמק הירדן זיינען דורך דער רעגולירונג פון די וואַסער־קוואַלן, וואָס געפינען זיך אויף דער אויבערפלאַך, באַזאָרגט געוואָרן מיט מער אָדער ווייניקער רייכע וואַסער־קוואַנטומס, זייער אָפט אויך פאַר באַוואַסע־רונגס־צוועקן. די דאָזיקע פאַרזוכן און איינצלנע באַמיאונגען האָבן אָבער נישט גענוגנט כדי צו באַפרידיקן די באַדערפענישן אין וואַסער פאַר דער אינטענסיפיקאַציע פון די ווירטשאַפטן, וואָס איז צוליב דעם שטייגנדיקן באָדן־מאַנגל געוואָרן וואָס אַמאָל ברענענדיקער.

די סיטואַציע האָט זיך פולשטענדיק געענדערט בשעת מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט נייע מעטאָדן פאַר דער וואַסער־פאָרשונג און מיט מאָדערנע בוירער־מאַשינען. אַ דאנק זיי איז געלונגען צו אנטדעקן אַ שפע וואַסער אין אַ סך מקומות, וואָס זיינען פריער באַטראַכט געוואָרן אַלס

וואַסער־אָרעמע. די דאָזיקע דערגרייכונג איז געווען אַ ווענדע־פּונקט אין דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

די ציוניסטישע אינסטיטוציעס — די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג, די „דייטשע אָפּטיילונג”, דער קרן היסוד, דער קק"ל און די „חברת הכשרת הישוב” — האָבן זיך באַנוצט מיט די נייע מעטאָדן אין אַ גרויסן פאַרנעם, און צוליב דעם איז אַ גרויסע צאָל ישובים אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פולשטענדיק נייעם ווירטשאַפטלעכן באַזיס. כדי צו אַנטוויקלען די וואַסער־קוואַלן אין די פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, האָבן די אויבנ־דערמאָנטע אינסטיטוציעס און אויך „ניר” געגרינדעט אייניקע וואַסער־געזעלשאַפטן, וואָס האָבן פאַר דעם צוועק מאָביליזירט צוגאָב־קאַפּיטאַלן דורך הלוואות. די וויכטיקסטע צווישן די וואַסער־געזעלשאַפטן איז די חברת „מ ק ו ר ו ת”, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1937. זי פירט איבער וואַסער פון כפר חסידים צום מערב־טייל פון דעם עמק, פון יגור ביז שריד. זי שאַפט באַוואַסערונגס־מעגלעכקייטן פאַר 30 פּונקטן. אַ דאַנק איר איז געלונגען צו פאַרגרעסערן די אויפנאַמס־פעיקייטן פון אַ גרויסער צאָל ישובים.

די השפעה פון דער שטאָט אויף דער אַנטוויקלונג פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים

צו דער פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט און באַזונדערס צום וווקס פון דעם ציוניסטישן קאָלאָניזאַציע־ווערק, וואָס איז געשטיצט אויף געמישטער ווירטשאַפט, האָט פיל מיטגעהאָלפן די אַנט־וויקלונג פון די שטעט. אַזוי לאַנג ווי די שטעט האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון דלות און פאַרגליווערונג, איז אויך פאַרן דאָרף נישט געווען קיין מעגלעכקייט צו פאַרקויפן זיין פּראָדוקציע פאַר ריוח־ברענגענדיקע פרייזן. שוין דער פאַרשריט פון די שטעט אין די צייטן פון דער פערטער עליה האָט בולט געמאַכט די באַדייטונג פון דער דאָזיקער קעגנזייטיקער השפעה. נאָך שטאַרקער איז זי געוואָרן איצט, ווען די יידישע באַפעלקערונג פון די שטעט האָט זיך אין פאַרלויף פון אַ קליינע פאַר יאָרן כמעט פאַרטאָפּלט, און די נאָכפראַגע נאָך לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז די יידישע משקים האָבן — טראָץ דער אַראַבישער קאָנקורענץ און דעם פאַרגרעסערטן אימפּאָרט פון חוץ־לארץ — געקאָנט אָפּזעצן גרעסערע קוואַנטומס פון זייער פּראָדוקציע. דאָס באַטייט, אַז די הכנסות זיינען געוואַקסן, בשעת די הוצאות זיינען צוליב דער געשטאַרקטער ראַציאָנאַליזאַציע און דער פאַרפולקאָמונג פון די אַרבעטס־מעטאָדן געפאַלן.

ביז 1933 איז נאָר אין אַ קלײנער צאָל קרן־היסוד־משקים דער יאָר־באַלאַנס געװען אַקטיװ. איצט האָבן כמעט אַלע ישובים, סײ די קבוצות און די קבוצים און סײ די מושבים דערגרײכט װער גרעסערע און װער קלענערע איבערפלוסן אין די הכנסות. דאָס ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע־װערק איז אַרײַן אין אַ נײעם עטאַפּ פון זײַן אַנטװיקלונג.

די פאַרענדיקונג פון דער קאָנסאָלידירונגס־אַקציע אין די אַלטע ישובים

צו דעם צושטאַנד האָט נישט װײניק צוגעהאָלפן דער פאַקט, אַז אין די דרײַסיקע יאָרן איז סוף־סוף פאַרענדיקט געװאָרן די, צוריק מיט צען יאָר אָנגעהױבענע קאָנסאָלידירונגס־אַקציע, ד. ה. מ'האָט די משקים אָנגעהױבן אױסצאָלן דעם רעשט פון די הלואות, װאָס איז זײ לױטן קאָלאָניזאַציע־שליסל געקומען.

די פאַרזעצונג פון דער קאָנסאָלידירונגס־אַקציע האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגעטראָפן אױף כסדר װאַקסנדיקע שװעריקײטן, אַלס פּועל־יוצא פון דעם װאָס די קרן־היסוד הכנסות זײַנען געפאַלן; אָבער צוליב דעם, װאָס ס'איז אוממעגלעך געװען אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ צו פאַרקלענערן די הוצאות, זײַנען כסדר געװאַקסן די חובות, און די אָפּצאָלונגען אױפן חשבון פון די פּראָצענטער און קרן פון די הלואות, װאָס זײַנען אױף דאָס רוב געװען קורץ־טערמיניקע, האָבן אײַנגעשלונגען דעם גרעסטן טײל פון די הכנסות. און אָט האָט די סוכנות אין 1934 באַקומען אױפן לאָנדאָנער געלט־מאַרק אַ לאַנג־טערמיניקע הלואה אין אַ סכום פון 500.000 פונט אױף לײַכטע באַדינגונגען. שױן דער פאַקט אַלײן פון באַקומען אַזאַ הלואה אױף 4%, װאָס װערט געגעבן נאָר גרױסע און זיכערע מדינות, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ חשובע דערגרײכונג אין דער געשיכטע פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע; דאָס א"י־דיקע אױפבױ־װערק, זײַן פינאַנסיר־ער טרעגער (קרן היסוד) און זײַן לײַטונג זײַנען דערמיט אָנערקענט געװאָרן אַלס קרעדיט־פעאיקע אינסטיטוציעס. אין דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקײט האָט די הלואה געבראַכט צו װײטגײענדיקע רעזולטאַטן: ס'איז געגעבן געװאָרן אַ מעגלעכקײט צו ליקװידירן די קורץ־טערמיניקע חובות אָדער זײ צו פאַרװאַנדלען אין לאַנג־טערמיניקע מיט גינסטיקע אָפּצאָלונגס־באַדינגונגען. גלײַכצײַטיק האָט דער קרן היסוד אָדער די ייִדישע אַגענץ באַקומען די מיטלען צו פאַרענדיקן דעם אױסבױ פון די ישובים. אין משך פון תרצ"ה (1934 — 1935) זײַנען אין אַלע קרן־היסוד־פּונקטן אױפגעבױט געװאָרן די פעלנדיקע אָבער דרינגענדע בנינים און ס'איז דערװאָרבן געװאָרן דער רעשט אינװענטאַר.

דער יסוד פאַר דער הלואה איז געװען דאָס, װאָס די אױסצאָלונג

פון די פראַצענטער איז גאַראַנטירט געוואָרן דורך די קאָנטראַקטן צווישן דעם קרן היסוד און די מתישבים. לויט די דאָזיקע קאָנטראַקטן זיינען די מתישבים פאַרפליכטעט אויסצוצאָלן יאָר־יערלעך אַ חלק פון דעם חוב צוזאַמען מיטן פראַצענט פון די געלטער, וואָס דער קרן היסוד האָט פאַרווענדעט אויף זייער אויפבוי. אָט די קאָנטראַקטן האָבן אַ לאַנגע געשיכטע. פון אָנהייב אָן איז ביידע צדדים — סיי די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס און סיי די אַרבעטער, וואָס זיינען תמיד געווען קעגן די אונטערשטיצונגס־מעטאָדן — קלאָר געווען, אַז די געלטער וואָס ווערן אינוועסטירט דורכן קרן היסוד טראָגן אַ כאַראַקטער פון הלוואות, דאָס הייסט, אַז זיי דאַרפן ראַטנווייז אָפּגעצאָלט ווערן צוזאַמען מיטן פראַצענט. אָבער ס'איז שווער געווען פעסטצושטעלן די גענויע באַדינגונגען און פאָדערן די אָפּצאָלונגען, כל זמן די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס האָבן פון זייער זייט נישט דערפילט בשלמות די פאַרפליכטונגען, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען לגבי די מתישבים, צוליב וואָס די מתישבים האָבן נישט געקאָנט פאַרפעסטיקן זייערע ווירטשאַפטן. נישט באַקומענדיק די הלוואות וואָס זיינען זיי צוגעזאָגט געוואָרן, האָבן זיי ממילא נישט געקאָנט דערגרייכן צו דער מדרגה פון רענטאַביליטעט. און טראָץ דעם האָט מען זינט 1923 פון מאָל צו מאָל אויף דאָס ניי געפּרוווט צו דערגיין צו אַ הסכם מיט די מתישבים און זיי צוגעוויינען — ווען אַפילו פון אָנהויב נאָר צוליב עטיש־דערציערישע מאָטיוון — צו באַטראַכטן די דאָזיקע אינוועסטיציעס אַלס אַ חוב וואָס דאַרף אָפּגעצאָלט ווערן.

ערשט אין יאָר 1931 איז געמאַכט געוואָרן אַ הסכם מיט דער הסתדרות הפועלים החקלאיים (אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער) וועגן נוסח פון דעם קאָנטראַקט, און אין משך פון די קומענדיקע יאָרן זיינען מיטן רוב ישובים אָפּגעשלאָסן געוואָרן די קאָנטראַקטן. אין יאָר 1934, ווען די אויסזיכטן, אַז דער קרן היסוד זאָל באַקומען די אויבנדערמאָנטע הלוואה האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ממשותדיק, איז קלאָר געוואָרן, אַז אייניקע פונקטן אין קאָנטראַקט דאַרפן געענדערט ווערן, כדי ס'זאָלן געשאַפן ווערן מער גערזיכערטע באַדינגונגען פאַרן אָפּצאָל פון דעם קרן מיטן פראַצענט. לויטן נייעם נוסח, וואָס איז געחתמעט געוואָרן דורך אַלע קבוצים, קבוצות און מושבי עובדים האָבן שוין אין אָקטאָבער 1936 געדאַרפט אויספאָלן די ערשטע אָפּצאָלונגען אויפן חשבון פון דעם קרן. דער אָפּצאָל פון דעם פראַצענט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף 2% אין די געגנטן פון דער געמישטער ווירטשאַפט און 4% אין דעם

פלאַנטאַציע־געביט, האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן אין אויגוסט 1944. דער גאַנצער חוב מיטן פּראָצענט האָבן געדאַרפט אויסגעצאָלט ווערן במשך פון 40 יאָר (אין דעם פּלאַנטאַציע־געביט — 20 יאָר).

אויפן סמך פון דעם הסכם דאַרף דער קרן היסוד צוריק באַקומען פון די ישובים 65% פון די אינוועסטירטע סומען, די איבריקע 35% וועלן פאַררעכנט ווערן אויפן חשבון פון די עפנטלעכע הוצאות פון דער קאָלאָניזאַציע. אויב מ׳וועט נעמען אין באַטראַכט, אַז אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן זיינען די קאָלאָניזאַציע־הוצאות געוועזן זייער הויך און אַז די ישובים האָבן געליטן גרויסע שאָדנס צוליב דעם, וואָס די הלוואות זיינען געגעבן געוואָרן מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג און נישט פּינקטלעך, דאַן באַטייט דער דאָזיקער חשבון אַ נישט־שלעכטן רעזולטאַט, איבערהויפּט וואָס אויך אין אַנדערע לענדער פאַררעכנט מען בערך 35% אויף עפנטלעכע צוועקן. אַ חוץ דעם צאָלן די קאָלאָניסטן דעם קרן קיימת פּאַכט־צינז פאַרן באָדן, וואָס איז זיי איבערגעבן געוואָרן צום באַאַרבעטן.

דאָס נייע קאָלאָניזאַציע־ווערק

מיט דער פאַרענדיקונג פון דעם ביזאיצטיקן קאָלאָניזאַציע־ווערק האָט די סוכנות און דער קרן־היסוד געקאָנט, זינט יאָר 1935, זיך ווידמען נייע קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבן. אין די יאָרן, אין וועלכע דער קרן היסוד איז געווען באַשעפטיקט מיט דער קאָנסאָלידאַציע פון די ישובים וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן זינט 1921, איז די אויסברייטערונג פון דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. צווישן די טויזנטער אַרבעטער פון די פּלאַנצונגס־קאָלאָניעס האָט זיך פון יאָר צו יאָר געשטאַרקט דער ווילן אַריבערצוגיין פון לוין־אַרבעט צו אייגענע זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפטן. אייניקע קבוצישע אַרבעטער־מחנות האָבן זיך באַמיט צו פאַרברייטערן זייערע געהילפס־ווירטשאַפטן, וואָס זיינען איינגעריכטעט געוואָרן אויף דעם באָדן פון קק״ל מיט דער הילף פון קרן היסוד הלוואות, און זיי פאַרוואַנדלען אין נאָרמאַלע משקים. אַזוי, למשל, זיינען אַנטשטאַנען די קבוצים און קבוצות: גבעת השלושה ביי פּתח־תקוה, גן־שלמה (קבוצת שילר) און גבעת ברנר ביי רחובות, ווי אויך די תימנישע ישובים (אַלס מושבי עובדים) שעריים און כפר מרמורק ביי רחובות. אַנדערע גרופּן האָבן ממש אויף אַ העלדישן אופן אָפּגעשפּאָרט געלטער פון זייערע נישטיקע הכנסות און האָבן אַ טייל פון זיי געשטעלט אין רשות פון דעם קק״ל אויפן חשבון פון דעם צוקונפטיקן פּאַכטצינז, כדי אים צו דערמעגלעכן צו דער־ווערבן פאַר זיי באָדן אין דעם פּלאַנצונגס־געביט. זיי האָבן גלייכצייטיק

אָנגעהויבן מכשיר צו זיין דעם באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן זיך געדאַרפט באַזעצן. די קאָלאָניזאַציע האָבן זיי געקלערט צו פאַרווירקלעכן אויף דעם אופן אַז אין דער ערשטער צייט וועלן די אַרבעטער נאָך דאַרפן 4 יאָר ציען זייער חיונה פון לוין־אַרבעט און נאָר אין זייער פרייער צייט וועלן זיי באַשעפטיקט זיין ביים אויפשטעלן זייערע ווירטשאַפטן, וואָס וועלן זיך אין פאַרלויף פון דער צייט אַנטוויקלען ביז זיי וועלן קענען מפרנס זיין זייערע אייגנטימער.

אין זומער 1927 האָט דער מרכז חקלאי באַשלאָסן צו גיין אויף דעם דערמאָנטן וועג און דורך אַ מאָביליזאַציע פון מיטלען פון אַנדערע קוועלן אַ חוץ דעם קרן היסוד — צו באַזעצן 1000 אַרבעטער־משפחות אין דעם פלאַנצונגס־געביט („התישבות האלף”). די אַנשטרענגונגען און באַמיונגען וואָס זיינען זינט דעמאָלט געמאַכט געוואָרן האָבן דערפירט דערצו, אַז אין 1932 זיינען אַ דאַנק דער צוזאַמענאַרבעט פון פאַרשידענע פאַקטאָרן פאַרזיכערט געוואָרן הלוואות פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון נישט־ווייניקער ווי 400 אַרבעטער־משפחות. נאָר אַ טייל פון זיי האָט געדאַרפט תיכף און פולשטענדיק קאָלאָניזירט ווערן (אין די מושבי עובדים: צופית, נטעים און כפר בילו), די איבריקע משפחות האָבן פון אָנהויב בלויז באַקומען אויסשטאַטונג פאַר גרויסע געהילפס־ווירטשאַפטן מיטן ציל זיי בהדרגהדיק אויסצובויען און פאַרוואַנדלען אין נאָרמאַלע משקים (די מושבי עובדים: רשפון, גבעת ח"ן, ארגון מגדיאל, בהדרגה און גבתון).

דערמיט איז פאַרזיכערט געוואָרן בלויז אַ קלענער טייל פון די פיל קאָלאָניזאַציע־אָנהויבן, וואָס זיינען מיט גרויס מי געמאַכט געוואָרן אין אַלע ווינקלען פון דעם פלאַנצונגס־געביט. שווער איז געווען די לאַגע פון די מענטשן פון די דאָזיקע ישובים. צוליב דעם וואָס די אַרבעטער האָבן נישט באַקומען קיין הלוואות פאַר זייער קאָלאָניזאַציע, האָט מען פאַר זיי געשאַפן קורץ־און מיטל־טערמיניקע הלוואות ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און קודם־כל אין בנק הפועלים (אַרבעטער־באַנק), אין דער קאָלאָניזאַציע־גזעלשאַפט פון דער הסתדרות „ניר”, ווי אויך אין פריוואַטע קרעדיט־אינסטיטוציעס; אָבער די פאַרפליכטונגען, וואָס זיי האָבן אויף זיך צוליב דעם גענומען האָבן איינגעשלונגען די הכנסות פון דער ווירטשאַפט, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרלייכטערן זייער שווערע לאַגע. מען מוז אָנערקענען, אַז זיי האָבן געבויט זייערע ישובים מיט גרויס גבורה. יעדנפאַלס איז זי נישט געווען קלענער פון דער העלדישקייט פון די דעראָבערער פון עמק יזרעאל, און גרעסער פון איר איז געווען דער פאַרנעם פון דעם נייעם ווערק. אין אַלע טיילן פון לאַנד, פון דעם נידער־לאַנד אין דרום ביז צום עמק זבולון אין צפון, אין עמק הירדן און אין עמק

יזרעאל זיינען אַנטשטאַנען נייע ישובים, זיינען מענטשן אַרויף אויף אַ וויסטן באָדן אין אים פאַרוואַנדלט אין אַ פּרוכטבאַר לאַנד. פון די דאָזיקע פּונקטן דאַרפן דערמאָנט ווערן: אין יהודה, השרון און שומרון די מושבי־עובדים: כפר אז״ר (צום אָנדענק פון דעם שריפטשטעלער אלכסנדר זיסקינד רבינוביץ), עין ורד, חרות, כפר הס (משה העס), גן חיים (אַרלאָזאָראָוו), עין עירון, כפר פינס (יחיאל מיכל פּינעס), כפר יעבץ, כפר בצרון, ארגון הרצליה, כפר אברהם. די קבוצים און קבוצות: עין שמר, גבעת ברנר, נען, שפיים, משמרות א. אַ. אין עמק זבולון, עמק יזרעאל און עמק הירדן די קבוצות און קבוצים: רמת יוחנן (לכבוד דעם גענעראַל סמאַטס), כפר החורש, שער העמקים און אפיקים.

די קאָלאָניזאַציע אין עמק חפר

דער וויכטיקסטער אויפטו איז אין די דאָזיקע יאָרן געטאָן געוואָרן אין דער נייער קאָלאָניזאַציע־געגנט אין עמק חפר (ואדי חאווארית).

אין יאָר 1931, ווען דער קק״ל איז ענדגילטיק געריכטלעך אָנערקענט געוואָרן אַלס דער אייגנטימער פון דעם דאָזיקן באָדן־שטח, האָט ער צוזאַמען מיט דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ אויסגעאַרבעט אַ קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, לויט וועלכן ס׳איז פון פאָרויס פעסטגעשטעלט געוואָרן די באָדן־פאַרטיילונג צווישן די קאָלאָניזאַציע־קאַנדידאַטן פון אַלע קרייזן פון דעם ישוב. די פּלאַנמעסיקייט, לויט וועלכער מ׳האָט אָנגעהויבן די קאָלאָניזירונג פון עמק חפר, איז אַ באַשטעטיקונג פון דער גרויסער אַנטוויקלונג וואָס די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט האָט דורכגעמאַכט אין משך פון די יאָרן, זינט דער באַזעצונג פון עמק יזרעאל און ביז די צייטן פון דער פינפטער עליה.

אין יענער צייט האָט מען נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן געוווּסט, וואָס צו טון מיט דער ערד, וועלכע דאַרף קאָלאָניזירט ווערן, און די אמתע פּלענער האָבן זיך ערשט בשעת דער אַרבעט אויסקריסטאַליזירט. פון די פאַרזוכן און אַרבעטן פון דער פּלאַנירונגס־קאָמיסיע און פון דער עקספּערימענטאַל־סטאַנציע האָט מען געלערנט, וויפיל באָדן ס׳איז נויטיק אין יעדער געגענט פאַר דער דערנערונג פון אַ משפּחה, און אַ דאַנק דעם האָט מען אויף אַ מער־וויניקער באַפרידיקנדיקן אופן איינגעטיילט דעם באָדן צווישן די קאָלאָניזאַציע־קאַנדידאַטן. פון דעם אַלגעמיינעם שטח פון עמק חפר — 30.800 דונאַם, זיינען נאָכן אָפּרעכנען פון דעם זאַמדיקן באָדן, די וועגן און באַשטימטע רעזערוון — געבליבן 24.500 דונאַם. צוליב דעם וואָס דעם באָדן האָט מען געקענט באַוואַסערן — האָט מען זיך געקאָנט באַנוגענען מיט אַ באָדן־איינהייט

פון נאָר 17 דונאָם פאַר אַ משפּחה (אַנשטאָט 100—120 דונאָם פון נישט־באַוואַסערטן באָדן) און דורך דעם דערמעגלעכן די גרינדונג פון 24 ישובים מיט געמישטער ווירטשאַפט: 12 ישובים (573 לאַנדווירטשאַפטלעכע משפחות) פאַרן מיטלשטאַנד, פון וועלכע אַ טייל איז נאָך געווען אין חוץ־לארץ, 8 ישובים (487 משפחות) — פאַר הסתדרות־חברים, 4 ישובים (260 משפחות) — פאַר אַרבעטער, וואָס האָבן אָנגעהערט צו אַנדערע אָרגאַני־זאַציעס. אין אויפבוי פון דער דאָזיקער געגנט האָבן אַזוי אַרום זיך באַטייליקט אַלע פאָלקס־שיכטן און יידן פון אַלע לענדער, — אַ „קבוץ גלויות" אין פולן זין פון וואָרט.

פון באַזונדערער חשיבות איז געווען דער פאַקט, וואָס ס'איז צוגעטיילט געוואָרן באָדן פאַר עטלעכע מיטלשטאַנדס־גרופּן בתנאי, אַז די יעניקע פון צווישן זיי וואָס וועלן נישט קענען גלייך פּערזענלעך אַרויף אויפן באָדן וועלן דאַרפן באַפולמעכטיקן אַ פלאַנצונגס־געזעלשאַפט זי זאָל אים פאַר זיי מכשיר מאַכן. די קאַנדידאַטן וועלן קענען בלייבן ביי זייער ביזאַיצטיקער באַשעפטיקונג ביז די פלאַנצונגען וועלן אָנהויבן צו געבן פּרוכט און דאָס וועט זיי דערמעגלעכן צו פינאַנסירן דעם אויפבוי פון זייערע ווירטשאַפטן. מיט די הכשרה־אַרבעטן האָט זיך בעיקר פאַרנומען דער משרד קבלני פון דער הסתדרות. די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען באַשעפטיקט ביי די דאָזיקע אַרבעטן ווי אויך ביי די דרענאַזש־אַרבעטן מטעם דעם קק"ל און וואָס זיינען אַליין געווען קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָני־זאַציע, האָבן אַ דאַנק דער באַשעפטיקונג באַקומען אַ הכנסה־מקור, וואָס האָט זיי דערמעגלעכט צוצוטרעטן צו דער גרינדונג פון זייערע משקים. און אַזוי זיינען אין משך פון 3 יאָרן מיט אייגענע כוחות פון די קאָלאָניסטן אויסגעבויט געוואָרן אַ טוץ נייע ישובים, וואָס האָבן אַדורכגעמאַכט אַ שווערע צייט ביז דער קרן היסוד האָט צו זייער רשות געשטעלט די אַנטשפּרעכנדיקע הלוואות פאַר דער אויסברייטערונג און באַפעסטיקונג פון די משקים.

פון די דאָזיקע ישובים דאַרפן דערמאָנט ווערן: די מושבי עובדים כ פ ר ו י ת ק י ן מיט 170 משפחות, דער גרעסטער מושב עובדים אין לאַנד; כ פ ר א ב י ח י ל מיט 100 משפחות, פון די געוועזענע חברים פון דעם יידישן לעגיאָן; כ פ ר ח י י ם מיט 80 משפחות, אויפן נאָמען פון חיים ארלאָזאָראָוו (די קאָלאָניסטן זיינען אַרויף אויפן באָדן דעם 17־טן יוני 1933, אין טאָג ווען אַרלאָזאָראָוו איז דערמאָרדעט געוואָרן); די מושבים פון „הפועל המזרחי" (כ פ ר ה ר ו א ה) און פון די תימנים (א ל י ש י ב); כ פ ר ב ר אַ נ ד י י ס אין דרום־זייט פון חדרה, וואָס איז פאַרברייטערט און פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ שכונה מיט געהילפס־

ווירטשאַפטן צו אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב. פון די קבוצות און קבוצים דאַרפן דערמאָנט ווערן: מ ש מ ר ה ש ר ו ן (אַ קבוצה פון „גורדוניה״), צוויי קבוצים פון „השומר הצעיר״: מ ע ב ר ו ת און ע י ן ה ח ו ר ש, ווי אויך ג ב ע ת ח י י ם (אויך אויפן נאָמען פון ח. ארלאָזאָראָוו), וואָס געהערט צום קבוץ מאוחד. צו די דאָזיקע פונקטן איז אין 1934 צוגעקומען דער מושב פון די יונגע עולים פון דייטשלאַנד — כ פ ר י ד י ד י ה — וואָס האָט זיינע מיטלען באַקומען פון דער געלט־זאַמלונג פון די מצרישע יידן און איז צוליב דעם אַנגערופן אויפן נאָמען פון דעם באַרימטן מצריש־יידישן פילאָזאָף פילון (ידידיה האלכסנדרוני).

אין 1935, נאָך דעם ווי ס׳זיינען מיט דער הילף פון דער אויבן־דערמאָנטער הלואה אויסגעצאָלט געוואָרן די קורץ־טערמיניקע חובות פון קרן היסוד און ס׳האָט זיך פאַרענדיקט די קאָנסאָלידירונגס־אַקציע פון די אַלטע משקים, האָט זיך דער קרן היסוד געקאָנט באַפרייען פאַר זיין נייער אויפגאַבע. דאָס איז געווען אַן אויפטו אין ריכטיקן מאָמענט. ס׳קען זיין, אַז ווען מ׳זאָל געווען דאַרפן לענגער וואַרטן, וואָלט אַ גרויסער טייל פון דעם נייעם קאָלאָניזיר־ווערק וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די אייגענע כוחות פון די קאָלאָניסטן — צום גרונט געגאַנגען. איצט האָט דער 19־טער ציוניסטישער קאָנגרעס באַשלאָסן צו געבן אין פאַרלויף פון די קומענדיקע יאָרן הלואות פאַר 2,300 קאָלאָניסטן־משפחות אין 57 ישובים. די דאָזיקע טעטיקייט איז תיכף אָנגעהויבן געוואָרן.

פונקט ווי אין אויפבוי פון די ווירטשאַפטן, אַזוי האָט מען אויך לגבי זייער פינאַנסירונג געלערנט פון די דערפאַרונגען פון די פאַרגאַנגענע 15 יאָר. אויב אין 1926 האָט מען באַשלאָסן מיט אַ מאָל צו פינאַנסירן אַ סך ישובים און צוליב דעם זיי פאַמעלעך צו אַנטוויקלען, איז איצט באַשלאָסן געוואָרן יאָר־יערלעך גלייך צו באַפעסטיקן אַ געוויסע צאָל פונקטן, אַנטשפרעכנד צו די געלט־מיטלען, וואָס וועלן שטיין צו דער דיספּאָזיציע. אָבער גלייכצייטיק דאַרף זיי ווי אַמשנעלסטן געגעבן ווערן די פולע הלואה פאַר די קאָלאָניזאַציע־צוועקן. אַזוי ווי די איצטיקע קאָלאָניסטן האָבן, אין קעגנזאַץ צו זייערע חברים פון דער פריערדיקער תקופה, שוין אינוועסטירט היפּשע סומען פון אייגענע מקורות — איז שוין נישט נויטיק געווען אין דעם נייעם קאָלאָניזאַציע־ווערק צו דעקן אַלע הוצאות פון נאַציאָנאַלע קוואַלן, און ס׳איז דערפאַר מעגלעך געווען די קאָלאָניזאַציע־געלטער צו פאַרווענדן פאַר באַשטימטע צוועקן (געביידעס, פלאַנצונגען, קויפן בהמות א. אַ. וו.).

די גרעסערע קלאָרקייט און ווירטשאַפטלעכקייט אין דער פינאַנסירונג האָבן געפונען זייער אויסדרוק אויך אין אַנדערן אופן.

שוין אין די ערשטע נאָך־מלחמהדיקע אויפבוי־פּלענער האָבן רופּין און די אַמעריקאַנער ציוניסטן געפאָדערט אויסצופירן די אויפבוי־אַרבעטן פון דער ציוניסטשער אָרגאַניזאַציע דורך דער פאַרמיטלונג פון באַזונדערע געזעלשאַפטן. די דאָזיקע פאָדערונג איז שווער געווען צו דערפילן כל זמן ס׳האָט געפעלט אַ גענוגנדע דערפאַרונג אין אויפבוי פון לאַנדווירטשאַפט־לעכע ישובים אין ארץ־ישראל און כל זמן אַ טייל פון די ישובים זיינען אין זייער אַנטוויקלונג נישט דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז זיי זאָלן זיך קענען אַליין אויסהאַלטן און אָפּצאָלן דעם קרן מיטן פּראָצענט פון די געלטער, וואָס זיינען אין זיי אינוועסטירט געוואָרן. איצט איז דאָס דערגרייכט געוואָרן. ס׳איז דערמעגלעכט געוואָרן אין 1935 צו גרינדן אַ קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט אונטערן נאָמען „די ארץ־ישראלדיקע געזעלשאַפט פאַר לאַנדווירטשאַפט״ (פאז״א). אירע אַקציעס זיינען אויסגעקויפט געוואָרן דורכן קרן היסוד, ז׳ האָט פאַמעלעך פאַרגרעסערט זייער צאָל און גלייכצייטיק מאָביליזירט פּריוואַט־קאַפּיטאַל דורכן אַרויסלאָזן אָבליגאַציעס פאַר דער פינאַנסירונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. דער דאָזיקער געזעלשאַפט איז איבערגעגעבן געוואָרן די פינאַנסירונג פון דעם טייל קאָלאָניזאַציע־אויפגאַבן, וועמענס רענטאַביליטעט אונטערליגט נישט קיין שום ספק. אַ דאַנק דער צוזאַמענאַרבעט פון די ציוניסטישע פאָנדן און דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט פון דער הסתדרות „ניר״, זיינען געגרינדעט געוואָרן אייניקע וואַסער־געזעלשאַפטן און אין יאָר 1935 — די געזעלשאַפט „ביצור״, פאַר דער פינאַנסירונג פון די עפנטלעכע אַרבעטן, צוזאַמען מיטן קרן היסוד און דעם „פאָנד פאַר אַרבעטסלאָזיקייט״ פון דער הסתדרות. כדי צו קאָלאָניזירן מענטשן פון מיטלשטאַנד און באַזונדערס די עולים פון דייטשלאַנד איז דורך דער „צענטראַלער אָפּטיילונג פאַר קאָלאָניזאַציע פון די דייטשע יידן״ געגרינדעט געוואָרן די געזעלשאַפט „ראסקו״.

די קאָלאָניזאַציע פון די דייטשע עולים

דאָס דאָזיקע קאָלאָניזאַציע־ווערק וואָס איז געוואָקסן און כסדר פאַרברייטערט געוואָרן האָט געקאָנט, מער ווי דאָס איז מעגלעך געווען אין די יאָרן 1924 — 1926, אויפנעמען די נייע עולים פון דער פינפטער עליה, אויך ווי ווייט זיי האָבן זיך געווענדעט צום דאָרף. צווישן זיי האָבן זיך זינט 1933 באַזונדערס אויסגעצייכנט די עולים פון דייטשלאַנד, סיי לויט זייער צאָל און סיי לויטן אופן פון זייער קאָלאָניזירונג.

אין אָנהויב האָבן די עקזיסטירנדיקע ישובים דערפילט אַ חשובע ראָל ביים אויסשולן לאַנדווירטשאַפטלעך נישט־דערפאַרענע עולים.

פיל פון די נייע עולים זיינען אויפגענומען געוואָרן אין די עקזיס־טירנדיקע ישובים אַלס גלייכבאַרעכטיקטע חברים. באַזונדערס האָבן די גרויסע קבוצים אַנטפּלעקט אַן אויסברייטערונגס־כוח און אַ גרויסע מאָס פון אויפנאַמע לגבי די יונגע אַרבעטער־עולים — אַ סך מער ווי ס'איז געווען פאָרויסצוזען. די משקים פון דעם „קבוץ מאוחד", ווי עין־חרוד, יגור, גשר, אשדות יעקב, גבעת ברנר, אפיקים און דער קבוץ נען האָבן אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט פילפאַכיק פאַרגרעסערט זייער צאָל־חברים. די דאָזיקע אויפנאַמס־מעגלעכקייטן זיינען דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דער גוטער קאָניונקטור וואָס האָט יאָרנלאַנג עקזיסטירט אין די אויסן־אַרבעטן, אין די פּרדסים און אין די שטעט, און פון דער צווייטער זייט — אַ דאַנק די הלוואות פאַר געביידעס, געצעלטן און דער פאַרגרעסערונג פון דער ווירטשאַפט, וואָס זיי האָבן צו דעם צוועק באַקומען פון דער „קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פאַר די יידן פון דייטשלאַנד".

צוליב מאַנגל אין דערפאַרונג איז די קאָלאָניזירונג פון די מיטל־שטאַנדס־קאַנדידאַטן מיט באַשרענקטע מיטלען געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. פון די עקזיסטירנדיקע פּונקטן זיינען פאַר זיי אין באַטראַכט געקומען נאָר די, וואָס זיינען געווען געבויט אויף אינדיווידועלע יסודות. אַ גרויסע צאָל עולים פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע איז מיט דער הילף פון דער „דייטשער אָפּטיילונג" איינגעאָרדנט געוואָרן אין די מושבי עובדים. אויך אַנדערע קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס זיינען זיי ביי דעם באַהילפיק געווען.

גלייכצייטיק זיינען אַנטשטאַנען — טיילווייז אַדאַנק דער איניציאַטיוו און על פי רוב מיט דער אונטערשטיצונג פון דער „קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פאַר די דייטשע יידן" — איינציקע ישובים פון יידישן מיטלשטאַנד פון דייטשלאַנד: אויף קק"ל באָדן — קרית ביאליק אין עמק זבולון, כפר ידידיה אין עמק חפר, כפר מימוני (20 הילפס־ווירטשאַפטן וואָס זיינען אַנגעשלאָסן אין אַרבעטער־פּונקט כפר סירקין) און די ישובים פון „ראסקו": כפר שמריהו (ביי הרצליה), שדה ורבורג ובית יצחק אין עמק השרון, גן שומרון ביי כרכור, רמות השבים און רמת הדר ביי פתח תקוה און נהריה ביי עכו. דורך דער גרינדונג פון די דאָזיקע ישובים פון מיטל־שטאַנד, די ערשטע ישובים פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, וואָס זיינען געבויט אויפן באַזיס פון געמישטער ווירטשאַפט, האָבן די עולים פון דייטשלאַנד אויפגעטון אַ וויכטיקע חלוצישע אַרבעט. באַזונדערס זיינען ראוי דערמאָנט צו ווערן צוויי ישובים: רמות השבים און נהריה. דאָס זיינען געווען די ערשטע פּרוּוון אויסצובויען אויף זייער קליינע ערד־

שטחים (פון 4 ביז 7 דונאַם)ווירטשאַפטן מיט אַ מאַקסימאַלסטער אינטענסיוויקייט — אַ ווירטשאַפטס־פאָרם, פאַר וועלכער ס'האָבן זינט 1920 געקעמפט ז. סאָסקין און ד. טריטש, וועלכע איז אָבער ביז די דרייסיקער יאָרן נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די עולים פון דייטשלאַנד האָבן געוואָגט צו מאַכן אַ גרויסן שריט צו איר רעאַליזירונג. אויב אַפילו ס'איז נאָך שווער אַרויסצוגעבן אַ דעפיניטיווע מיינונג איבער דער דאָזיקער נייער פאָרם, קען מען אַלנפאַלס באַהויפּטן, אַז די האָפנונגען אויף דערפאָלג זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען באַרעכטיקט.

די דאָזיקע שטילע אַנטוויקלונג, וואָס איז נאָך געווען אין אָנהויב, איז פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן.

די תרצ״ו־געשעענישן און די נייע קאָלאָניזאַציע
(1939—1936)

אין סוף 1935 האָט דאָס יידישע ווירטשאַפטלעכע לעבן אַרויסגעוויזן סמנים פון דערשיטערונג, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך אַן עקאָנאָמישער קריזיס. איינע פון די סיבות פון דער דאָזיקער דערשי־טערונג איז געווען דער אָנפאַל פון איטאַליע אויף אַביסיניע און די שפּאַנונג וואָס איז צוליב דעם אַנטשטאַנען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק; אָבער צום קריזיס אין ארץ־ישׂראל האָבן אויך גורם געווען אַנדערע דער־שיינונגען, וואָס האָבן זייער מקור אין די שוואַכע זייטן פון דער יידישער ווירטשאַפט אין לאַנד גופא. די באָדן־ספּעקולאַציע און די שנעלע אַנטוויק־לונג פון די שטעט — אַ רעזולטאַט פון דער מאַסן־עליה פון די פריערדיקע יאָרן — האָבן געבראַכט צו אינוועסטיציעס אויפן יסוד פון צווייפלהאַפטע אויסרעכנונגען, און די לעצטע האָבן אַרויסגערופן אַ צושטאַנד פון אומ־זיכערקייט אין דער גאַנצער שטאָטישער ווירטשאַפט. נאָך דעם ווי דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן האָט פּאַמעלעך ווידער אָנגעהויבן אויפצולעבן און זיך צו באַפרייען פון דעם קריזיס, האָבן אין פרילינג 1936 — אויך נישט אָן אַ השפּעה פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער לאַגע — אויסגעב־ראָכן בלוטיקע אומרוען מצד די אַראַבער, וואָס האָבן זיך, צוליב דער אומאַנטשלאָסענער האַלטונג פון דער מאַנדאַט־רעגירונג, וואָס אַ מאָל מער געשטאַרקט ביז זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויפשטאַנד אין פולן זין פון וואָרט. די דאָזיקע מהומות האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט די שפּאַ־נונג אין ווירטשאַפטלעכן לעבן און האָבן געבראַכט צו אַ ממשותדיקן קריזיס, צו וועלכן ס׳האָט זיך אָנגעשלאָסן אַ פּאָליטישע אויפרודערונג, וואָס האָט באַדראָט דעם קיום פון דער נאַציאָנאַלער היים.

די בלוטיקע געשעענישן

דער מקור און ציל פון די בלוטיקע געשעענישן 1936 — 1939 זיינען ענלעך צו די, וואָס אין די יאָרן 1921 און 1929. דער אונטערשיד צווישן זיי איז באַשטאַנען אין דער לענג פון דער צייט און אין זייער אָרגאַניזירונג. אין 1929 האָבן די מהומות געדויערט נאָר געציילטע טעג, און דאַקעגן אין

1936 איז דער ישוב אין משך פון 6 חדשים — פון אַפּריל ביז אָקטאָבער — בייטאָג און ביינאַכט — אומאויפהערלעך אָנגעגריפן געוואָרן. פון נאָוועמבער 1936 ביז פרילינג 1937 האָט געהערשט רעלאַטיוו רו. ס'איז געקומען די „קעניגלעכע קאָמיסיע" אין ארץ־ישראל, כדי אויסצופאָרשן די סבות פון די געשעענישן, זי האָט צוגעגרייט איר דין־וחשבון און די רעגירונג האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן פעלקער־בונד, יידן און אַראַבער וועגן דער לייזונג פון דער ארץ־ישראל־פראַגע. אין פרילינג 1937 האָבן זיך די מהומות פון דאָס ניי צעפלאַקערט און האָבן אַ מאָל אין אַ שטאַרקערער און אַ מאָל אין אַ שוואַכערער פאָרם געדויערט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין זומער 1939.

די פּאָליטישע פאָלגן פון די געשעענישן

שווער און זייער מסוכנדיק זיינען געווען די פּאָליטישע פאָלגן פון די בלוטיקע געשעענישן. זיי זיינען אויסגעבראָכן אין דער צייט, ווען אַ געפאַר פון אַ נייער וועלט־מלחמה האָט זיך אַלע מאָל מער דערנענטערט. אין דער תקופה פון „איבערבעטונג" און „מינכן" האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע אָנפירער פון דער ענגלישער פּאָליטיק געהאָפּט צו לייזן אַלע פּאָליטישע פראַגן דורך קאָמפּראָמיסן אויפן חשבון פון דעם שוואַכן און אַטאַקירטן צד; אַזוי האָבן זיי געהאַנדלט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און דעסגלייכן אין דער פראַגע פון ארץ־ישראל; אין דעם זין איז אויך צוגעגרייט געוואָרן דער דין־וחשבון פון דער „קעניגלעכער קאָמיסיע". ווי באַקאַנט האָט די דאָזיקע קאָמיסיע (די „פּ י ל ־ ק אָ מ י ס י ע": אויפן נאָמען פון איר פאָרזיצער) פאָרגעשלאָגן אייננצוטיילן ארץ־ישראל אין דריי טיילן: אַ י י ד י ש ע מ ד י נ ה, וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען דעם ים־ברעג, עמק יזרעאל און דעם גליל; אַן אַ ר אַ ב י ש ע מ ד י נ ה — דעם מזרח־טייל פון מערב־ארץ־ישראל מיט דער שטאָט יפו, און אַ „ק אָ ר י ־ ד אָ ר" פון ירושלים ביז יפו, וואָס זאָל בלייבן אַ מאַנדאַט־טעריטאָריע. די ענגלישע רעגירונג האָט מסכים געווען צו די פאָרשלאָגן און האָט פאַרשפּראָכן זיי מקיים צו זיין. דער צוואַנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס דאַקעגן האָט אָפּגעוואָרפן דעם „חלוקה־פּלאַן" אין זיין פאָרגעשלאָגענער פאָרם, אָבער האָבנדיק פאַר זיינע אויגן די דערנענטערנדיקע זיך מלחמה און די נויטווענדיקייט צו ראַטעווען דאָס אייראָפּעאישע יידנטום פון אונטערגאַנג, האָט ער באַפולמעכטיקט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער ענגלישער רעגירונג כדי אויפצוקלערן דעם גענויען אינהאַלט פון דעם פאָרשלאָג פון דער ענגלישער רעגירונג צו גרינדן אַ יידישע מדינה אין ארץ־ישראל. אין די דאָזיקע פאַרהאַנד־

לונגען — ווערט געזאָגט אין באַשלוס — טאָר זיך די עקזעקוטיווע אַליין נישט פאַרפליכטן צו קיין שום זאַך און טאָר אויך נישט פאַרפליכטן די ציוניסטישע אָרגאַניזציע. אויב אין רעזולטאַט פון דעם משא־ומתן וועט זיך אויסקריסטאַליזירן אַ באַשטימטער פּלאַן פאַר דער גרינדונג פון אַ יידישער מדינה דאַרף דער פּלאַן געבראַכט ווערן פאַר אַ נייעם אויסגעווילטן קאָנגרעס, וואָס וועט אים באַהאַנדלען און וועט וועגן אים באַשליסן.

אָבער אין צווישן איז, צוליב דעם פאַרשטאַרקטן אַראַבישן טעראָר און דער פאַרשאַרפטער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע, פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער ענגלישער רעגירונג. זי האָט זיך אַלע מאָל מער אָפּגעגרענעצט פון דעם „טיילונגס־פּלאַן” פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, און נאָך דעם ווי די „טיילונגס־קאָמיסיע” („ווּדהעד־קאָמיסיע”), וואָס איז אין אַפּריל 1938 דעלעגירט געוואָרן קיין ארץ־ישראל כדי אויסצואַרבעטן גענויע פאָרשלאָגן וועגן די גרענעצן פון די צוקונפטיקע מדינות, האָט איבערגעגעבן איר דין־וחשבון, האָט די רעגירונג זיך געזעצלעך צוריקגעצויגן פון דעם פּיל־באַריכט.

לבסוף האָט די רעגירונג, נאָך אַ סך צעגערונג און לאַנגדויערנדיקן משא־ומתן מיט די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות און טראָץ דער קעגנערשאַפט פון די יידן פון דער גאַנצער וועלט, פאַרעפנטלעכט אין מאַי 1939 דאס „ווייסבוך”, און אין אָנהייב 1940 — אַ געזעץ וועגן דער באַגרענצונג פון דעם באָדן־קויף דורך יידן, אַ געזעץ וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס ערשטער שריט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם „ווייסבוך”.

לויט אים איז די רעגירונג געווען בדעה אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צו פאַרוואַנדלען ארץ־ישראל אין אַ זעלבסטשטענדיקער מדינה, אין וועלכער די יידן וועלן אויף תמיד דאַרפן בלייבן אַ מיעוט. די יידישע עליה וועט דערלויבט זיין נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי וועט דערפירן די צאָל יידן ביז צו אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין לאַנד. דעריבער וועט דערלויבט זיין אין משך פון די פינף יאָר, נאָכן פאַרעפנטלעכן פון דעם „ווייסבוך”, עולה זיין נאָר 75000 יידן. נאָך דער דאָזיקער איבערגאַנגס־תקופה וועט די יידישע עליה אָפּהענגיק זיין פון דער הסכמה מצד די אַראַבער. די יידישע קאָלאָניזאַציע וועט אין געוויסע טיילן פון לאַנד זיין געזעצלעך פאַרבאָטן, און אין אַנדערע — זייער באַגרענעצט. מיט דעם געזעץ האָט די ענגלישע רעגירונג אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, וואָס איר אויפבוי שטיצט זיך אויף דער באַלפור־דעקלאַראַציע און אויף דעם מאַנדאַט.

צייטן פון פּורעניותן און סכנות זיינען אַ פּראָבירשטיין פאַר דער אויסגעהאַלטנקייט פון מענטשן און זייער ווערק. דאָס יידישע ארץ־ישראל איז העלדיש און טאַטפּעאיק בייגעשטאַנען דעם נסיון פון די שווערע יאָרן, און דאָס האָט דערוועקט אַנערקענונג פאַרן ישוב אין דער גאַנצער וועלט, ביי יידן און נישט־יידן. איבער דריי יאָר האָט דער ישוב געקעמפט פאַר רעכט אויף לעבן, פאַרן קיום פון זיין אויפבוי־ווערק, פאַר עליה און התישבות. טויזנטער יידן זיינען נאַכט געשטאַנען אויף דער וואַך — פון אָנהייב אָן דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג, שפּעטער אין אַ שטייגנדיקער מאָס אין איר נאָמען און דורך איר באַוואָפנט — כדי צו פאַרטיידיקן דאָס יידיש לעבן, האָב און גוטס. ביי טאָג האָבן זיי געטון זייער נאָרמאַלע אַרבעט. קיין שום יידישער פּונקט איז נישט צעשטערט און נישט פאַרלאָזן געוואָרן. פאַרקערט, די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט איז פאַרברייטערט געוואָרן. אַ באַזונדערע חשיבות האָט געהאַט די פּראָדוקציע פון די געמישטע ווירטשאַפטן — אין זייער גרעסטער מערהייט זיינען דאָס ישובים, געגרינדעט דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, מיט די געלטער פון קרן היסוד און אויף קק״ל־באָדן. אַ דאַנק דער העלדישקייט פון די שאָפערן, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן פון דער שיסעריי וואָס איז אויף זיי געקומען פון דער באַהעלטעניש, איז די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקציע טאָג־טעגלעך אַריינגעפירט געוואָרן אין די שטעט, און דאָס האָט דעם שטאָטישן ישוב דערמעגלעכט אויסצוהאַלטן אפילו אין די צייטן פון דעם שאַרפסטן אַראַבישן חרם. אויך די יידישע שטאָטישע ווירטשאַפט, וואָס פיל האָבן געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט פון איר קיום אין די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען פון די דאָזיקע יאָרן, איז געבליבן שטאַנדהאַפט און האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע עלאַסטישקייט און אַ צופּאַסונג־פעאיקייט צו דער געשאַפענער לאַגע. נייע אַרבעטס־פעלדער האָבן זיך געעפנט פאַר דער יידישער אַרבעט: גלייכצייטיק מיט דער פאַרברייטערונג פון דער יידישער אַרבעט אין די פּלאַנצונגס־קאָלאָניעס ביז כמעט 100%, איז דעראָבערט געוואָרן די אַרבעט אין ים און אין די פּאָרטן: אין חיפה׳ער פּאָרט, וואָס איז אַ דאַנק דער גרויסער צאָל יידישע אַרבעטער, וואָס איז אין אים דאַן אַריינגעדרונגען, געבליבן אָפן אין דער גאַנצער צייט פון די אומרוען און אין נייעם תל־אָביב׳ער פּאָרט, וואָס איז דערעפנט געוואָרן אין מאַי 1936 און וואָס האָט זיך אין אַ שנעלן טעמפּאָ אַנטוויקלט. דאָס רעכט אויף זעלבסט־פאַרטיידיקונג, וואָס איז אין יענע טעג געזעצלעך אָנערקענט געוואָרן, איז געווען אַ דערגרייכונג אויך אויף להבא. די אָפּשטעלונג פון דער עליה, וואָס איז געווען דער הויפּט־ציל פון דעם אַראַבישן טעראָר,

איז נישט דערגרייכט געוואָרן. די עליה האָט אומאויפהערלעך געשטראָמט, טראָץ דעם וואָס געוויסע אַדמיניסטראַטיווע פאַראָרדנונגען פון דער רעגירונג האָבן פאַרקלענערט איר פאַרנעם און געענדערט איר צוזאַמענ־שטעל. ווי ס'זאָל נישט זיין, זיינען אין די יאָרן פון גראַנגל 1936 — 1939 אָנגעקומען אויף אַ לעגאַלן אופן 70.000 עולים אין לאַנד. דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג פון דעם ישוב און פון דער ציוניסטישער לייטונג. אויסער דעם זיינען אָנגעקומען פיל טויזנטער עולים־מעפּילים, בעיקר פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, וואָס זיינען געקומען אָן אַ רעגירונגס־דערלויבעניש.

די דאָזיקע דערגרייכונגען און די האַלטונג פון דעם ישוב אין אַלגעמיין האָבן קלאָר געמאַכט, אַז דער גייסט פון העלדישקייט, וואָס איז כלומרשט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די צייטן פון פּראָספּעריטי, האָט נאָך געלעבט אין ישוב. די דאָזיקע ווידעראויפגעלעבטע מוטיקייט האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר גאַנצן גלאַנץ אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָ־ניזאַציע: „די נייע קאָלאָניזאַציע" פון די יאָרן 1940 — 1936 — דאָס איז די גרעסטע דערגרייכונג פון דער דאָזיקער תקופה.

די גורמים פון דער נייער קאָלאָניזאַציע

פאַרשידענע גורמים האָבן געבראַכט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דעם נייעם גרויסן קאָלאָניזאַציע־ווערק. שוין דער ניינצנטער ציוניסטישער קאָנגרעס (1935) האָט אויסגעדריקט די האָפענונג און פאָדערונג, אַז זייט ביי זייט מיט דער פאַרפעסטיקונג און אויסשטאַטונג פון די ישובים, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, זאָל די ציוניסטישע לייטונג און דער קרן היסוד בקרוב צוטרעטן צו דער שאַפונג פון נייע לאַנדווירט־שאַפטלעכע ישובים. און טאַקע זיינען פאַרן אויסברוך פון די מהומות אַנטשטאַנען צוויי נייע ישובים אין מערבדיקן עמק יזרעאל — דער מושב בית שערים (23־טן מערץ 1936) און דער קבוץ הזורע (15־טן אַפּריל 1936). אין דער זעלביקער צייט האָט די קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג צוגעגרייט פּלענער פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון דעם קק"ל־באָדן אין עמק־הירדן און אין עמק בית־שאָן. די בלוטיקע געשעענישן און די פּאָליטישע שוועריקייטן, וואָס האָבן פון זיי געפאָלגט, האָבן געבראַכט צו דעם, אַז די שנעלע פאַרווירקלעכונג פון די דאָזיקע פּלענער איז געוואָרן אַ דרינגלעכע אויפגאַבע.

דער קק"ל האָט אין די לעצטע יאָרן דערוואָרבן נישט ווייניק באָדן, אָבער כל זמן די פריערדיקע ישובים זיינען נאָך נישט געווען ווירטשאַפטלעך פאַרפעסטיקט, האָבן פאַר דער נייער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט געפעלט די

אַנטשפּרעכנדיקע מיטלען. דער דאָזיקער פּראָצעס פון באַפעסטיקונג, ווי געזאָגט, האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין יאָר 1935, און ס'איז קלאָר געווען, אַז ס'וועט נאָך נויטיק זיין אַ היפשע פּאָר יאָרן, כדי אים צו פאַרענדיקן. שוין נאָך די געשעענישן פון תרפ"ט (1929) האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יידישער באָדן, וואָס איז געלעגן פוסט האָט דערוועקט ביי די אַראַבישע שכנים דעם ווילן משיג גבול זיין און פאַרכאַפּן דעם באָדן. די דאָזיקע מעשים האָבן געבראַכט לאַנגדויערנדיקע פּראָצעסן. צוליב דעם איז דער קק"ל געווען געצוווּנגען צו באַשעפטיקן אויף זיין אייגענעם חשבון אַרבעטער־גרופּן, כדי צו היטן די ניי־דערוואָרבענע שטחים און זיי צייט־ווייליק צו באַאַרבעטן. פאַרשטייט זיך, אַז די מהומות פון 1936 — 1939 האָבן נאָך מער פאַרשאַרפט די דאָזיקע פּראָגע. צו דעם איז נאָך — צוליב דער פאַרשאַרפונג פון דער פּאָליטישער לאַגע און צוליב די פּראָגן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט די פאָרשלאָגן פון דעם „פּיל־באַריכט" — צוגעקומען די נויטווענדיקייט מיט דער גרעסטער שנעלקייט צו דערווערבן גרויסע ערד־שטחים אין געגנטן, אין וועלכע די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע איז בכלל נישט געווען טעטיק אָדער נאָר אין אַ קליינער מאָס, און וואָס זייער חשיבות איז איצט פּלוצים געוואַקסן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנטשיידונג איבער די גרענעצן פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה, וואָס האָט געזאָלט אַנטשטיין לויטן „פּיל־באַריכט". אַנטשפּרעכנד צו דער ניי־געשאַפענער לאַגע, האָט פון איצט אָן אין די באָדן־קניות פון קק"ל אַלע מאָל מער דעצידירט דער סטראַטעגיש־פּאָליטישער קריטעריום און נישט נאָר, ווי ביז אַהער, די קוואַליטעט און דער פּרייז פון דעם באָדן. ס'איז דערפאַר זייער וויכטיק געווען אויפצוקויפן גרענעץ־באָדן אין צפון, מזרח און דרום, ווי אויך שטחים וואָס האָבן זיך געפונען צווישן יידישע שטחים און האָבן אַזוי אַרום געשטערט צו דער פאַרייניקונג פון דעם יידישן באָדן אין געשלאָסענע קאָמפּאַקטע קאָלאָניזאַציע־געביטן. דער דאָזיקער אויפגאַבע האָט זיך זינט 1936 דער קק"ל געווידמעט מיט גרויס הצלחה. אָבער די אַלע אָנשטרענגונגען האָבן נאָר געקאָנט האָבן אַ זין אויף אַזויפיל, אויף וויפיל ס'וועט גלייכצייטיק געלינגען צו קאָלאָניזירן דעם דערוואָרבענעם באָדן, כדי אַזוי אַרום שאַפן פעסטע פאַקטן.

דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט: די סכנה וואָס האָט געדראָט דעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־ווערק; די כסדרדיקע פאָדערונג פון די אַראַבער אָפּצושטעלן די עליה, באָדן־קניות און קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט, אַ פאָדערונג צו פאַרגליווערן די יידישע נאַציאָנאַלע היים לויט דעם פאַרנעם־צושטאַנד פון 1936. אויף דער דאָזיקער דראָונג איז נאָר מעגלעך געווען איין און איינציקע תשובה: טראָץ אַלע אָנגריפן פאַרגרעסערן די קאָלאָניזאַציע־

טעטיקייט, באַווייזן דורך מעשים אַז קיין שום זאַך וועט נישט קענען איינברעכן דעם ווילן פון ישוב פאַרצווזעצן זיין ווערק, און אַז אַלע דראָונגען זיינען עלול צו ווירקן אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג, דהיינו, זיי וועלן בלויז פאַרשטאַרקן אונזער כוח און אים מיט טאָפּלטער ענערגיע דערוועקן צו גרויסע אויפטועז.

די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז אַ קייט פון העלדנטאַטן. יעדע תקופה און איר העלדישקייט. די „ראשוני ציון", בני ביל"ו און די וואָס זיינען געגאַנגען אין דעם אויבערשטן גליל אין די אַכציקער יאָרן; די דעראָבערער פון די חדרה'ער זומפּן — אין די ניינציקער יאָרן; נאָך דעם די חלוצים פון דער צווייטער און דריטער עליה — ביז צו דער עליה פון די חסידים אין די צייטן פון דער פערטער עליה, און צוזאַמען מיט דעם די הונדערטער און טויזנטער, וואָס האָבן נישט קוקנדיק אויף די צאָלרייכע קרבנות אויסגעהאַלטן אויף זייער פּאָסטן אין דאָרף און אין שטאָט, זייער אָפּט אין אַ שטימונג פון טיפער גייסטיקער דעפּרעסיע און יאוש — דאָס אַלץ, כדי זיך איינצובייסן אין דער ערד, כדי איינצופירן נייע אַרבעטס־מעטאָדן, כדי צו אַנטוויקלען נייע אַרבעטס־געביטן און צו פאַרטיידיקן דאָס וואָס איז דערגרייכט געוואָרן. ערשט די קומענדיקע דורות וועלן קענען אָפּשאַצן דעם אמתן ווערט פון די דאָזיקע מעשים. אויך די פינפטע עליה, גלייך ווי אַלע פריערדיקע עליות, האָט אַנטפּלעקט פיל חלוצישע אויפטועז אין דער אַנטוויקלונג פון דער שטאָט און אין דער פאַרווירקלעכונג פון נייע פּרוּוון אויפן געביט פון דער קאָלאָניזאַציע פון מיטלשטאַנד פון די דייטשע יידן. אויך דאָ האָט מען געקענט זען די „טאָג־טעגלעכע העלדישקייט" פון די נייע עולים אין זייער צופּאַסן זיך צו די נייע לעבנס־באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען גענצלעך אַנדערש פון זייערע געוויינהייטן אין זייערע ביזאיצטיקע וווינערטער. אָבער אין אַלגעמיין איז אין דער דאָזיקער עליה און אין דער דאָזיקער תקופה בולט געווען דער ווירטשאַפטלעכער, מעסיקער, נישט־העראָישער כאַראַקטער, מיט אַלע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע דערשיינונגען פון דער מאָדערנער עקאָנאָמיסטישער אויפפאַסונג. זיינען געקומען די געשעענישן פון 1936 און האָבן באַוויזן, אַז אויפן געביט פון דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג האָט די תקופה נישט פאַרשעמט אירע פאָרגייער; צווישן די פאַרטיידיקער פון די ישובים האָבן די מענטשן פון דער פינפטער עליה פאַרנומען אַ חשובן אָרט. די ערשטע כוואַליע פון די מהומות איז אַדורך. און ווען אַפילו נאָך דער דאָזיקער גרויסער אָנשטרענגונג אָפּצושטויסן די צעשטערערישע כוחות וואָלט געקומען אַ געוויסע אָפּשוואַכונג — וואָלט דאָס אויך געווען פאַר־שטענדלעך. אָבער דאָס איז נישט געשען. פאַרקערט: ארץ־ישראל און די

יידן פון דער גאָרער וועלט זיינען איבערראַשט געוואָרן פון אַ ריי ערד־דעראָבערונגען, פון דער גרינדונג פון נייע ישובים — אין אַ פיבערהאַפטן טעמפּאָ, מיט אַ פאַרשטאַרקטער ענערגיע, מיט אומדערוואַרטעטע מוט און דרייסטקייט. די גבורה פון די ערשטע טעג פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע האָט זיך ווידער צעפלאַקערט אין די הערצער פון טויזנטער יוגנטלעכע. דאָס איז געווען אַ נייער מין פון העראָישקייט: ס'האָבן זיך אין איר צוזאַמענגעגאָסן די גרייטקייט זיך מקריב צו זיין מיט אַ סיסטעמאַטישקייט אין מעשים, מסירות־נפש — מיט פּלאַנמעסיקייט. 55 נייע ישובים זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פאַרלויף פון די 4 יאָרן 1936 — 1939: 6 ישובים אין יאָר 1936, 14 ישובים — אין 1937, 17 — אין 1938, 18 — אין 1939, דאָס רוב אין נייע געגנטן. אין קיין שום תקופה אין דער געשיכטע פון אונזער אויפבוי־אַרבעט אין ארץ־ישראל, איז אין אַזאַ קורצער צייט נישט אדורכגעפירט געוואָרן אַ קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין אַזאַ ברייטן מאַסשטאַב.

די ישובים פון דער נייער קאָלאָניזאַציע

אַלס אַן אַריינפיר האָט געדינט די באַנייונג (7־טן דעצעמבער 1936) פון דעם ישוב אין כ פ ר ח ט י ן, אין דער שכנות פון טבריה. אַ קבוצה פון בולגאַרישע חלוצים, וואָס איז געווען אָרגאַניזירט אין ארגון „הקוצר" האָט זיך געשטעלט אַלס ציל דאָ אויפצובויען אַ קאָלעקטיוון מושב עובדים, (מושב שיתופי) — אַ מין סינטעזע פון קבוץ און מושב עובדים. דריי טעג שפּעטער האָט די ערשטע קבוצה פון דעם ארץ־ישראלדיקן „השומר הצעיר" געלייגט אין עמק בית־שאן די יסודות פון דעם קבוץ „נ י ר ד ו ד" (צום אָנדענקן פון דוד וואָלפסאָן). נאָך אַ הפסקה פון 4 וואָכן, דעם 5־טן יאַנואַר 1937 האָט די „קבוצת השדה" פון דעם קבוץ מאוחד (בוגרים פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער שול אין מקוה ישראל און יוגנטלעכע פון דייטשלאַנד און פּוילן) זיך באַזעצט אין צפון־מזרח זייט פון „ניר־דוד" און געגרינדעט דעם משק „ש ד ה נ ח ו ם" (צום אָנדענקן פון נחום סאָקאָלאָוו). דעם 21־טן מערץ זיינען 2 קבוצות — איינע פון דעם „השומר הצעיר" אין פּוילן און טשעכאָסלאָוואַקיי און די צווייטע פון די „גורדוניה"־חברים אין רומעניע — אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן און האָבן צו פוסנס פון די הגולן־בערג געגרינדעט די ישובים: „ש ע ר ה ג ו ל ן" (השומר הצעיר) און „מ ס ד ה" (גורדוניה). די דאָזיקע צוויי ישובים געהערן צום קאָלאָניזאַציע־ווערק אויפן נאָמען פון ח. ארלאָזאָראָוו (מפעל ארלוזורוב), וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דער הסתדרות העובדים. אין זייער פינאַנסירונג האָט זיך דערפאַר אין אַן אָנזעעוודיקער מאָס באַטייליקט די געזעלשאַפט „ניר". אַזוי זיינען אויך געשאַפן געוואָרן אָנהאַלטס־און וואַך־פּונקטן אין צפון און

אין דרום פון עמק בית־שאן, אין וועלכן ס׳האָבן איצט (9־טער אפריל 1947) אַריינגעדרונגען צוויי ארגונים („צפון״ א׳ און ב׳) מיטן ציל צו גרינדן אַ מושב עובדים „בית יוסף״ (צום אָנדענקן פון יוסף אהרונוביץ). אין סוף יוני און אין אָנהייב יולי זיינען געגרינדעט געוואָרן צוויי נייע ישובים אין דרום־טייל פון עמק בית־שאן: דריי קבוצות פון „הפועל המזרחי״ זיינען דעם 30־טן יוני אַרויף אויפן באָדן און האָבן אָנגעהויבן צו בויען דעם ישוב „טירת צבי״ (צום אָנדענק פון דעם רב צבי קאַלישער); אַ דעראָבערונגס־פלוגה, וואָס איז באַשטאַנען פון חברים פון די קבוצות „החוגים״, במסילה״, „מסד״ און „עקיבא״ האָט אין צפון פון „טירת צבי״ אָנגעהויבן צו בויען דעם ישוב „מעוז״, וואָס האָט געדינט אַלס מחנה פאַר די 4 קבוצות, ביז ס׳איז זיי דערמעגלעכט געוואָרן זיך צו באַזעצן אין זייערע אייגענע משקים, וואָס געפינען זיך אין דער שכנותדיקער געגנט.

אין דער זעלבער צייט, אין יולי 1937, זיינען אויך אין אַנדערע געגנטן געגרינדעט געוואָרן נייע ישובים. דער קבוץ „בתלם״, וואָס איז באַשטאַנען פון עולים פון דייטשלאַנד און פון די באַלטישע לענדער און וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין „הקבוץ המאוחד״, איז דעם 6־טן יולי 1937 אַרויף אויפן מזרח־ברעג פון ים־כנרת. אומגעפער אין דער געגנט האָט אין די נײַנציקער יאָרן עקזיסטירט די קאָלאָניע „בני יהודה״. אַ גרופּע עולים פון דייטשלאַנד האָט דאָ, אויפן ברעג פון ים כנרת, געקויפט אַ שטח באָדן און געפּרוּווט אויסצובויען אַן אינטענסיווע פּריוואַט־ווירט־שאַפט, און נאָך דעם ווי זיי זיינען נכשל געוואָרן, האָבן זיי דעם באָדן פאַרקויפט דעם קק״ל. די חברים פון „בתלם״ האָבן דאָ אויסגעבויט דעם קבוץ „עין גב״, וואָס באַזירט זיך אויף אינטענסיווער לאַנדווירטשאַפט, פישעריי און שיפעריי.

אין דעם זעלבן חודש האָט דער ארגון „מולדת״ (עולים פון דייטשלאַנד) אויפגעשטעלט זיין מחנה אויף אַן אָפּגעזונדערטן בערגל „טאיבה״ אין צפון־מזרח פון עין־חרוד. די כוונה פון דעם ארגון איז געווען צו גרינדן אַ מושב שתופי (אַ קאָלעקטיוון מושב עובדים). צוזאַמען האָט דער קבוץ „בניר״ (השומר הצעיר, חברים פון פוילן און אַמעריקע) אויף די שפּיץ־בערג פון אפרים, איבער משמר העמק, געלייגט די יסודות פון ישוב „עין השופט״ (צום אָנדענקן פון דעם ריכטער ל. בראַנדייס).

אויך אין דרום־טייל פון יהודה זיינען אַנטשטאַנען צוויי נייע ישובים: דעם 28־טן יולי 1937 — כפר מנחם (אוסישקין), אַ קבוץ פון „השומר הצעיר״. און דעם 15־טן אויגוסט 1937 — כפר סולד, אַ דאָרף אויפן נאָמען פון העגריעטע סאָלד, געגרינדעט דורכן קבוץ „שער הנגב״, וואָס געהערט צום קבוץ מאוחד. דריי חדשים פריער (13־טן אַפּריל 1937) איז

אויף פיק"א־באַדן אין גליל התחתון געגרינדעט געוואָרן אַ מושב עובדים „משמר השלושה" (צום אָנדענקן פון דריי אַרבעטער פון יבנאל, וואָס זיינען געפאַלן אין די געשעענישן). דאָס איז געווען דער ערשטער ישוב אין אונטערשטן גליל נאָך אַ הפסקה פון דרייסיק יאָר אין דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט.

אויך אין עמק זבולון זיינען אין די יאָרן 1936 — 1937 צוגעקומען צוויי נייע ישובים: כפר המכבי (13־טן יולי 1936) — דער ערשטער נייער ישוב זינט דעם אויסברוך פון די געשעענישן. ער איז געגרינדעט געוואָרן דורך די בוגרים פון דער יוגנט־באַוועגונג „המכבי הצעיר" פון טשעכאָסלאָוואַקיי, דייטשלאַנד און עסטרייך און געהערט צום „חבר הקבוצות". דער צווייטער ישוב אין דער געגנט איז געווען „כפר אושה" (7־טן נאָוועמבער 1937), געגרינדעט דורך דעם „הנוער הציוני" פון גאַליציע, אויך ער איז אָנגעשלאָסן אין „חבר הקבוצות".

אין דעצעמבער 1936 איז ביי הרצליה געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר „כפר שמריהו", אַ מיטלשטאַנדס־קאָלאָניע פון די דייטשע עולים, צום אָנדענקן פון שמריהו לעווין. דאָס איז געווען דער ערשטער ישוב וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט „ראַסקאָ". דעם 1־טן סעפּטעמבער 1937 איז אין השרון אַנטשטאַנען דער ערשטער ישוב פון די גריכישע עולים, דער מושב עובדים „צור משה" (צום אָנדענקן פון דעם גריכישן ציוניסטישן עסקן משה קאַפּינאַס).

„חניתא" — דער סימבאָל פון דער נייער קאָלאָניזאַציע

דעם קולמינאַציע־פּונקט האָט דאָס נייע קאָלאָניזאַציע־ווערק דער־גרייכט דעם 21־טן מערץ 1938 מיט דער גרינדונג פון „חניתא". אין דעם דאָזיקן אויפטו האָט דער ישוב געזען אַ סימבאָל פאַר דער „נייער קאָלאָ־ניזאַציע" בכלל.

צוליב פאַרשידענע סיבות האָט דער דאָזיקער אויפטו באַקומען אַ ספּעציפישן כאַראַקטער. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער קאָלאָני־זאַציע־פּונקט אין מערב־טייל פון דעם אויבערשטן גליל. דער ערשטער ישוב וואָס איז מיט קרן־היסוד־מיטלען אויפגעבויט געוואָרן אויף דעם קק"ל־באָדן אין אויבערשטן גליל; דאָס איז געווען דער אָנהייב פאַר דער באַנייונג פון דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין דעם טייל לאַנד. וועלכער האָט במשך פון 20 יאָר, זינט דער גרינדונג פון תל־חי און כפר גלעדי, אומזיסט געוואַרט אויף זיין אויפלעבונג דורך נייע אַרבעטס־כוחות. די אויפגאַבע פון חניתא איז אויך געווען אָפּצוהיטן די סירישע גרענעץ, ס'זאָלן פון דאָרט נישט אַריינדרינגען אין לאַנד קיין באַנדעס. די אַלע

פֿאַקטאָרן האָבן פֿאַרוואַנדלט די דעראָבערונג פֿון חניתא אין אַ מוטיקן, מסוכנדיקן און זייער פֿאַראַנטוואָרטלעכן אויפֿטו.

די דעראָבערונגס־גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 91 מענטשן און איז אין אַנטשיידונגס־טאָג באַגלייט געוואָרן דורך 40 נוטרים און ביי 400 פּרייוויליקע פֿון אַלע שיכטן פֿון דעם ישוב, איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פֿון די אַממייסטן פעאיקע חברים פֿון אַלע קאָלאָניזאַציע־שטרעמונגען. צען פֿון זיי זיינען געפֿאַלן אין טאָג פֿון דער עליה אויפֿן באָדן און אין די שפּעטערע טעג בשעת דער באַפֿעסטיקונג פֿון דעם ישוב. אָבער נאָך דעם ווי די דעראָבערונגס־גרופּע האָט נאָך ניין חדשים איבערגעגעבן דעם פּלאַץ צו דער קאָלאָניזאַציע־קבוצה (דעם 4־טן נאָוועמבער 1938) — איר קערן איז באַשטאַנען פֿון די קינדער פֿון די נהלל׳ער קאָלאָניסטן — האָט די לעצטע געקענט מיט בטחון צוטרעטן צום אויפֿבוי פֿון דעם ישוב.

די עליה אויפֿן באָדן פֿון חניתא נאָך אַ הפסקה פֿון 4½ חדשים האָט געדינט אַלס דערעפֿענונג פֿאַר דער באַנייונג פֿון דער „נייער קאָלאָניזאַציע" אין פֿאַרשטאַרקטן טעמפּאָ. אין פֿרילינג 1938, אין זומער און ווינטער פֿון דעם זעלביקן יאָר און ווידער אין פֿרילינג 1939 זיינען חודש־חודש געגרינדעט געוואָרן נייע ישובים. דעם 13־טן אַפּריל 1938 איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער קאָלעקטיווער מושב פֿון מיטלשטאַנד — „ש ב י־ צ י ו ן" אין דרום פֿון נהריה; זיינע גרינדער האָבן געשטאַמט פֿון דעם דייטשן דאָרף רעקסינגען. אין מאַי זיינען צוגעקומען צוויי נייע מיטל־שטאַנדס־ישובים פֿון די דייטשע עולים: „ש ד ה ו ו א ר ב ו ר ג", (17־טן מאַי 1938), וואָס איז געגרינדעט דורך „ראַסקאָ", און דער ישוב „ר מ ת ה ד ר", געבויט אויפֿן באַזיס פֿון אינטענסיווער ווירטשאַפֿט אין דער געגנט פֿון רמות השבים און לויט איר מוסטער. דעם 26־טן יוני איז דער קבוץ „א ל ו נ י ם", וואָס איז באַשטאַנען פֿון די חברים פֿון „הנוער העובד" און פֿון די בוגרים פֿון דער „יוגנט־עליה", אַרויף אויף זיין באָדן אין דער געגנט פֿון די שיך־אבריך אויסגראָבונגען, כדי אויפֿצובויען דעם משק „טבעון". דעם 17־טן יולי האָט אַ קבוצה פֿון „גורדוניה"־חברים פֿון פּוילן אויפֿגע־שטעלט איר מחנה אויף אַ בערגל איבער קרית־ענבים, ווו ס׳זיינען געפֿאַלן זייערע פֿינף חברים — צו זייער אָנדענקן האָט מען אָנגערופֿן דעם דאָזיקן ישוב, וואָס איז דער העכסטער צווישן די יידישע דערפֿער, „מ ע ל ה ה ח מ ש ה". אַ וואָך שפּעטער (25־טן אויגוסט 1938) האָבן די חברים פֿון דעם גאַליצישן „הנוער הציוני" געלייגט די יסודות פֿון קבוץ „ת ל־ י צ ח ק" אין השרון. אין אויגוסט האָט מען אָנגעהויבן צו בויען דעם קבוץ „ב י ת י ה ו ש ע" (אויפֿן נאָמען פֿון ד״ר יהושע טהאָן) אין השרון; זיינע גרינדער זיינען די „עקיבא" חברים פֿון גאַליציע. אין דער זעלבער צייט

איז געגרינדעט געוואָרן דער קבוץ „עין המפרץ", אַ לאַנדווירטשאַפט־לעך־אינדוסטריעלער ישוב אין עמק זבולון, געגרינדעט דורך די „השומר הצעיר"־חברים פון גאַליציע, און אויך „מעין" אויף פּיק"א־באָדן אין דער שכנות פון זכרון־יעקב, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דער קבוצה פון „המכבי־הצעיר" פון דייטשלאַנד.

אין נאָוועמבער 1938 זיינען כמעט אין אַלע קאָלאָניזאַציע־געגנטן געגרינדעט געוואָרן נייע ישובים: אין אונטערשטן גליל האָט אַן ארגון פון געוועזענע „גורדוניה"־חברים אָנגעהויבן צו בויען (16־טן נאָוועמבער 1938) אויף פּיק"א־באָדן דעם מושב עובדים „שרונה" (אויף דעם פּלאַץ האָט אין 1913 געזאָלט געגרינדעט ווערן אַ קאָלאָניע פון טשיקאַגער יידן). צומאָרגנס האָבן לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער, בעיקר פון דער „הבונים"־באַוועגונג פון דייטשלאַנד, געלייגט דעם יסוד פון מושב עובדים "גאולים" אין השרון, און אַ וואָך שפּעטער (24־טן נאָוועמבער 1938) איז דורך די „השומר הצעיר"־חברים פון ארץ־ישראל און פּוילן געגרינדעט געוואָרן דער קבוץ „אילון", דער צווייטער ישוב אין מערב־דיקן טייל פון דעם אויבערשטן גליל; צומאָרגנס זיינען אין עמק בית־שאן געגרינדעט געוואָרן צוויי נייע ישובים: „מסד" און „נוה איתן", ביידע זיי געהערן צום „חבר הקבוצות", און סוף חודש (29־טן נאָוועמבער 1938) — „כפר מסריק" — געגרינדעט דורך די „השומר הצעיר" חברים פון טשעכאָסלאָוואַקיי און ליטע. אין דעצעמבער איז צו די ישובים פון עמק בית־שאן צוגעקומען דער קבוץ „מסילות" פון „השומר הצעיר".

די גרעסטע צאָל נייע ישובים אין איין חודש — 12 — איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַי 1939 — פון זיי 7 אין איין טאָג (23־טן מאַי 1939) דאָס זיינען: „דליה" ביי עין השופט אין די בערג פון אפרים (חברים פון „השומר הצעיר" פון דייטשלאַנד און רומעניע); „דפנה" (קבוץ מאוחד); „דן" („השומר הצעיר") און „מחנים" (קבוץ מאוחד) — אַלע דריי אין דעם מזרח־טייל פון אויבערשטן גליל; שדה אליהו (אויפן נאָמען פון הרב אליהו גוטמאַכער) — אַ קבוץ פון „הפועל המזרחי", און דער מושב עובדים „דרור" — אין עמק בית־שאן; די מושבי עובדים „עומר", „הזורעים" און „אחוה" אין אונטערשטן גליל; דער מושב „תל־צור" און די קבוצים „למקור" (הנוער הציוני) און „מעפּילים" (גורדוניה) אין שומרון; „משמר הים" (קבוץ מאוחד) אין עמק זבולון; „נגבה" (השומר הצעיר) אין דרום־יהודה און דער מושב עובדים „כפר נטר" אין השרון. אַפילו דער אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה האָט כמעט נישט פאַרקלענערט די פאַרשטאַרקטע טעטיקייט צו גרינדן נייע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע ישובים. אין די ערשטע צוויי מלחמה־יאָרן (1939—1941)

זיינען געגרינדעט געוואָרן די פאָלגנדע ישובים: בית אורן און רמת השופט אין די בערג פון אפרים; „עמיר", „מצובה", „שאר ישוב", „בית הלל" און „שדה נחמיה אין אויבערשטן גליל; „גן־חפר", „בית־יצחק" און „נירה" אין עמק חפר; „אבוקה" אין עמק בית־שאן; „כפר ורבורג", קבוץ יבנה, „דורות" און „גת" אין דרום־יהודה; „מעינית" אין שומרון, „אלומות" (פוריה) אין אונטערשטן גליל און „בית־ערבה" אויפן ברעג פון ים המלח.

די כאראקטער־שטריכן פון דער נייער קאָלאָניזאַציע

דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פון די יאָרן 1936 — 1940 אונטערשיידעט זיך אין אַ סך הינזיכטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל פון די פריערדיקע תקופות, ניט נאָר אין דער צאָל נייע דערפער און אין דעם שנעלן טעמפּאָ, אין וועלכן זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן. אין די פריערדיקע פעריאָדן, זינט דער דריטער עליה, האָט מען זיך פון מאָל צו מאָל בדרך כלל פאַרנומען מיט דער קאָלאָניזאַציע פון אַ באַשטימטער געגנט — צו ערשט פון עמק יזרעאל, נאָך דעם — פון השרון און שפּעטער — פון עמק חפר. אין די צייטן פון געשעענישן איז די קאָלאָניזאַציע אַדורכגעפירט געוואָרן גלייכצייטיק אין פיל געגנטן. ווי דערמאָנט, איז דאָס געווען אַ קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט וואָס האָט פאַר זיך געהאַט פּאָליטיש־סטראַטעגישע צילן. אַ באַדייטנדער טייל פון די נייע ישובים געפינט זיך דעריבער אין די נייע קאָלאָניזאַציע־געגנטן (אין עמק בית שאן, אין אויבערשטן גליל); די נייע פונקטן האָבן פּראַייניקט אָפּגעזונדערטע געגנטן (עין השופט, מולדת), אָדער זיי האָבן פאַרברייטערט און פאַרפעסטיקט די גרענעצן פון לאַנד און די יידישע קאָלאָניזאַציע אין צפון (חניתא), אין מזרח (עין־גב) און אין דרום (נגבה).

דעם אויבן־אָן אין „דער נייער קאָלאָניזאַציע" האָבן פאַרנומען דער עמק בית שאן און דער אויבערשטער גליל; אין יעדער פון די צוויי געגנטן זיינען אין די דאָזיקע יאָרן געגרינדעט געוואָרן צו צען נייע ישובים.

דער עמק בית־שאן, אין די אַמאָליקע צייטן אַ צו באַוואונדערונג פרוכטבאַרע געגנט, איז אונטער דער אַראַביש־טערקישער הערשאַפט פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ זומפּיקן מדבר. דער גרעסטער טייל פון זיין שטח האָט געהערט צום טערקישן סולטאַן און איז מיט דער בריטישער אָקופּאַציע אַלס מדינה־אייגנטום אַריבער אין רשות פון דער רעגירונג. ס'איז דערפאַר געווען אַ יסוד צו דער האָפענונג, אַז די מאַנדאַט־רעגירונג וועט, אַנטשפּרעכנד צו די מאַנדאַט־פאַרשריפטן, דערמעגלעכן אויף דעם דאָזיקן

באַדן וואָס נעמט אַרום איבער 200.000 דונאַם — אַ געדיכטע יידישע קאָלאָ־ניזאַציע. אין דער ווירקלעכקייט האָט דער הויך־קאָמיסאַר הערבערט סעמיועל איבערגעגעבן דעם רוב באַדן צו די אַראַבער און מיט אַזאַ ברייטער האַנט, אַז די נייע אייגנטימער האָבן אַפילו נישט געקענט געהעריק אויסנוצן די צו גרויסע באַדן־פאַרצעלעס. נאָך לאַנגיעריקע באַמיאונגען איז דעם קק״ל געלונגען אָפּצוקויפן פון די אראַבישע אייגנטימער בערך 28.000 דונאַם פון דעם דאָזיקן באַדן און אים צו קאָנצענטרירן אין אַנטשפּרעכנדיקע בלאָקן פאַר קאָלאָניזאַציע־צוועקן. דאָס אויפשטעלן פון ישובים אין דער דאָזיקער געגנט האָט געדאַרפט פאַרזיכערן אָט דעם באַדן־שטח וואָס באַשיצט דעם עמק יזרעאל פון מזרח.

נישט ווייניקער וויכטיק איז געווען דאָס אויפשטעלן פון ישובים אין אויבערשטן גליל. אין אָט דער געגנט איז די קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט שוין צוואַנציק יאָר געווען פאַראַליזירט; דער קק״ל האָט ביז איצט דאָרט נישט פאַרמאָגט קיין שום באַדן, און דער קרן היסוד איז געווען טעטיק אין אַ גאָר קליינעם פאַרנעם. דעם ערשטן שריט אין דער אויפלעבונג פון דער דאָזיקער געגנט האָט אין 1935 געמאַכט די „חברת הכשרת הישוב״, וועלכע האָט דערוואָרבן די חולה־קאָנצעסיע, הגם מען האָט נאָך פאַרלויפיק נישט געקענט צוטרעטן אויסצוטריקענען די זומפּן און באַזעצן דעם באַדן. עס האָט זיך איצט מיט גרויס שוווּנג אָנגעהויבן די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע אויף די פּרוכטבאַרע שטחים צווישן חולה־ים און צווישן דער סירישער גרענעץ, אויף וועלכע ס׳האָבן דערווייל עקזיסטירט נאָר אַ קליינע צאָל ישובים. גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן צו קאָלאָניזירן דעם מערב־טייל פון אויבערשטן גליל, וואָס אויף זיין באַדן האָט דער יידישער קאָלאָניסט ביז איצט נאָך נישט געהאַט קיין דריסת רגל. אַן ענלעכער צושטאַנד האָט געהערשט אין אַנדערע קאָלאָניזאַציע־געגנטן, באַזונדערס אין דרום יהודה.

די דערמאָנטע באַדן־שטחים האָבן זיך כמעט אַלע געפונען אין אַן ריין־אַראַבישער סביבה, און אַ טייל פון זיי זיינען געלעגן ווייט פון וועגן און שאָסייען, און בשעת סכנה האָבן די קאָלאָניסטן שעהן־וויז געקאָנט אומזיסט אַרויסקוקן אויף הילף, און אין דער ווינטער־צייט — אפילו במשך פון טעג. צוליב די דעמאָלסטיקע שלעכטע זיכערהייטס־באַדינגונגען איז נויטיק געווען פון דעם ערשטן טאָג צו שאַפן פאַרטיידיקונגס־מעגלעכקייטן און אַ פאַרבינדונג מיט די שכנותדיקע יידישע ישובים. דער דאָזיקער פּלאַן איז אויף אַ פאַלגנדן אופן פאַרווירקלעכט געוואָרן: אין איינעם פון די ישובים וואָס איז געווען נאָענט צו דעם פונקט, וואָס האָט געדאַרפט אַנטשטיין, זיינען צוגעגרייט געוואָרן די מאַטעריאַלן און דער סקעלעט

פון דער הילצערנער מויער וואָס האָט געדאַרפט אַרומרינגלען דעם הויף פון נייעם ישוב, די ווענט פון די ערשטע באַראַקן און דער אָבסערוואַציע־טורעם. אַלע שכנותדיקע ישובים האָבן געהאָלפן ביי דער דאָזיקער אַרבעט און האָבן געליפערט אַרבעטס־כוחות צום טאָג פון דער עליה. מיטן אויפגיין פון דעם מאָרגנשטערן האָט אָנגעהויבן זיין וועג דער קאַראַוואַן פון לאַסט־אויטאָס אָנגעלאָדן מיט מענטשן — אַרבעטער און נוטרים — מיט אַלע צוגעגרייטע מאַטעריאַלן, אַרבעטס־געצייג, חצץ־שטיינדלעך אויף אָנצופילן די מויער און מיט שפייז־פּראָדוקטן פאַר די ערשטע טעג. אָנקומענדיק צום פּלאַץ, האָבן זיי גלייך, לויט אַ באַשטימטן פון פאָרויס פּלאַן, אָנגעהויבן די פיבערהאַפטע אַרבעט. אַרום דעם ישוב זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן טאָפּלטע האָלץ־ווענט. זיי זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט די שטיינדלעך, כדי זיי זאָלן קענען אויסהאַלטן דעם אָנגריף פון די ביקסן־קוילן. די באַראַקן פלעגן שנעל אויפגעשטעלט ווערן פון די אָהערגעבראַכטע צוגעגרייטע טיילן. דער אָבסערוואַציע־טורעם איז אַנידערגעשטעלט געוואָרן אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ; אַ צוגעגרייטע עלעקטרישע מאַשין איז דורך דראָטן פאַר־בונדן געוואָרן מיטן פּראָזשעקטאָר וואָס איז אינסטאַלירט געוואָרן אויפן שפּיץ פון דעם טורעם. מיטן זון־אונטערגאַנג איז פאַרענדיקט געוואָרן די ערשטע אַרבעט — און דער נייער ישוב איז שוין געווען גרייט: דער הויף אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, די ערשטע וווין־באַראַקן און דער עס־צימער, און איבער אַלע האָט זיך דערהויבן דער טורעם, פון וועלכן דער פּראָזשעקטאָר האָט געשיקט זיין ליכט און ערשטע ברכה צו די אַרומיקע ישובים. אין ארץ־ישראל און אפשר אויך אין אַנדערע לענדער זיינען ביז איצט נישט געלייגט געוואָרן יסודות פון נייע ישובים מיט אַזאַ פלינקייט און אַזוי פּלאַנמעסיק. מען האָט די אַלע ישובים גערופן: „ח ו מ ה א ו ן מ ג ד ל" („מויער און טורעם").

ביים אויפשטעלן פון די דאָזיקע נייע פונקטן האָבן זיך באַטייליקט אַלע טיילן פון דעם יידישן ישוב, עולים פון אַלע גלות־לענדער. באַזונדערס דאַרף אַלס אַ נייקייט אין אונזער קאָלאָניזאַציע־געשיכטע באַצייכנט ווערן דער לעבהאַפטער אָנטייל פון די חלוצים פון דייטשלאַנד: 19 ישובים זיינען אין די יאָרן 1936 — 1940 געגרינדעט געוואָרן דורך די עולים פון דייטש־לאַנד, עסטרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי אָדער מיט זייער אַנטשיידנדיקער באַטייליקונג. דאָס ערשטע מאָל זיינען אין די דאָזיקע יאָרן געגרינדעט געוואָרן ישובים דורך יידישע יוגנטלעכע חלוצים, פון אמעריקע (2) און פון ארץ־ישראל גופא (7). אלע קאָלאָניזאַציע־באַוועגונגען און קאָלאָניזאַטאָרישע לאַנדס־פאַרבאַנדן פון דעם אַרבעטנדיקן ישוב האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם ווערק: די באַוועגונג פון די מושבי עובדים און

ארגונים (13 ישובים), הקבוץ המאוחד (10), הקבוץ הארצי „השומר הצעיר" (13), חבר הקבוצות (5), די יוגנט־פאַרבאַנדן פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון „המכבי הצעיר, וואָס געהערן אויך טיילווייז צום חבר הקבוצות (9), „הפועל המזרחי" מיט זיינע פאַרשידענע פאַרבאַנדן (3), און בית"ר (1). אויך 6 ישובים פון דעם מיטלשטאַנד (בעיקר פון די עולים פון צענטראַל־אייראָפּע) זיינען אין דער דאָזיקער צייט געגרינדעט געוואָרן.

פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט זיינען די אַלע ישובים פאַרויס־געזען אַלס משקים מיט געמישטער ווירטשאַפט. אָבער אויך דאָ איז נויטיק געווען צו גיין אויף נייע וועגן. דער גרעסטער טייל פון די נייע פּונקטן געפינט זיך אויף באַוואַסערבאַרן באָדן, וואָס דערמעגלעכט אַ זייער אינטענסיווע קאָלאָניזאַציע. אַ טייל ישובים זיינען אַנטשטאַנען אויף די בערג, פאַר וועלכע ס׳האָבן נאָך דערווייל געפעלט די אַנטשפּרעכנדיקע ווירטשאַפטס־מעטאָדן.

אַ גאַנצלעך נייע דערשיינונג זיינען געווען די פיש־און שיף־ווערק, מיט וועלכע אייניקע פון די נייע ישובים האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן.

די פאַרווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן גרויסן קאָלאָניזאַציע־ווערק איז דערמעגלעכט געוואָרן דורך דער באַטייליקונג פון פאַרשידענע געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס. דער קק"ל האָט געגעבן דעם רוב פון דעם נויטיקן באָדן. די קאָלאָניזאַציע־פּלענער זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם קק"ל, דער קאָלאָניזאַציע־אָפּטיילונג פון דער סוכנות און דורך דעם מרכז חקלאי פון דער הסתדרות. אין דער פינאַנסירונג פון די נייע פּונקטן האָבן אַ חוץ דעם קרן היסוד און קק"ל, אָנטייל גענומען די „אָפּטיילונג פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון די דייטשע יידן" ביי דער סוכנות, די געזעלשאַפט „ניר" (פאַר די ישובים פון „מפעל ארלאָזאָראָוו"), די פיק"א (פאַר די ישובים, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן אויף איר באָדן), „ראסקו", „אַמיק"אַ" (דאָס דאַרף אויפן באָמען פון פעליקס וואַרבורג). קלאָר, אַז מער פון אַלע האָבן זיך באַטייליקט דער קרן היסוד און קק"ל; 48 נייע ישובים זיינען געגרינדעט געוואָרן אויפן באָדן פון קק"ל; אַ חוץ דעם האָט זיך דער קק"ל באַטייליקט אין די הוצאות, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער עליה אויפן באָדן; דער קק"ל האָט אויך אַמעליאָרירט דעם באָדן און אָנגעהויבן באַשטימטע שטחים צו באַוואַלדן. דעם רוב הוצאות פון דער קאָלאָניזירונג האָט אויף זיך גענומען דער „קרן היסוד". 400.000 פונט בערך האָט דער קרן היסוד צוזאַמען מיט דער „דייטשער אָפּטיילונג" ביי דער סוכנות אינוועסטירט אין דעם ווערק ביז 1940. און פאַר 44 פון די נייע 60 ישובים דאַרף ער נאָך זאָרגן פאַר מיטלען, כדי זיי צו פאַרפולקאָמען

און פֿאַרפֿעסטיקן. ס'איז דאָך קלאָר, אַז מיט דער עליה אויפֿן באָדן, מיטן אויפֿשטעלן די מחנות און זייער באַפֿעסטיקונג, זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט. מיט דעם זיינען נאָר געשאַפֿן געוואָרן אָנשפּאַר־און וואַך־פּונקטן. די אמתע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿון די ישובים האָט זיך ערשט געדאַרפֿט אָנהייבן. און דאָס איז טאַקע גלייך געשען. איין ישוב נאָכן אַנדערן האָט אָנגעהויבן צו באַקומען די ערשטע שטיין־געביידעס פֿאַרן משק און וווינונגען, די פֿאַרשידענע ווירטשאַפֿט־צווייגן זיינען פֿאַרפֿולקאָמט געוואָרן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז נאָך געווען אין איר אָנהויב — און מיט אַ מאָל איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה.

די יידישע לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל בשעת און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה

אויך די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס איז אויסגעבראָכן אין סעפּטעמ־בער 1939, האָט ניט איבערגעריסן די דאָזיקע אַנטוויקלונג. אמת, די פּלאַנ־טאַציעס־קאָלאָניעס, וואָס האָבן אָנגעווירן דעם אייראָפּעאישן מארק, זיינען געווען געצוווּנגען זיך שווער צו ראַנגלען פאַר זייער קיום. דאַקעגן האָבן די ישובים מיט געמישטער ווירטשאַפט, סיי די אַלטע און סיי די נייע, אָנגע־הויבן פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערן זייער פּראָדוקציע, כדי צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם אימפּאָרט, וואָס האָט געפעלט אויפגעהערט, און אויך כדי צו ליפערן שפּייז דעם מיליטער, וואָס האָט סטאַציאָנירט אין ארץ־ישראל. אַזוי איז, למשל, געשטיגן דער קוואַנטום פון קאַרטאָפל — פון 2600 טאָן אין תרצ״ט (1939) ביז 38.320 טאָן אין תש״ז (1947), גרינס — פון 15.000 (1939) ביז 38.000 טאָן (1947), מילך־פּראָדוקציע — פון 35 מיליאָן ליטער ביז 80 מיליאָן.

כדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן אויפשטייג, איז נויטיק געווען גובר צו זיין באַדייטנדע שוועריקייטן: דער פאַרקלענערטער שפּייז־אימפּאָרט פאַר בהמות; די שוועריקייטן ביים דערווערבן לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און ארבעטס־מכשירים (אינדערצווישן האָט מען זיי אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן טיילווייז אין לאַנד גופא); דער מאַנגל אין ארבעטס־הענט, וואָס איז פאַר־אורזאַכט געוואָרן צוליב דער פרייוויליקער מאָביליזאַציע פון טויזנטער מתישבים צום מיליטער, פאַרקלענערונג פון דער עליה און פאַרגרעסער־טער באַשעפטיקונג אין דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אין די דאָזיקע יאָרן זייער שטאַרק אַנטוויקלט. טראָץ די אַלע שוועריקייטן איז אין די דאָ־זיקע יאָרן געוואַקסן דער באַוואַסערטער שטח פון די ישובים מיט געמישטער ווירטשאַפט (מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און טיילווייז אויך מיט דער הילף פון דער רעגירונג) פון 37.000 ביז 98.000 דונאַם. טראָץ די באַגרענצונגען פון דעם „באָדן־געזעץ״ פון 1940 איז אויך פאַרשטאַרקט געוואָרן די טעטיקייט פון דערווערבן באָדן; במשך פון

8 יאָר, זינט דעם מלחמה־אויסברוך, פון אָקטאָבער 1939 ביז סעפטעמבער 1947 האָט דער קק״ל דערוואָרבן 455.471 דונאם באָדן אין אלע לאנדטיילן.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער אנטוויקלונג פון דער יידי־שער אינדוסטריע זיינען אויך פארברייטערט געוואָרן די עקזיסטירענדיקע אינדוסטריע־און מלאכה־אונטערנעמונגען אין די קאָלעקטיווע ישובים, און ס׳זיינען דאָרט געגרינדעט געוואָרן נייע. באזונדערס איז דאָ כדאי צו דער־מאָנען די גרויסע קבוצים ווי: אפיקים (א קעסטל־פאבריק), אשדות יעקב, גבעת ברנר און גבעת חיים (קאָנסערוון־פאבריקן). אַ דאנק די דאָזיקע דערגרייכונגען איז די יידישע לאנדווירטשאפט אימשטאנד געווען צו ווערן איינער פון די חשובסטע שפייז־ליפעראנטן פארן מיליטער ווי אויך פאר דער ציוויל־באפעלקערונג.

גלייכצייטיק מיט דער אנטוויקלונג און באפעסטיקונג פון די עקזיס־טירענדע ישובים איז פאָרגעזעצט געוואָרן דאָס ווערק פון דער נייער קאָלאָ־ניזאציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בשעת די בלוטיקע געשעענישן פון 1936. 47 נייע ישובים זיינען געגרינדעט געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן, און 49 נאָך דער פארענדיקונג פון דער מלחמה ביזן סוף 1947, פון צווישן זיי 11 אין איין נאכט (6.10.1946). די דאָזיקע נייע ישובים זיינען, בדרך כלל, געגרינדעט געוואָרן לויט די ריכטליניען וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן בשעת די תרצ״ו־געשעענישן. אויך איצט האָבן, צוגלייך מיט ווירטשאַפטלעכע מאָ־מענטן דעצידירט אקטועלע פאָליטישע ארגומענטן. אויך איצט, און דוקא איצט, אין אויגנבליק פון די באָדן־באגרענצונגען — איז נויטיק געווען תיכף צו קאָלאָניזירן דעם נאָר־וואָס דערוואָרבענעם באָדן. אויך איצט האָט מען געשטרעבט צו פארמערן יידישע ישובים אין די גרענעץ־געגנטן אין צפון און באזונדערס אין דרום.

דער וויכטיקסטער חידוש פון די לעצטע יאָרן איז — אַ חוץ דער פארשטארקטער קאָלאָניזאציע אין די בערגיקע ערטער, — געווען דאָס אריינדרינגען אין די דרום־געגנטן פון ארץ־ישראל. די פראגע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע אין נגב האָט באשעפטיקט די ציוניסטישע באוועגונג פון איר סאמע אָנהייב. דער ערשטער ממשותדיקער פרווו צו קאָלאָניזירן דעם נגב איז געמאכט געוואָרן אין יאָר 1911 דורך דער גרינדונג פון דער פריוואטער קאָלאָניע רוחמה, וואָס האָט אָבער צוליב איר אָפּגעזונדער־קייט פון אנדערע ישובים ניט געקאָנט לאנג עקזיסטירן.

טראָץ די פילע דיסקוסיעס ארום דער דאָזיקער פראגע איז ערשט אין די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען א ממשותדיקער פאָרשריט אין דער קאָלאָני־זאציע פון דער דאָזיקער געגנט. די קאָלאָניזאציע־גרענעצן זיינען סיסטעמא־טיש איבערגערוקט געוואָרן קיין דרום, און אין יאָר 1943 זיינען ענדלעך

ארויפגעגאנגען די ערשטע מתישבים אויפן קק״ל־באָדן אין באר־שבע־באַ־צירק. אין דער דאָזיקער געגנט, אין וועלכער ס׳זיינען נאך ביז איצט ניט געמאכט געוואָרן קיין פראקטישע פרוון צו באארבעטן דעם באָדן לויט מאָדערנע מעטאָדן און ווו ס׳פעלן נאָך באוואסערונגס־מעגלעכקייטן, איז נאָך דערווייל אוממעגלעך געווען אָנצוהייבן א סטאבילע קאָלאָניזאציע־טעטי־קייט. צוליב דעם זיינען די ערשטע דריי ישובים געגרינדעט געוואָרן אלס „אָבסערוואַציע־פונקטן״ (ג ב ו ל ו ת, ר ב י ב י ם, ב י ת־א ש ל). זייער אויפ־גאבע איז געווען צו דינען אַלס עקספערימענטאלע סטאנציעס אויסצופרו־בירן די אַנטשפרעכנדיקע פאר דער געגנט באַאַרבעטונגס־מעטאָדן, פון איין זייט, און צו בילדן קערנדלעך פאר דער צוקונפטיקער ממשותדיקער קאָלאָניזאציע — פון דער צווייטער זייט. די דאָזיקע משקים האָבן זיך גוט אנטוויקלט און האָבן באוויזן, אז אין נגב זיינען פאראנען גרויסע מעגלעכ־קייטן פאר א ברייטער קאָלאָניזאציע־טעטיקייט, וואָס האָט זיך טאקע אָנגע־הויבן אין א גרויסן פארנעם, דריי יאָר נאָך דער גרינדונג פון די ערשטע ישובים. אין סוף תש״ז (1947) האָבן שוין אין דרום און אין נגב עקזיסטירט 28 ישובים. מיטן אָנהויב פון דער קאָלאָניזאציע אין נגב האָט זיך שוין ניט געפונען קיין שום שטח פון דער יידישער מדינה — לויטן באשלוס פון די פאראייניקטע פעלקער פון דעם 29.11.1947 — ווו ס׳זאָלן ניט עקזיסטירן קיין יידישע ישובים.

מ ס ק נ ו ת

די יסודות פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע

דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אין דעם בוך באַשריבן געוואָרן, שטיצט זיך אויף דער קאָלאָניזאַציע פון די פריערדיקע תקופות — פון די חובבי־ציון, באַראָן ראָטשילד און יק״א. די ציוניסטישע קאָלאָניזאַציע האָט געלערנט פון זייער נסיון און פון זייערע דורכפאַלן. מיט לאַנגזאַמע שריט און פאָרזיכטיק האָט מען געזוכט און גע־פונען אַן אויסוועג פון דעם פּלאָנטער, אין וועלכן די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך געפונען אין ארץ ישראל אין דער תקופה פון דעם באַראָן און יק״א. מיט בשותפותדיקע כוחות האָבן די צוויי הויפּט־פאַקטאָרן פון דעם נייעם ווערק — די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אירע אינסטיטוציעס, פון איין זייט, און די עולים, די נייע מתישבים און זייערע אָרגאַניזאַציעס פון דער צווייטער זייט — אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר פאַרפונדעוועטע און זעלבסטשטענדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים.

אין פינף הויפּט־פּונקטן אונטערשיידעט זיך דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָלאָניזאַציע אין דער פריער־דיקער תקופה:

א) אירע ישובים זיינען ניט געבויט געוואָרן אויף פּריוואַטן באָדן נאָר אויף נאַציאָנאַלן, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן דורכן קק״ל און וואָס איז פאַרפאַכטעט געוואָרן די מתישבים צום באַאַרבעטן; אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּרינציפּ איז מעגלעך געוועזן זיך צו באַנוצן מיטן דערוואָרבענעם באָדן אויף אַ מער שפּאָרזאַמען און סיסטעמאַטישן אופן, ווי אויך צו פאַרלאַנגען פון די מתישבים צו דערפילן די יסודותדיקע פאָדערונגען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע: ע ב ו ד ה ע ב ר י ת א ו ן ע ב ו ד ה ע צ מ י ת (יידישע אַרבעט און זעלבסט־אַרבעט);

ב) די דערמאָנטע צוויי פּרינציפּן, וואָס זיינען פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די אַרבעטער פון דער צווייטער עליה — זיינען אָפיציעל אָנגענומען געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף איר לאָנדאָנער קאָנפע־רענץ אין 1920, דהיינו, אויפן שוועל פון דער תקופה, אין וועלכער זי האָט

אַנגעהויבן אַ ברייט־פאַרצווייגטע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט מיט גרעסערע געלט־מיטלען וואָס זיינען אויפגעזאמלט געוואָרן דורכן קרן היסוד. אין איינקלאַנג מיט די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען פון דעמאָלט אָן געפּלאַנט געוואָרן נייע ישובים, וואָס האָבן בדרך כלל געדאַרפט דערמעגלעכן דעם קאָלאָניסט און זיין משפחה אויסצופירן אַלע אַרבעטן אין משק מיט אייגענע כוחות;

ג) אָנשטאָט די מאָנאָקולטור־ווירטשאַפטן (ד. ה. ווירטשאַפטן, וואָס באַזירן בלויז אויף איין לאַנדווירטשאַפטלעכן צווייג), וועלכע פּראָדוצירן פאַרן אויסן־מאַרק און וועמענס עקזיסטענץ איז צוליב דעם אָפּהענגיק פון די מאַרק־וואַקלענישן — זיינען אויפגעבויט געוואָרן געמישטע ווירטשאַפטן;

ד) די קאַנדידאַטן פאַר קאָלאָניזאַציע האָבן אַדורכגעמאַכט אַ ספּעציעלע לאַנדווירטשאַפטלעכע הכשרה. אויך די פּרויען, אָן וועלכע ס'איז אוממעגלעך דער קיום פון אַ נאָרמאַלן משק, האָבן אָנטיילגענומען אין דער הכשרה;

ה) יעדע קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט איז אויסגעפירט געוואָרן אין אַ ענגער און שטענדיקער צוזאַמענאַרבעט פון אַלע דריי פאַקטאָרן: די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס, די מתישבים און זייערע אָרגאַניזאַציעס. די קאָלאָניסטן איז געגעבן געוואָרן אַ פרייע האַנט אין דער איינאָרדנונג פון זייער ווירטשאַפט, אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם פּלאַן, און ס'איז פון זיי ניט געפאָדערט געוואָרן ווי פריער בלינדע דיסציפּלין לגבי די לייטערס און זייערע באַאַמטע. די מתישבים זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע פאַקטאָרן מיט דער קאָלאָניזיר־אינסטיטוציע. נאָר איינס איז פון זיי געפאָדערט געוואָרן — זיי זאָלן אָנווענדן אַלע זייערע כוחות און ענערגיע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט און זאָלן טראָגן די אחריות פאַר זייער ישוב. אַלס קאָנסעקווענץ פון דעם פּרינציפּ האָט, פון איין זייט, געדאַרפט דערמעגלעכט ווערן די קאָלאָניסטן אויסצופּרווון און אויסצוויילן די אַנטשפּרעכענדיקע געזעלשאַפטלעכע פאָרם פאַר זייער קאָלאָניזאַציע און די קעגנזייטיקע צופּאַסונג פון די חברים, און פון דער צווייטער זייט, איז אָנערקענט געוואָרן, אַז די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציע דאַרף ניט דערנידעריקן זייער כבוד דורכן קצבה־סיסטעם, נאָר זי זאָל דערלאַנגען איר הילף אין דער פאָרם פון אַ לאַנגטערמיניקן קרעדיט אויף לייכטע באַדינגונגען. טראָץ דער קריטיק, וואָס איז פון פאַרשידענע זייטן אויסגעאיבט געוואָרן קעגן די דאָזיקע פּרינציפּן אָדער קעגן אַ טייל פון זיי, האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציעס זיי ניט אויפגעגעבן, און די אַנטוויקלונג פון דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק האָט באַוויזן, אַז זיי זיינען געווען באַרעכטיקט.

אַ באַזונדער שאַרפע קריטיק איז אַ לאַנגע צייט אָנגעפירט געוואָרן אַ קעגן דער כלומרשט צו גרויסער פרייהייט, וואָס איז צוגעשפּראָכן געוואָרן די מתישבים ביים אויסוואַל פון דער קאָלאָניזאַציע־פאָרם אין ווירטשאַפטלע־

כער און געזעלשאַפטלעכער הינזיכט. דורך דעם — האָבן די קריטיקער גע־טענה׳עט, מוז דאָס יונגע און ניט־דערפאַרענע קאָלאָניזאַציע־ווערק זיך באַ־שעפטיקן מיט „סאָציאַלע עקספּערימענטן״, וואָס האָבן ניט קיין שום שייכות צו דער עצם אויפגאַבע פון אויפבוי: ס׳איז דערפאַר פאַר אונז בעסער צו גיין אויף די אויסגעפּרוווטע וועגן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אין אַנדערע לענדער.

ס׳איז ניט צו פאַרלייקענען, אַז די דאָזיקע עקספּערימענטן האָבן ניט איינמאָל פאַרשאַפט שוועריקייטן די יונגע ישובים. אָבער ס׳איז אויך קיין ספק ניט, אַז גייענדיק אויף די וועגן פון דער פריערדיקער קאָלאָניזאַציע וואָלט מען ניט מצליח געווען צו באַפרייען די פאַרבאָרגענע שאַפונגס־כוחות און צו דערוועקן התלהבות און מסירות־נפש ביי די אַרבעטער אין דער מאָס, אין וועלכער זיי זיינען געקומען צום אויסדרוק דוקא א דאַנק די וועג־זוכענישן, געשטיצט אויף א שטאַרקן ווילן אויפצובויען דעם נייעם ישוב אויף בעסערע און גערעכטערע געזעלשאַפטלעכע יסודות פון די ביזאיצטיקע. פון דער דאָזיקער שטרעבונג זיינען געשאַפן און אויסקריסטאַליזירט געוואָרן צוויי נייע קאָלאָניזאַציע־פאָרמען: די קאָלעקטיוויסטישע (קבוצה—קיבוץ) און דער מושב עובדים. ס׳איז נאָך היינט צו פרי אַרויסצוזאָגן אַן ענדגילטיקע מיינונג וועגן דיביידע טיפּן, וואָס געפינען זיך נאָך דערוויל אין זייער אַנטוויקלונג. אָבער איינס קען שוין יאָ געזאָגט ווערן: ביידע איז געלונגען צו אַנטוויקלען אַ זעלבסטשטענדיקע און רענטאַבילע ווירטשאַפט אין ארץ־ישראל, וועמענס דערגרייכונגען זיינען ניט קלענער פון די גוט אַנטוויקלטע לאַנדווירטשאַפטן אין אייראָפּע, און די געלטער וואָס זיינען פאַרווענדעט געוואָרן אויף זייער אויפבוי האָבן ניט איבערגעשטיגן די הוצאות פון ענלע־כע ווירטשאַפטן אין אַנדערע קאָלאָניזאַציע־לענדער אָדער זיינען נאָך צומאָל קלענער געווען פון יענע. אָבער נאָך וויכטיגער פון דעם זיינען די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן אין דער פראַגע פון דעם מענטשן־באַלאַנס: ס׳איז אין די ישובים אויסגעוואַקסן א דור פון פרייע מענטשן, וואָס זיינען מיט זייער גאַנצן לייב און לעבן פאַרבונדן מיט דער ערד, אויף וועלכער זיי זיינען אויסגעוואַקסן, און זיי זיינען בארייט צו יעדן קרבן וואָס וועט פון זיי געפאָדערט ווערן, כדי אָפּצוהיטן די ערד פאַר זיך אליין און פאַרן פאָלק.

אויך דער פּרינציפּ פון זעלבסט־אַרבעט און פון ניט באַשעפטיקן לוין־אַרבעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרעכטיקט, ווען אויך אין באַשטימטע פאַלן איז געווען דרינגענד נויטיק צו באַנוצן זיך מיט לוין־אַרבעטער, כדי צו דערהאַלטן די ווירטשאַפט. היינט מוז יעדער מודה זיין, אַז דוקא דער דאָזיקער פּרינציפּ האָט דערפילט א גאָר חשובע ראָל ביים אויפבוי פון געזונטע ווירטשאַפטן.

אויך דער פּרינציפּ פון געמישטער ווירטשאַפט האָט זיך אין לויף פון דער צייט פולשטענדיק באַרעכטיקט. די צייטן פון מהומות, קריזיסן און מלחמה האָבן באַוויזן, ווי ווייט ס'איז געווען גערעכט די אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָט ניט געוואָלט באַזירן איר קאָלאָניזאַציע־ווערק בלויז אויף איין־און־איינציקן לאַנדווירטשאַפטלעכן צווייג, וואָס איז געווען פאָרויסגעזען פאַרן אויסלענדישן מאַרק. אמת, די גרויסע הכנסות, וואָס זיינען אין די נאָרמאַלע צייטן איינגעפלאָסן פון דעם עקספּאָרט פון די ציטרוס־פּרוכטן, זיינען געווען זייער וויכטיק פאַרן ווירטשאַפטלעכן באַלאַנס פון דעם לאַנד, און ס'איז נויטיק אויך אויף להבא פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער פּראָדוקציע צו פאַרזיכערן אָפּזאַץ־מערק. אָבער כל זמן דער אייביקער שלום צווישן די פעלקער איז נאָך ניט געזיכערט — דאַרף געזאָרגט ווערן, אַז די נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט זאָל אַליין פּראָדוצירן די נויטיקסטע דערנערונגס־מיטלען. ווער ווייסט, צי דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל וואָלט געווען אויסגעהאַלטן אין די געשעענישן פון 1936—1939, און ווי שווער ס'וואָלט געווען זיין לאַגע אין דער מלחמה, ווען ער וואָלט ניט געווען באַקומען פּראָדוקטן פון די געמישטע ווירטשאַפטן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אונטער איר לייטונג און מיט איר פינאַנסיעלער הילף. אַרויסגייענדיק פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט קען מען גענוי אָפּשאַצן דעם גרויסן זכות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער מיט זייערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער געמישטער ווירטשאַפט אין אונזער קאָלאָניזאַציע, טראָץ דער שאַרפער קעגנערשאַפט, וואָס האָט זיך דערהויבן פון פאַרשידענע ריכטונגען און טראָץ די פילע שוועריקייטן, וואָס מען האָט געדאַרפט גובר זיין, ווי: די אַמעליאָראַציע פון מאָגערן און קראַנקן באָדן, אַ מענטשן־מאַטעריאַל מיט גרויסע סאָציאַלע און קולטורעלע פאָדערונגען און אָן גענויגענדער הכשרה, דאָס פעלן פון די נויטיקע געלט־מיטלען, דאָס פעלן פון ידיעות איבער די קלימאַטישע באַדינגונגען פון לאַנד און די אַנטשפּרעכנדיקע באַאַרבעטונגס־מעטאָדן. ס'איז דערפאַר קיין וווּנדער ניט, וואָס דער פאַרווירקלעכונגס־וועג איז געווען פול מיט פעלערן און דורכפאַלן. מען קען אָבער שוין היינט דרייסט זאָגן, אַז דאָס ווערק אַלס אַזעלכעס איז געלונגען, טראָץ דעם וואָס ס'נויטיקט זיך נאָך אין אַלערליי אויסבעסערונגען. די געמישטע ווירטשאַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן פון דער תבואה־קולטור, אַלס דעם הויפּטצווייג, און וואָס האָט נאָך דעם אַרומגענומען די מילך־ און עופות־ווירטשאַפט און שפּעטער אויך אַנדערע צווייגן, אָנהייבנדיק פון שאָף־ און בין־צוכט ביז פּלאַנצונגען פון וויינטרויבן, באַנאַנעס און אייראָפּעאישע פּרוכטן — איז אין די לעצטע יאָרן, אַ דאַנק דער אַנטדעקונג

און אַנטוויקלונג פון נייע וואַסער־קוואַלן, אין אַ שטייגנדיקער מאָס איבער־געגאַנגען צו אינטענסיווע קולטורן (ווי גרינסן, קאַרטאָפל א. א.).

א קורצער סך־הכל

אין יאָר 1882 האָט די צאָל יידן אין לאַנד באַטראָפן 24.000, וואָס האָבן אויף דאָס רוב געוווינט אין די שטעט. 65 יאָר שפּעטער (אין 1947) איז שוין אין ארץ־ישראל געווען 660.000 יידן (איבער 33% פון אַלע איינוווינער פון לאַנד). פון זיי האָבן 165.000 (25%) געוווינט אין דאָרף, 427.000 (64%) אין די גרויסע שטעט, 68.000 אין די קליינע האַלב־שטאָטישע־ישובים. פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג האָבן אין 1947 געוווינט 85.000 אין 44 קאָ־לאָניעס, אויף דאָס רוב אין די פּלאַנטאַציעס־קאָלאָניעס און 15.000 אין 39 קאָלאָניעס פון מיטלשטאַנד, וואָס זיינען באַזירט אויף געמישטער ווירט־שאַפט. 18.300 האָבן געוווינט אין 72 מושבי עובדים און 43.300 — אין 145 קאָלעקטיווע ישובים (קיבוצים און קבוצות). צו זיי דאַרף מען צוגעבן 31 קיבוצים פון לוין־אַרבעטער אין די מושבות מיט 4.150 נפשות און ענדלעך 3.300 אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע שולן און אין די לערן־פערמעס.

די קאָלאָניעס זיינען טיילווייז אַנטשטאַנען מיט דער הילף פון דעם באַראָן ראָטשילד און יק״א (וועלכע האָבן, ווי דערמאָנט, אין 1923 געגרינ־דעט די קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט פּיק״א), וואָס האָבן אויף דעם צוועק אויסגעגעבן 5½ מיליאָן פונט בערך. די קאָלאָניסטן אַליין האָט די ווייטער־דיקע אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע קאָלאָניעס אָפּגעקאָסט לכל הפחות נאָך צוויי אָדער אפילו דריי מאָל אַזוי פיל. מיט די דאָזיקע געלטער זיינען, כמעט אָן שום אונטערשטיצונג מצד געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, אַנטוויקלט געוואָרן די ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, וואָס ציען זיך אויף א שטח פון איבער 120.000 דונאַם בערך און פּראָדוצירן דעם חשובסטן עקספּאָרט־אַרטיקל פון דעם לאַנד. אויך די קאָלאָניעס פון דעם מיטלשטאַנד זיינען בעיקר געגרינדעט געוואָרן אויף אייגענע מיטלען פון די קאָלאָניסטן, ווען אויך די באַטייליקונג פון די נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציע־אינסטיטוציעס איז ניט געווען קיין קליינע. דאַקעגן איז זייער קליין געווען דער אַנטייל פון דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַל אין דער גרינדונג פון די אַרבעטער־ישובים, וואָס זיינען באַזירט אויף געמישטער ווירטשאַפט: מושבי עובדים, קיבוצים און קבוצות. די דאָזיקע זיינען כמעט אויסשליסלעך געגרינדעט געוואָרן אויף נאַציאָנאַלע געלטער. דעם באָדן האָבן זיי באַקומען אין פּאַכט פון דעם קק״ל און די הלוואות צו דער גרינדונג פון דער ווירטשאַפט — פון דעם קרן היסוד. ביז סוף תש״ז האָט דער קק״ל אויסגעגעבן 9,194.000 פונט אויף צו דערווערבן לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן, אויסצוטריקענען זומפּן און צוגרייטן דעם באָדן,

און דער קרן היסוד — 8,221.612 פונט (42%) פון אלע זיינע אינוועסטיציעס אין לאנד) אויף לאנדווירטשאפטלעכער קאָלאָניזאציע און אויף דער פאַר־שטארקונג פון יידישער ארבעט אין דער לאנדווירטשאפט.

פון קליינע התחלות און דורך גרויסע שטערונגען האָט זיך דאָס יידי־שע קאָלאָניזאציע־ווערק אין ארץ־ישראל געבאַנט זיין וועג. אָן ממשותדיקער הילף מצד דער רעגירונג איז די יידישע לאנדווירטשאפט אין ארץ־ישראל, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דער פריוויליקער צוזאמענארבעט פון די מתישבים און זייערע אָרגאניזאציעס מיט די נאציאָנאלע קאָלאָניזיר־אינסטי־טוציעס, דערגאנגען צו א מדרגה, אויף וועלכער עס געפינט זיך די לאנד־ווירטשאפט אין די קולטורעלסטע לענדער. דערצו האָט אין א גרויסער מאָס גורם געווען די פלאנירונגס־טעטיקייט און די לייטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע און פון אירע אינסטיטוציעס. אַ סך האָבן געהאָלפן די אויס פאָרשונגס־ארבעטן און די אינסטרוקטאָרן פון דער לאנדווירטשאפטלעכער עקספערימענטאַלער סטאנציע און די פרוכטבארע טעטיקייט פון די לאַנד־ווירטשאפטלעכע שולן און לערן־פערמעס. אָבער די עיקר דערגרייכונג איז א פראָדוקט פון דער עקשנות, מסירות־נפש און אויסבילדונג פון די מתישבים, וואָס האָבן דאָ געפונען אַ פולע מעגלעכקייט אויסצודריקן זייערע שאפונגס־פּאָטענצן אין מעשים. זיי האָבן געטריקנט זומפּן, אָפגערייניקט די בערג און פעלדער פון שטיינער, האָבן פארוואנדלט מדבריות אין פרוכט־בארע גערטנער און האָבן זייער אָפט מקריב געווען זייער געזונט און לעבן, כדי דורך זייער ארבעט צו שאפן קאָלאָניזאציע־מעגלעכקייטן פאר זייערע חברים, פאר זייערע קינדער אין לאנד, פאר זייערע ברידער אין גלות.

אַ סך איז געזאָגט און געשריבן געוואָרן אין דער פראגע, צי ארץ־ישראל וועט פעאיק זיין אויפצונעמען גרויסע מאסן פון נייע עולים. די ווירקלעכקייט האָט איבערגעשטיגן די אלע דאָזיקע אָפיציעלע אָפּשאצונגען. אין יאָר 1930 האָבן בריטישע ספעציאליסטן דערקלערט, אז ס׳איז אין ארץ־ישראל שוין ניט פאראן קיין פלאץ פאר נייע מתישבים; פון דעמאָלט האָט די יידישע באפעלקערונג אין שטאָט און אין דאָרף געוואַקסן דרייפאַך. עס איז קלאָר געוואָרן: די אויפנאמספעאיקייט פון ארץ־ישראל איז אפהענגיק פון די מיטלען, וואָס וועלן אין לאנד אינוועסטירט ווערן און פון די אָנ־שטרענגונגען, וואָס וועלן געמאכט ווערן און פון דעם מענטשן־מאטעריאל, וואָס וועט טעטיק זיין אין לאנד. זאָל נאָר דעם יידישן פאָלק געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו מאָביליזירן פאר דעם ציל זיינע מיטלען און כוחות — און די וועלט וועט זיך איבערצייגן ,אז ס׳איז אין לאנד נאָך פאַראַן פלאץ פאר מיליאָנען יידן, וואָס גארן נאָך פרייהייט און באפרייאונג און וואָס האָפן דאָ אויסצובויען זייער היים.

די שטויס-קראַפט צו שיבת-ציון *

דער פּאַרשריט פון דער יידישער לאַנדווירטשאַפט אין ארץ־ישראל האָט צעשטערט די שווארצע נבואות פון די פּעסימיסטן און פון די קעגנער און האָט אויך איבערגעשטיגן די האָפנונגען פון די גוטע פריינט. די דער־גרייכונגען פון די יידישע מתישבים אין ארץ־ישראל שטייגן פיל איבער די רעזולטאטן, וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אנדערע לענדער (אוקראַינע, קרים, ארגענטינע און ביראָבידזשאַן). די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט געדינט אלס שניידנדיקער באַווייז פאר די קאָלאָניזאַטאָריש־חלוצישע אייגנשאַפטן פון דעם יידישן פאָלק און פאר די מעגלעכקייטן פון א גרויסצוגיקער יידישער לאַנדווירט־שאַפטלעכער קאָלאָניזאַציע אויף פּראָדוקטיווע יסודות.

די באַזונדערע הצלחה פון דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז ניט קיין צופאַל. אירע וואָרצלען שטעקן אין די ספּעציפישע הויפּט־גורמים, וואָס אונטערשיידן די ארץ־ישראלדיקע קאָלאָניזאַציע פון ענלעכע פּרוּוון אין אנדערע לענדער. די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט געצויגן איר יניקה פון דעם דערהויבענעם געדאַנק וועגן דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים. דער דאָזיקער געדאַנק איז געוואָרן א מקור פון דערוואַ־כונג און התלהבות, אָן וועלכע ס'איז אוממעגלעך צו איבערווינדן די שווע־ריקייטן פון מעשי־בראשית און די מאַטערנישן און פאַרצווייפלונג וואָס באַגלייטן חלוצישע אויפטוען. דער חלוץ פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט געוווּסט, אז אים דערוואַרט דאָ הארעוואַניע און זעלבסטאָפּפערונג און ניט ריווחים און געמיטלעכקייט. פאַרן מתישב איז ניט געשטאַנען די פראַגע פון מאַטעריעלע רווחים און אויך ניט די פראַגע פון אויסוויילן א פּאַסיקן באַרוף פאר זיך. באַגייסטערט פון זיין איבער־געבנקייט צו דער אידיי, האָט ער געפּאַסט אַ קלאָרן באַשלוס זיך ווידמען די חלוצישע אויפגאַבן אין לאַנד, אפילו ווען אין א מאַטעריעלער הינזיכט זאָל דאָס פאר אים בילדן גרויסע שוועריקייטן און אים ווייניקער אריינטראָגן ווי יעדע אנדערע פּראָפעסיע, וואָס ער וואָלט זיך געקאָנט אויסקלייבן. אָן דער דאָזיקער שטרעבונג און אָן דעם אידעאַליסטישן יסוד וואָלטן ניט געווען אנטשטאַנען די נייע ישובים אָדער זיי וואָלטן נאָך א קורצער צייט פאַרלאָזט געוואָרן. דער פלאַם פון נאַציאָנאַלער איבערגעבנקייט האָט געפלאַקערט אין די הערצער פון די מתישבים און פון דעם יונגן דור וואָס איז געבוירן

---

* דער דאָזיקער פּרק איז לויט א. רופּין'ס לעצטע שאַפונג: „אונזער לאַנד־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע".

אויף דער ארץ־ישראל׳דיקער ערד. דער נאַציאָנאַלער ענטוזיאַזם בילדעט אויך היינט דעם יסוד און וועט דאָס דערפילן אויך ווייטער, און אָן אים וועט די קאָלאָניזאַציע ניט גיין פאָרויס.

דער דאָזיקער גייסט האָט זיך געשטארקט א דאנק די באַציאונגען, וואָס האָבן עקזיסטירט צווישן די מתישבים און די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויף דעם מתישב איז ארויפגעלייגט געוואָרן די פולע אחריות פאר זיין ווערק, די באַציאונג צו אים איז געווען אזוי ווי צו א גלייכבארעכטיקטן שותף אין גרויסן נאַציאָנאלן אויפטו, און ער איז גערופן געוואָרן זיך צו באטייליקן אין זיין שאפונג. ס׳זיינען ניט געווען קיין באפעלן פון א העכערער מאכט, וואָס האָבן געקענט דערוועקן ביים מתישב א געפיל פון א געדונגענעם ארבעטער און שטערן דער אנט־פלעקונג פון זיין שאפונגס־כוח. להיפך, ס׳איז אַלץ געטאָן געוואָרן, כדי צו שטארקן זיין אחריות־געפיל און זיין פערזענלעכע גאראנטיע פאר דער הצלחה פון דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק. אָן דעם וואָלט זיך דער מתישב גע־פילט ווי א קליין און ניט־וויכטיק שרייפעלע פון א גרויסער מאשין, אויף וועמענס ריכטונג ער האָט קיין שום השפעה ניט. דער מתישב קען נאָר דעמאָלט ווידמען אלע זיינע כוחות און ענערגיע דעם געמיינזאמען ווערק, ווען די קאָלאָניזיר־אינסטיטוציעס שאפן אַן אטמאָספער פון פארטרויען און אכטונג פאר זיין פלייסיקייט און איבערגעבנקייט. שוין פון אָנהייב איז מען זיך באוווסט געווען, אז די הצלחה פון דעם ישוב איז אפהענגיק ניט בלויז פון דער לעזונג פון דער טעכניש־לאנדווירטשאפטלעכער פראָבלעם, נאָר אויך פון די סאָציאָלאָגישע און פסיכאָלאָגישע פראָבלעמען.

אַן אנדערער פאקטאָר וואָס האָט משפיע געווען אויף דער הצלחה פון דער ארץ־ישראלדיקער קאָלאָניזאַציע איז געווען דער פאקט, וואָס זי האָט, אין קעגנזאץ צו דער קאָלאָניזאַציע אין אנדערע לענדער, ניט פאָרגעזעצט די פרימיטיווע לאנדווירטשאפטלעכע שיטות, וואָס זיינען געווען אָנגענומען אין לאנד און האָט אָנשטאָט דעם אַנטוויקלט אַ נייעם און פאָרגעשריטענעם טיפּ פון לאנדווירטשאפט, וואָס איז מער צוגעפאסט צו דער אנטוויקלונג און פעאיקייטן פון דעם יידישן מתישב. די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך באנוצט מיט אלע מיטלען פון דער מאָדערנער וויסנשאפט, כדי צו שאפן אַן אינטענסיווע לאנדווירטשאפטלעכע שיטה, א דאנק וועלכער דער ייד זאָל קענען אָנווענדן זיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן און פאַרזיכערן בעסערע רע־זולטאטן, ווי ס׳האָט דערגרייכט דער אראבישער פעלאך אין זיין פרימיטיווער ווירטשאפט. אין אלגעמיין דארף געזאָגט ווערן, אז די טענדענץ פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע איז געווען ניט צוצופאסן זיך צום נידעריקן ניוואָ פון דער לאנדווירטשאפט אין לאנד, נאָר צו שאפן א מאָדערנע לאנדווירט־

שאפטלעכע שיטה, וואָס זאָל דערמעגלעכן דעם יידישן מתישב אויפצוהאלטן זיין הויכן לעבנס־סטאנדארט, אַנטשפּרעכנד צו זיינע קולטורעלע פאָדע־רונגען, געזונטהייט און קינדער־דערציאונג.

דאָס אויפוואקסן פון דעם מוטיקן צווייטן דור, וואָס איז טריי בלב ונפש דעם ווערק, איז אפשר דער וויכטיקסטער רעזולטאט פון דער יידישער קאָ־לאָניזאציע. זיין דערציאונג איז לכתחילה געגאנגען אין דער ריכטונג צו דער־קענען די לאנדווירטשאפט און זיך מיט איר צו פארבינדן. די 16־יעריקע קינדער פון די מתישבים זיינען מער צוגעפאסט צום לאנדווירטשאפטלעכן לעבן און אין אים מער פארוואָרצלט ווי זייערע עלטערן, וואָס זיינען, אויף דאָס רוב, דערצויגן געוואָרן אין די שטעט. שוין דער פאקט אליין פון אויפ־וואקסן אין אן ארבעטענדיקן ישוב גיט א גוטע לאנדווירטשאפטלעכע דער־ציאונג. דער צווייטער דור פון די מתישבים בארעכטיקט די פילע האָפנונגען אויף גרעסערע דערגרייכונגען אין דער צוקונפט — אין פארגלייך מיט די וואָס זיינען דערגרייכט געוואָרן דורכן איצטיקן דור פון די חלוצים־לאנד־ווירטן.

צום סוף קען געזאָגט ווערן, אז דאָס הויפּט־פארמעגן וואָס איז ביז היינט צו טאָג דערוואָרבן געוואָרן אין דער יידישער לאנדווירטשאפט — איז די גרויסע חלוצישע און לאנדווירטשאפטלעכע דערפארונג, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט אין משך פון יאָרן. די יידישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָ־ניזאציע איז שוין בשלום אריבער די פּראָבע־צייט, און ס'איז צו האָפן אויף איר ווייטערן וווּקס און פאָרשריט אין דער צוקונפט.

אויסגאבן פון דער מהלקת »החלוץ« אין יידיש

יסודות

א סעריע פון גרונט־ביכער:

1. די הסתדרות,
זאמלבוך, ערשטער באנד, רעדאקטירט פון צ. ראָזענשטיין

2. אויסגעוויילטע שריפטן פון א. ד. גאָרדאָן —
לויט דער רעדאקציע פון נ. תרדיון

3. די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע
אין ארץ ישראל פון א. ביין

קירצלעך דערשיינט:

4. די געשיכטע פון ציוניזם —
פון ד״ר ברוך בן־יהודה

»פארן החלוץ«

ביז איצט דערשינען:

1. וואָס איז אַזוינס די הסתדרות? פון צ. ראָזענשטיין
2. די צווייטע עליה פון ד. קלעי
3. די דריטע עליה פון י. רעזניטשענקאָ
4. די כנסת ישראל פון ד. בר־רב־האי
5. אין אָנהויב (זאמלונג פון זכרונות און דערציילונגען פון ארץ־ישראלדיקן לעבן)
6. די ביל״ויים פון ש. בן־ציון
7. די ציוניסטישע קאָנגרעסן פון ג. קרעסעל
8. ערד (זאמלונג פון דערציילונגען און בילדער)
9. דער נגב פון י. בראָסלאַווסקי
10. ישראל אין קאמף (זאמלונג פון שילדערונגען און רעפּאָרטאזשן פון דער יידיש־אראבישער מלחמה)

»דפים למדריך בגולה«

ביז איצט דערשינען:

העפט א׳, חודש אייר: דער ערשטער מאי — י. ח. ברענער — ל״ג בעומר

העפט ב׳־ג׳, סיון־תמוז: חג השבועות — ט הערצל — ח. נ. ביאליק

העפט ד׳, אב: תשעה באב — ב. קאַצענעלסאָן

העפט ה׳־ו׳, אלול־תשרי: עמק יזרעאל — ימים נוראים — חג הסוכות — ש. טשערניכאָווסקי

העפט ז׳, חשון: באַלפור־דעקלאַראַציע — צ. ה. קאַלישער

העפט ח׳, כסלו: י. ל. פינסקער — חנוכה — די הסתדרות

העפט ט׳, טבת: אחד־העם — א. רופין

העפט י׳, שבט: י. ויתקין — א. ד. גאָרדאָן — ט״ו בשבט

העפט י״א־י״ב, אדר־ניסן: י. טרומפעלדאָר — י״א אדר, — משה העס

העפט י״ג: ב. באָראָכאָוו — ח. ארלאָזאָראָוו



די געגנט פון דגניה — 1909

די געגנט פון דגניה — 1942

עין חרוד — אין אנהייב

עין חרוד — היינט : באסיינען פאר פישצוכט ; אויפן הונטערגרונט — דער קיבוץ





בית אלפא — אין אנהייב און היינט



נהלל, דער ערשטער מושב עובדים



דאס דרעשן אין די ערשטע יארן פון דער יידישער קאלאניזאציע

הײַנט צו טאג — דער קאמביין שניידט און דרעשט





מילך־ווירטשאפט





הינערצוכט



שעפסן אויף דער פאשע



אין א פרדס



גערטנעריי



בינענצוכט

יידישע פישער אויפן ים כנרת



לאנדווירטשאפטלעכע אינדוסטריע (פאבריקאציע פון אראנזשן־זאפט און מארמעלאדע)

ראש־פינה — א יידישע מושבה אין גליל העליון

חדרה — א מושבה אין שומרון

כפר ויתקין, א מושב עובדים אין עמק חפר



קרית ענבים — א קבוצה אין די בערג פון יהודה



אין טאל פון בית־שאן



אין דעם נגב



נוה־ים, א פישער־קבוצה אויפן ים־ברעג



ירושלים (די ניישטאט)



דער פּאָרט אין תל־אביב



חיפה און איר פארט



א פאבריק אין ארץ־ישראל